


אויף דעם קבר פון יצחק לייב פרץ

ביז ס'וועט קומען אונזער שעה,
איז אזויפיעל פרייד נאָך דאָ,

וואו די אויגען נאָר געווענדט,
ווערסט פון וואונדער באַלד פערבלענד.—

קינדער, וואָס קוים קענען שטעהן,
הויבען פּלוצים אָן צו געהן.

טאָג איז, העל איז, זונענשיין,
און אָט הילט די נאכט זיך איין.

צווישען דיינע שווארצע האָר,
זעה, עס וואקסט א גרויע גאָר.

און אזוי פון טראָט אויף טראָט,
וואונדער, וואונדער פון זיין גנאָד.

זישאָ לאַנדוי.

עס קומט דער טויט אריין אין הויז.
ער קומט ניט מיט קיין הינטער וועג.
און עפענט קיין בעהאַלטנע טיר —
און טראָגט פון שטוב אַ מענש אוועק.
— — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — —

אין ווינקעל ברענט אַ קליינער לאָמפּ
און גיסט אַ שטילען שיין ארום;
די שפּיגלען הענגען בלינד און פרעמד,
און פרעמדע מענשען זיצען שטום.

זיי דאכט זיך, פון אַ צווייטער שטוב,
אַ האַלב פאַרטויבטער קרעכץ זיך הערט.
און עמיץ אין אַ פרעמדער שפּראַך
פּאַפּיער און טינט און פען באַגעהרט.

און פלעשלעך, גלעזלעך וואַלגערן זיך
אויף פענסטער, טישלעך אום צושפּרייט.
שירים פון אַ ווילדען פעסט —
עס איז געוועזן צו נאַסט דער טויט...

י. ראַלניק.

דאָס קינד האָט גע׳גוסס׳עט, א ליכט האָט געברענט—
די מאמע האָט ביטער געבראָכען די הענט.

דער ווינט האָט אין פענסטער א קאלטער געוועהט —
אין פענסטער געוועהט האָט דער אייביגער טויט.

א איד איז געקומען פארמאטערט פון ווינד,
און ערגעץ אוועק אין דער נאכט מיט דעם קינד.

די מאמע אליין האָט געוויינט אין דער שטיל.
געבויגענערהייט זיך געזעצט אויפ׳ן דיל.

געזעסען, געוויינט, און געבראָכען די הענט—
דער ווינט האָט געוועהט, און א ליכט האָט געברענט.

מאַני לייב.

כ׳זאָל דאָס רעכט פון מתים האָבן—
קענען אָנזאָגן מיין ווילען
דורכ׳ן חלום,
וואָלט איך צו דעם טאַטען קומען
איהם אזוי צו זאָגען:
טאַטע מיינער!
געה אוועק אין יענעם שטעדטעל,
וואו דו האָסט דיין שטילע יוגענד
אָבגעוואָגעלט,
טאָג אויף טאָגביים הארטען שטענדער
און די נעכט אויף בענקלעך הארטע,
געה אין קלויז אריין,
וואו די ווענד, געקרימט פון עלטער
ווענלען נאָך דיין קול דערקענען,
און זאָלסט בעטען:
—ס׳האָט מיין זוהן א ווירבעל־שטורם
פון זיין היים אין ווייטער פרעמדקייט
אָבגעריסען.
פרעמדע לענדער, פרעמדע פעלקער
קענען נאָר דעם קאָפּ, דעם מידען
אָברוה געבען.
אבער ס׳איז נישטאָ קיין ווינקעל
אין דער פרעמד פאר א נשמה,
א פערבענקטער

נאָכ'ן קוואל פון איהר חיונה.
חאָטש איהר האָט זיין שטימע קיינמאָל
נישט פערנומען,
דאָך פון ווייטענישען אייביג
האָט צו איך מיין זוהן גערופען,
וועגד, איהר אלטע,
וואָס איהר האָט אזוי פיעל דורות
שטילע ציטריגע נשמות
שוין בעשירעמט. —
נעהמט אריין אויף די נשמה
פון מיין זוהן, אין פרעמד פערוואָגעלט,
און בעשיצט זי...
זאָלסט אזוי זיי, טאטע, ביטען.
און אין ווינקעל, וואו דיין יוגענד
איז פערגאנגען
אין א פרומען אומעט־נגון,
זאָלסטו אָנצינדען א ליכטעל,
א נר־תמיד
פאר מיין היימלאָזער נשמה—
זאָל חאָטש האָרט א פלעמיל צאנקען
פאר מיין לעבען
אינ'ם אומעטיגען ווינקעל,
וואָס וועט שוין מיין שטימע קיינמאָל
נישט דערהערען.

מנחם.

שטילער! שטילער! ווערט אנשוויגען.
איך וועל שטאַרבען. איך געה אויס.
דעקט מיך צו און לאָזט מיך ליגען.
דעקט מיך צו און געהט ארויס.

ברענגט מיר נאָר א ווייסען קישען,
און אן אויסגעוואשען העמד.
ריינע וואַסער אָב צוגיסען,
מיינע איינגעשמוצטע הענד.

הויבט מיר העכער אויף דעם קישען.
און דעם קאָפּ אויך, אָט אזוי!
וועל בעצייטענס נאָך פערשליסען
מיינע אויגען. אָט אזוי!...

לייוויק האַלפּער.

---

מיין גאָט! מיין גאָט!
עס ווערט מיר אזוי אומעטיג!
עס ווערט מיר אזוי שווער!
וואו זאָל איך זיך בעהאַלטען וואו?
פון אַלעמען, פון זיך אליין.
מיין גאָט! מיין גאָט!

ר. אייזלאַנד.



פון קראטקא.

אױן דו ביזט טױט. —
אױן מיר, װאָס דאַרפֿען װי אַבלים איצט אַרומגעהן שטום
אױן טיעף־געבױגענע, מיר רינגלען אונזער פֿאָלק אַרום
װי מױדען אין אַ שענק ביי נאַכט אַ שכור'ען מאַגנאַט.
אױן טרערען האָבען מיר, אױן רייד װי פֿעריל, רונד אױן גלאַט.
אױן הענד אױך ברעכען מיר, צו װײַזען אונזער טיעפֿען װעה.
אױן איבער גאַסען װײַט אױן ברייט צוטראָגט זיך דאָס געשריי
פֿון סוחרים, אַלטע לײַט אױן קינדער אױך, װאָס אײַלען זיך,
אױן באָטען אָן צום קױף דאָס בלאַט, װאו טעלעגראַפֿיש־גיך
ענטפּלעקט מען אונז, מיט רױט אױף װײַס, אַז ס'קלאַפּט ניט מעהר
דײַן האַרץ.
אױן װי אַ שטיװועל־פּוץ־רעקלאַם, איז אײַנגעפּאַסט אין שװאַרץ
דײַן גרױער טױטער קאָפּ. אױן װער עס האָט אין מױל אַ צונג,
קלאַפּט אױס אַ ריטמיש װעה־געזאַנג, װי ס'קלאַפּט אַ שוסטער־יונג
אַ גראָבען טשװאָק אַרײַן אין קנאַפּעל פֿון אָן אַלטען שוך.
אױן יעדעס װאָרט איז פֿול מיט קױטיגקייט אױן שװייס־גערוך,
װי נעגער־פֿלייש. — אױן אַלץ איז סחורה בלױז, צום שװאַרצען יאָהר!
מיר האַנדלען דאָך מיט אַלץ, מיט אַלץ, מיט װאָס עס לאָזט זיך־נאָר,
מיט תורות, װי מיט חזיר־האָהר, מיט מענש אױן טיװועלס־קױט.
אײן װאַונדער נאָר: פֿאַרװאָס מיר האָבען נאָך ביז הײַנט, ביים טױט
ניט אױסגענאַרט זײַן מאָרד־געצייג, פֿאַר שנאַפּס אױן קופּער־געלד.
װייל װאָס קען זײַן ניט מעגליך דען, אין אָט דער נײַער װעלט?
װאו אַלע, אַלע דרעהען זיך אַרום דעם קרעמער־גאָט,
װי רױטע, װילדע װעלדער־זיהן, װאָס טאַנצען אין אַ ראָד,
אַרום צולעגטע פֿײַערען מיט פֿױקען אױן געזאַנג. — — —
יאָ! קײנמאָל, קײנמאָל נאָך האָט ניט דער שרעק פֿון אונטערגאַנג
גערעדט צו מיר אַזױ װי איצט; מיט װיסטען מאַרקט־געשריי
פֿערטילגען מיר דאָס הייליגסטע אין אונז, דאָס טיעפֿסטע װעה
פֿערקױפֿען מיר אױף װאָג אױן מאָס — אױן גאָרנישט שרעקט אונז מעהר
דער טױט אַליין — װי שטאַרק ער זאָל אונז טרעפֿען ניט, װי שװער
זאָל זײַן, אַ קעניג אונזערער ליגט טױט — מיר דעקען אָפּ
אַזױ אָהן שאַנד זײַן האַרץ, װי ס'ציהט דער שינדער־יונג אַראָפּ

דאָס פעל פון טויטען לייב. און ווי די שווארצע ראָב בעפאלט
דעם טויטען אָדלער אויף דער ערד, בעפאלען יונג און אלט
דעם קעניגס טויטען־בעט און טאפּען אָן זיין קרוין, זיין שווערד;
און סמאָטשקען מיט'ן צונג פון פרייד און שעצען פיעל ס'איז ווערטה. —
און אויב ס'איז וואָהר אז דו ביזט טויט, פארוואָס'זשע זאָלען מיר
ניט וואגען היינט צו האנדלען אויך מיט אונז אליין? — מיט דיר,
דו מענש, דו שטויב, דו העכסטע אָרעמקייט פון לעבענס־שטאָלץ,
וואָס ביזטו דען געוועזען פאר אונז? א לעצטע גלאָווניע האָלץ,
וואָס ברענט אין סטעפּ ביי נאכט, אין רינג פון א ציגיינער־שטאם;
א מאסט־בוים פון א שיף וואָס ראנגעלט זיך מיט ווינד און ים;
א לעצטער בוים פון א פערכשופט־וואָגלענדיגען וואלד,
אוואו דער בליץ האָט דעמבעס־ריעזען טויזענד־יעהריג אלט,
פון זייר'ע וואָרצלען אָפּגעהאקט. און איצט? וואָס ביזטו איצט?
א מענש אויף קאלטער ערד, בעוועגלאָז־שטום, ווי אויסגעשניצט
פון מארמאָר־שטיין, אין שיין פון טויטען־ליכט. אָן אנהויב־סוף,
א בילד, א רגע זעהונג בלויז, פון יענעם לאנגען שלאָף,
וואָס נעמט ביי אונז דאָס ליכט פון טאָג, דעם שיין פון שטערען צו,
מיט גאָר דער שעהנקייט פון דער גאנצער וועלט. איז דאָס די רוה,
וואָס אלע זוכען מיר אין יענעם גרויסען וועהטאָג־שפּיעל,
וואָס רופט זיך לעבען אָן? איז דאָס דער גאנג צו יענעם ציעל,
פון וואנען קיינער קעהרט זיך שוין ניט אום? פערגיב, פערגיב,
פארוואָס איך פרעג אזוי. איך האָב דאָך אויך דאָס לעבען ליעב,
און אויגען האָב איך אויך, און אָפּענע, און איך בין בלינד.
און צווייסאָל היים־לאָז איז מיין הארץ, און הפקר ווי דער ווינד.
איך בין דאָך אויך א רינג פון יענער אלטער גאָלד'נער קייט,
וואָס ליגט אין אלע ווינקלען וועלט צוואָרפען און צוזייט,
ווי שטיינער אין דער ווילדערניס. און קראנק בין איך, און מיעד.
פון זיך אליין, ווי פון דעם אייביג אלטען קרעמער־ליעד,
וואָס וויינט ארוים דורך יעדען פענסטער־שפּאלט, דורך יעדער טיר,
פון אונזער גרויער גאס. פערגיב! — דאָס איז מיין בלוט אין מיר,
וואָס וויינט אזוי. איך זעה זיך איצט אליין אין טויטען־קלייד,
און אלע זעה איך אונז אין קברים בלויז צוזייט, צושפּרייט.
און ווייטער, ווייטער זעה איך געהן א רוהיגען, דעם טויט.
און אויף זיין אקסעל גלאנצט זיין סערפּ, אזוי ווי אָווענד־רויט,
אזוי ווי אָווענד־רויט. —
אזוי ווי גאָלד. —
אזוי ווי בלוט. —

מ. ל. האלפּערין.

# יצחק לייבוש פרץ

(ביאגראפישע סקיצע.)

געבוירען געוואָרען איז יצחק לייבוש פּרץ דעם 25טען מאי, 1851, (ל"ג בעומר תרי"א) אין זאמאָשץ, לובלינער גובערניע.

זיין פאָטער ר' יהודה איז געווען א איד א בעל הבית, בעקאנט אין שטאָדט פאר א גרויסען בעל טובה. פּרץ אליין רעדט וועגען איהם אין זיינע זכרונות מיט גרויס ליבשאפט. ער רופט איהם אָן „א ליבעראל און אפשר אן אנארכיסט". און כאָטש ער איז ניט געווען קיין עושר, פלעגט ער פון דעסטוועגען טהון א סך טובות און אוועק געבען פיעל צייט פאר אָרימע לייט. יהודה פּרץ איז געווען א איד א סוחר און געהאנדעלט מיט פּריצים, איז געווען א פרומער איד, א למדן און א שטרענגער מתנגד.

פּרץ'ס מוטער רבקה איז געווען א פרומע אידענע פון אלטען שניט. זי איז געווען די סוחר'טע אין דער היים. פלעג פיהרען דאָס געוועלב און די בעל הבית'ישקייט. וועגען דער מוטער רעדט פּרץ נאָך מיט מעהר ליבשאפט. ער דערצעהלט וועגען איהר אין זיינע זכרונות, אז אלע אין זאמאָשץ פלעגען זי רופען די צדקת.

וועגען די איבעריגע מיטגליעדער פון זיין משפחה, ווייס מען דערוויי־ל ווייניג. אפילו פּרץ אליין רעדט אויך ניט פיעל פון זיי.

זיין ערשטע ערציהונג האָט פּרץ, ווי אלע אידישע קינדער אין יענער צייט, געקראָגען אין חדר. צו 4 יאָהר איז ער אריין אין חדר, אויף'ן זעקסטען יאָהר האָט ער שוין אָנגעהויבען צו לערנען גמרא, און האָט באלד געקראָגען א שם אין שטעדטעל פאר א שארפען מוח, אן עלוי.

פּרץ אליין דערצעהלט וועגען זיך ווי אזוי ער האָט אָנגעהויבען צו לערנען חומש: ווען ס'איז געקומען דער שבת פון פערהערען, האָט איהם די באָבע ארויפגעשטעלט אויף'ן טיש און ער האָט גענומען זאָגען פון אויסוועניג די פּרשה ויקרא, וואָס ער האָט געהאט יענע וואָך געלערנט. זיין פעטער, וואָס איז שוין דאמאָלס געווען א שטיקעל משכיל און גע־טראָגען א קאפּעלוש און האלב דייטשע בגדים, האָט איהם געפרעגט צו ווייס ער ווי אזוי „ויקרא" לייגט זיך אויס? דאָס קינד האָט ניט פער־שטאנען וואָס יענער מיינט. נאָר אז דעם פעטער איז ענדליך געלונגען

דאָס פעל פון טויטען לייב. און ווי די שוואַרצע ראָב בעפּאַלט
דעם טויטען אָדלער אויף דער ערד, בעפּאַלען יונג און אַלט
דעם קעניגס טויטען־בעט און טאַפּען אָן זיין קרוין, זיין שווערד;
און סמאַטשקען מיט'ן צונג פון פרייד און שעצען פיעל ס'איז ווערטה. —
און אויב ס'איז וואָהר אַז דו ביזט טויט, פאַרוואָס'זשע זאָלען מיר
ניט וואַגען היינט צו האַנדלען אויף מיט אונז אַליין? — מיט דיר,
דו מענש, דו שטויב, דו העכסטע אָרעמקייט פון לעבענס־שטאָלץ,
וואָס ביזטו דען געווען פאַר אונז? אַ לעצטע גלאָווניע האָלץ,
וואָס ברענט אין סטעפּ ביי נאַכט, אין רינג פון אַ ציגיינער־שטאַם;
אַ מאַסט־בוים פון אַ שיף וואָס ראַנגעלט זיך מיט ווינד און ים;
אַ לעצטער בוים פון אַ פערכשופט־וואַגלענדיגען וואַלד,
אוואו דער בליץ האָט דעמבעם־ריעזען טויזענד־יעהריג אַלט,
פון זייר'ע וואָרצלען אָפּגעהאַקט. און איצט? וואָס ביזטו איצט?
אַ מענש אויף קאַלטער ערד, בעוועגלאָז־שטום, ווי אויסגעשניצט
פון מאַרמאָר־שטיין, אין שיין פון טויטען־ליכט. אַן אָנהויב־סוף,
אַ בילד, אַ רגע זעהונג בלויז, פון יענעם לאַנגען שלאָף,
וואָס נעמט ביי אונז דאָס ליכט פון טאָג, דעם שיין פון שטערען צו,
מיט גאָר דער שעהנקייט פון דער גאַנצער וועלט. איז דאָס די רוה,
וואָס אַלע זוכען מיר אין יענעם גרויסען וועהטאָג־שפּיעל,
וואָס רופט זיך לעבען אָן? איז דאָס דער גאַנג צו יענעם ציעל,
פון וואַנען קיינער קעהרט זיך שוין ניט אום? פערגיב, פערגיב,
פאַרוואָס איך פרעג אַזוי. איך האָב דאָך אויך דאָס לעבען ליעב,
און אויגען האָב איך אויך, און אָפּענע, און איך בין בלינד.
און צווייטאָל היים־לאָז איז מיין הארץ, און הפקר ווי דער ווינד.
איך בין דאָך אויך אַ רינג פון יענער אַלטער גאָלד'נער קייט,
וואָס ליגט אין אַלע ווינקלען וועלט צוואָרפען און צוזייט,
ווי שטיינער אין דער ווילדערניס. און קראַנק בין איך, און מיעד.
פון זיך אַליין, ווי פון דעם אייביג אַלטען קרעמער־ליעד,
וואָס וויינט אַרום דורך יעדען פענסטער־שפּאַלט, דורך יעדער טיר,
פון אונזער גרויער גאַס. פערגיב! — דאָס איז מיין בלוט אין מיר,
וואָס וויינט אַזוי. איך זעה זיך איצט אַליין אין טויטען־קלייד,
און אַלע זעה איך אונז אין קברים בלויז צוזייט, צושפּרייט.
און ווייטער, ווייטער זעה איך געהן אַ רוהיגען, דעם טויט.
און אויף זיין אַקסעל גלאַנצט זיין סערפּ, אַזוי ווי אָווענד־רויט,
אַזוי ווי אָווענד־רויט. —
אַזוי ווי גאָלד. —
אַזוי ווי בלוט. —

מ. ל. האַלפּערין.

# יצחק לייבוש פּרץ

(ביאָגראַפישע סקיצע.)

געבוירען געוואָרען איז יצחק לייבוש פּרץ דעם 25טען מאַי, 1851, (ל"ג בעומר תרי"א) אין זאַמאָשץ, לובלינער גובערניע.

זיין פאָטער ר' יהודה איז געווען א איד א בעל הבית, בעקאַנט אין שטאָדט פאר א גרויסען בעל טובה. פּרץ אליין רעדט וועגען איהם אין זיינע זכרונות מיט גרויס ליבשאַפט. ער רופט איהם אָן „א ליבעראַל און אפשר אן אנארכיסט". און כאָטש ער איז ניט געווען קיין עושר, פלעגט ער פון דעסטוועגען טהון א סך טובות און אוועק געבען פיעל צייט פאַר אָרימע לייט. יהודה פּרץ איז געווען א איד א סוחר און געהאנדעלט מיט פּריצים, איז געווען א פרומער איד, א למדן און א שטרענגער מתנגד.

פּרץ'ס מוטער רבקה איז געווען א פרומע אידענע פון אלטען שניט. זי איז געווען די סוחר'טע אין דער היים. פלעג פיהרען דאָס געוועלב און די בעל הבית'ישקייט. וועגען דער מוטער רעדט פּרץ נאָך מיט מעהר ליבשאַפט. ער דערצעהלט וועגען איהר אין זיינע זכרונות, אז אלע אין זאַמאָשץ פלעגען זי רופען די צדקת.

וועגען די איבעריגע מיטגליעדער פון זיין משפחה, ווייס מען דערווייל ווייניג. אפילו פּרץ אליין רעדט אויך ניט פיעל פון זיי.

זיין ערשטע ערציהונג האָט פּרץ, ווי אלע אידישע קינדער אין יענער צייט, געקראָגען אין חדר. צו 4 יאָהר איז ער אריין אין חדר, אויף'ן זעקסטען יאָהר האָט ער שוין אָנגעהויבען צו לערנען גמרא, און האָט באלד געקראָגען א שם אין שטעדטעל פאר א שארפען מוח, אן עלוי.

פּרץ אליין דערצעהלט וועגען זיך ווי אזוי ער האָט אָנגעהויבען צו לערנען חומש: ווען ס'איז געקומען דער שבת פון פערהערען, האָט איהם די באָבע ארויפגעשטעלט אויף'ן טיש און ער האָט גענומען זאָגען פון אויסווענדיג די פּרשה ויקרא, וואָס ער האָט געהאַט יענע וואָך געלערנט. זיין פעטער, וואָס איז שוין דאַמאָלס געווען א שטיקעל משכיל און גע־טראָגען א קאַפּעלוש און האלב דייטשע בגדים, האָט איהם געפרעגט צו ווייס ער ווי אזוי „ויקרא" לייגט זיך אויס? דאָס קינד האָט ניט פער־שטאַנען וואָס יענער מיינט. נאָר אז דעם פעטער איז ענדליך געלונגען

דעם אינגעל צו דערקלערן וואָס ער וויל פון איהם, האָט דעם אינגעל פּרץ באַלד אַ שוועב געטהון פאַר די אויגען דאָס גאַנצע וואָרט ווי עס זעהט אויס מיט אַלע זיינע אותיות. דער פעטער האָט גענומען פרעגען וועגען די איבעריגע ווערטער און דאָס אינגעל ענטפערט כסדר ווי עס דאַרף צו זיין. ביי דער מאַמען שטעלען זיך טרערן אין די אויגען. (זעה י. ל. פּרץ, „מיינע זכרונות" יודישע וועלט, 1913.)

פון זיינע חדר יאָהרען איז כמעט גאָר ניטאָ קיין וויכטיגעס, וואָס זאָל אָנווייזען אויף דעם צוקונפטיגען גרויסען פּרץ. זיינע חדר יאָהרען אונטערשיידען זיך מיט גאָרניט, פון די חדר יאָהרען פון טויזענדער אַנדערע אידישע קינדער.

אַ גוטער קאָפּ, האָט ער באַלד געלערנט ש"ס און פּוסקים, און אין אַלץ זיך אויסגעצייכענט. אַביסעל איז ער געווען אַ צולאָזענער. נאָר שלאָגען אין חדר, פלעגט איהם כמעט קיין איינציגער רבי ניט. און ווי פּרץ זאָגט אַליין, האָט ער עס צו פערדאַנקען מעהר אין דעם זכות פון זיין מאַמע ריוועלע ווי אין זיין אייגענעם זכות.

אויך ווייסען מיר ניט וואָס פאַר אַן איינדרוק די מלמדים האָבען געמאַכט אויף דעם קינד פּרץ׳ס פערזענליכע נשמה, און צי האָבען זיי איבערהויפּט עפּעס געמאַכט אַן איינדרוק אויף איהם.

נאָר וועגען צוויי מלמדים גיט ער יאָ אָנצוהערען. וועגען איינעם דער צעהלט פּרץ איז זיינע זכרונות, אַז ער איז דווקא געווען אַ זעהר בייזער. פלעגט אַלע תלמידים קנייפּען מיט זיין שפּיציגען מוהל־נאָגעל, נאָר אין אַ יומא דפגרא פלעגט אָט דערזעלביגער בייזער רבי, דערצעהלען זיינע תלמידים מעשה׳לעך, און דאַמאָלס פלעגט ער ווערען גאָר אַן אַנדערער.

וועגען דעם צווייטען, דעם „געלען מיכל", דערצעהלט פּרץ, אַז דאָס איז געווען אַ איד, אַ שווייגער, וואָס מען האָט איהם קיינמאָל ניט געזעהן לערנען אויסער דעם חדר. און קיינמאָל האָט מען איהם ניט געזעהן דאַווענען אפילו. ער פלעגט זיך אַרומדרעהען אין בית המדרש אין טלית און תפילין צווישען די מתפללים, נאָר דאָס מויל עפּענט ער ניט. האָט אַ אינגעל ניט געקענט, פלעגט ער שרייען: פערשטאָפּטער קאָפּ! האָט ער יאָ געקענט, פלעגט ער מיט פערגעניגען זאָגען: „נו, וועסטו זיין אַ רב". איין למוד איז בלויז געווען טהייער ביי איהם: „מדידה", מען האָט אויף איהם געזאָגט אַז ער איז אַ בעהאַלטענער „קאַצקער."

„פון איהם — שרייבט פּרץ — האָב איך זיך אפשר אויסגעלערנט אַ ביסעל נאָכטראַכטען, שווייגען, געוויס זיך אָנגענומען מיט אַביסעל שטילען, גוטען אומעט, וועלכען איך דערקען אין מאַנכע פון מיינע זאַכען. אפשר האָט ער מיר מיט די שטילע אויגען איבערגעגעבען אַ ביסעל חסידות.

ווען ער איז אלט געווען 12־13 יאהר, האָט פּרץ אָנגעהויבען צו נאשען פון די אלטע חקירה ספרים, ווי דער „עקידת יצחק“, „מלת הגיון“, „חובת הלבבות“, די „עיקרים“, דעם רמבמ'ס „יד החזקה“ און „מורה נבוכים“.

די דאָזיגע ספרים האָבען געמאכט אַן איבערקערעניש אין דעם אינגעלס נשמה. און ער פלעגט ארומגעהן גאנצע טעג א צוטומעלטער. איהם פלעגען דאמאָלס פּלאגען פערשיעדענע וועלט פּראָבלעמען און מענשליכע פּראָבלעמען וועגען „בחירה“ און „רצון“, האָטש ער האָט זיי נאָך רעכט ניט פערשטאנען.

זיין צוטומעלטקייט און אפשר — ווי ער זאָגט אליין — אויך דאָס וואָס ער איז, ווי אלע אידישע קינדער, פריהצייטיג געוואָרען מענליך, האָבען איהם ניט געלאָזען איינזיצען אין שטוב, פלעגט ער ארומשפּאצירען גאנצע טעג הינטער'ן שטאָדט, און פעלד, און גריבלען אין זיך.

איינמאָהל — דערצעהלט פּרץ — איז ער זיך אין א פרייטאָג אזוי פערקראָכען אין פעלד, אז ער איז צוריק געקומען אין שטאָדט אריין ווען אלע אידען זיינען שוין געווען ביי קבלת שבת, איז ער אוועק אין בית המדרש אין די וואָכעדיגע בגדים, אין שטיוועל פול מיט ליים. דער פאָטער האָט זיך ניט געמאכט זעהענדיג, און ווען זיי זיינען נאָכדעם געקומען א היים, האָט דער פאָטער איהם אויך גאָר ניט געזאָגט. נאָך קידוש אָבער איז דער פאָטער צו איהם צוגעגאנגען, און איהם ארונטער געלאָזט א פייערדיגען פּאטש. „ער וועט מיר פערשטערען די שבתים!“ די מוטער האָט זיך אָנגענומען פאר איהם. „לאָז איהם צורוה! צו האָט דען א אינגעל ניט זיינע וועהטאָגען?...“ זי האָט נעביך ניט געוואוסט, אז דאָס זיינען ניט דעם אינגעלס אייגענע וועהטאָגען...

אין יענער צייט האָט זיך פּרץ אויך בעקענט מיט די חסידים שטיבלאך אין זאמאָשץ: די „בעלזער“ און די „גערער.“

פון דער מיטעלאלטערליכער העברעאישער ליטעראטור און פילאזאפיע, איז פּרץ שפּעטער געקומען אונטער'ן איינפלוס פון דער השכלה, וואָס איז דאמאָלס געווען אין רעכטען ברען. ער האָט פיעל געלייענט פון דער נייער העברעאישער ליטעראטור. און דורך א צופאל האָט ער בעקומען א צוטריט צו א פּריוואטער ביבליאטהעק, וואו ער האָט זיך בעקענט מיט דער וועלט ליטעראטור. היינע, בערנע און שעלי זיינען געוואָרען זיינע ליעבלינגע. און מעהר פון אלע היינע. היינע'ס איינפלוס פיהלט זיך אין די ערשטע אידישע ליעדער וואָס פּרץ האָט געשריעבען, און אין זיינע העברעאישע ליעבע ליעדער וואָס זיינען ארויס אין א בעזונדער בי־

כעל אונטער'ן נאָמען „העוגב". אויך בערנע'ס איינפלוס פיהלט זיך אין פּרץ'ן אין זיין פּובליציסטיק.

אין יענער צייט האָט פּרץ'ס פאָטער געוואָלט איהם אָפּגעבען אין דער גימנאזיע, אָבער זיין פרומע מאמע איז געווען געגען דעם, און זי האָט אויסגעפיהרט.

צו צוואַנציג יאָהר האָט פּרץ צום ערשטען מאָהל חתונה געהאַט. און ער האָט זיך בעשעפטיגט מיט אַדוואָקאטור אין זיין געבורטס שטעדטעל זאַמאָשץ. די פרייע צייט פלעגט ער אָפּגעבען פאר ליטעראטור. אין 1876 איז ערשיענען זיינער אַ שיר „לי אומרים" (אין „השחר".) און אַ פּאָעמאַ „נגני אל" (אין „הבקר אור" א. ב.). אַ יאָהר שפּעטער 1877, פערעפענטליכט ער, צוזאַמען מיט זיין שוועהר ליכטענפעלד, אַ זאַמלונג העבּרעאישע „ספורים בשיר ושירים שונים". וואָס מאַכט גאָר קיין רושם ניט. אין דער זעלביגער צייט הויבט ער אויך אָן צו שרייבען אין אידיש. די לידער וואָס ער האָט אין יענער צייט געשריעבען, זענען נאָך אין גאַנצען דורכגעדרונגען מיט'ן גייסט פון יענער צייט. יענע לידער ווערען פּאָפּולער אין שטעדטעל. מען פּאַסט צו מעלאָדיעס און מען זינגט זיי. אָבער אין דרוק זעהט מען פון איהם גאָר ניט. ערשט אין 1886 בעווייזט זיך פּרץ ווידער. אָבער דאָס מאָהל שוין מיט מעהר ערפאָלג. זיינע אַ רייהע סקיצען און די העברעאישע פּאָעמאַ „מנגינות הזמן" (האסאף 3. 1886), ציהען צו אויפמערקזאמקייט. אינטערעסאַנט איז, אז שוין דאַמאָלס טרעט פּרץ ארויס אלס הייסער אָנהענגער פון אידיש. (אין דער פּאָעמאַ „מנגינות הזמן"). אין 1888 דעביוטירט פּרץ צום ערשטען מאָל אין דער אידישער ליטעראטור מיט זיין פּאָעמאַ „מאניש" („פאָלקסביבליאָטעק 1".). דער ערפאָלג פון מאָניש איז געווען זעהר גרויס און זייט דאַן הויבט זיך אייגענטליך אָן פּרץ'ס ליטעראַרישע טעטיגקייט.

אין'ם צווייטען באַנד פון דער אידישער „פאָלקסביבליאָטעק", דרוקט פּרץ אָפּ אַ רייהע סקיצען („וועננוס און שולמית", „יענקעל פּעסימיסט", „דער חעלעמער מלמד"). אין יענער צייט בעקענט זיך פּרץ מיט יעקב דינעזאָהן, און די צוויי ווערען די הייסעסטע חברים. אָט די חברשאַפט צווישען פּרץ און דינעזאָהן, וואָס האָט אָנגעהאַלטען די גאַנצע צייט ביז צו זיין טויט, איז געוויס דער וויכטיגסטער קאַפּיטעל פון פּרץ'ס ביאָגראַפיע, (און אפשר אויך איינע פון די וויכטיגסטע אין דער געשיכטע פון דער אידישער ליטעראַטור). דער פאָרשער וואָס וועט קומען און שרייבען די אויספיהרליכע ביאָגראַפיע פון פּרץ'ן, וועט זיך לאַנג מוזען אָפּשטעלען ביים קאַפּיטעל דינעזאָהן.

דינעזאָהן איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אָנערקענט די גרויס־

קייט פון פּרץ'ן. ער, דינעזאָהן, וואָס איז שוין דאַמאָלס געווען אַ פּאָפּו־לערער שריפטשטעלער, האָט אויף זיך גענומען די איניציאַטיווע און ארויסגעגעבען פּרץ'ס אַ קליינע זאַמלונג סקיצען אונטער'ן טיטעל „בע־קאַנטע בילדער".

ארום 1889 האָט פּרץ דורך אַ מסירה פון זיינעם אַ קאָנקורענט פער־לוירען דאָס רעכט צו פערנעהמען זיך מיט אדוואָקאַטור, און ער איז אריבערגעפאָהרען קיין ווארשא. צו יענער צייט האָט דער בעקאַנטער אי־דיש־פּוילישער פילאַנטראָפּ בליאָך (אַ משומד) געהאַט אָרגאַניזירט אַ סטאַטיסטישע עקספּעדיציע צווישען די אידען אין פּוילען, און פּרץ איז געווען איינער פון די, וואָס האָבען אַנטהייל גענומען אין דער עקספּעדי־ציע. און אָט די נסיעה זיינע אין אַ גאַנצע ריהע קליינע שטעדלעך אין פּוילען האָט זיכער געהאַט איינע פון די גרעסטע ווירקונגען אויף פּרץ'ס שאַפען.

זיינע „רייזע בילדער", דאָס איז געווען דער ערשטער פּראָדוקט פון יענעם ארומפאָהרען. און עס איז נאָך ווייניג בעקאַנט אויף וויפיעל אָט יענע רייזע האָט געווירקט אויף דעם גאַנצען פּרץ. סמנים און גאַנצע גרויסע סמנים זיינען דאָ אין די רייזע בילדער גופא. קדם כל מערקט זיך אין זיי די ליעבע און דער רחמנות, צו די אַרימע פאָלקס שיכטען. דאָר־טען מערקט זיך שוין אויך פּרץ, דער בעאָבאַכטער פון חסידישען לעבען מיט זיין אַרט דענקען און מיט זיינע לעגענדען. און כאָטש מען פיהלט נאָך אין די רייזע בילדער פּרץ'ן דעם משכיל, וואָס לאַכט פון די חסידישע אבערגלויבענישען, איז אָבער אפילו דאָס לאַכען שוין אַן איינגעהאַלטענעם. ווער ווייס? אפשר האָט פּרץ שוין דאַמאָלס זיך ערנסטער פערטראַכט וועגען דעם אַלץ וואָס ער האָט געזעהן און געהערט, כאָטש דער שמייכעל האָט נאָך אַלץ ניט געקענט פערשווינדען פון זיינע דיקע וואָנצען.

צוריקקומענדיג קיין ווארשא און קריגענדיג דאָרט די שטעלע אין דער אידישער גמינע פערוואַלטונג, האָט פּרץ אין 1890 אָנגעהויבען ארויסצוגעבען, מיט דער מיטווירקונג פון י. דינעזאָהן „די אידישע ביבליאָטעק". דאָס פּראָגראַם פון דער אידישער ביבליאָטעק איז געווען בילדונג. און ווי ער אַליין פאָרמולירט עס אין זיין לייט אַרטיקעל מיט אָט די ווערטער: מיר ווילען בילדען דאָס פאָלק, מאַכען אויס נאַרען — קלוגע; אויס פאַנאַטיקער — געבילדעטע מענשען; אויס לעדיג גנהער און לופט־שלינגער — אַרבייטער, נוצליכע און ערענטליכע מענשען, וואָס אַרבייטען פאַר זיך, און דעם כלל קומט דערפון ארויס אַ טובה".

אין דעם אייגענעם אַרטיקעל זאָגט זיך פּרץ אויך ארויס פאַר אידיש, נאָר אין דעם משכיליש־ראַציאָנאַליסטישען גייסט. ער סימפּאַטיזירט דאָרט

„מיט די וואָס ווילען דעם זשאַרגאָן אויף א לעבענדיגע לעבענסשפּראַך פּערטווישען".

אין דער אידישער ביבליאָטעק האָט פּרץ צוגעצויגען א גאַנצע רייהע יונגע טאַלאַנטען, וואָס האָבען שפּעטער געגומען שפּיעלען א ראָלע אין דער אידישער ליטעראַטור, (ווי ריוועסמאַן, גוידא (ב. גאָרין), ש. בן ציון, יהואש, רייזען, פּינסקי און אנד.). די אידישע ביבליאָטעק האָט אליזאָ געשפּיעלט א גרויסע ראָלע אין דער געשיכטע פון דער אידישער ליטעראַטור.

דאָס זעלביגע קען מען אויף זאָגען וועגען זיין זאַמעלבוך „ליטעראַטור און לעבען" און וועגען זיינע „יום טוב בלעטלאַך" וואָס זיינען ערשיענען אין די יאָהרען 1894—1896. אין יענע יאָהרען האָט אויך פּרץ ארויסגעגעבען זיין העברעאישע ביכעל לידער „העוגב" (1894); אין יענע יאָהרען האָט פּרץ אויך פּערעפענטליכט א רייהע ארטיקלען, סקיצען און פעליטאָנען אין פערשיעדענע העברעאישע און אידישע אויסגאַבען אין רוסלאַנד און אין אמעריקא. א סך האָט ער גע'חתמ'ט מיט זיין אייגענער אונטערשריפט. און פיעלע זאכען, איבערהויפּט די פעליטאָנען אונטער פערשיעדענע פּסעאַדאָנימען, ווי: י. ל. פּ., לצפר, פלאי, בן־תמר, דר. שטיצער, דער לץ פון דער רעדאַקציע, לאַמפּען פוצער, היתום מנעמיראָוו און אנד.

אין דעם דאָזיגען ערשטען פּעריאָד פון פּרץ'ס ליטעראַרישע טעטיגקייט, איז ער הויפּטזעכליך א רעאַליסט און ס'פּיהלט זיך די השפּעה פון די רוסישע און פּוילישע נאַראָדניקעס. דער דאָזיגער איינפלוס מערקט זיך אין זעהר פיעל פון זיינע דאַמאָלסדיגע סקיצען און ערצעהלונגען, מייסטענטיילס אויס דעם לעבען פון די נידעריגע אָרעמע פאָלקס שיכטען. („אין קעלער שטוב", „שלום בית" און אנד.). ער שטעלט זיך אויך א סך אָפּ אויף דער נידעריגער לאַגע פון דער אידישער פרוי. און אין א גאַנצע רייהע ערצעהלונגען, וואָס זיינען הורכגעדרונגען מיט א שטאַרקען געפיהל פון רחמנות, שילדערט פּרץ דעם וויסטען גורל פון דער אידישער פרוי. (מענדעל בריינעס, א כעס פון א אידענע, האשה מרת חנה, דעם רבין'ס ציבוק, א. אנד.).

אין יענער צייט שרייבט פּרץ אויך פיעל לידער. אָבער אין די לידער איז פּרץ פיעל שוואַכער, ווי אין זיין פּראָזא. די לידער טראָגען מייסטענס א סאָציאַלען כאַראַקטער. ער האָט אויך פיעל לידער איבערזעצט פון די נביאים, פון נאַדסאָן, קאָנאָפּניצקי, שאַמיסאָ און פרוג. אויף זיינע ליעבעס לידער פיהלט זיך זעהר שטאַרק (ווי שוין אויבען בעמערקט) היינע'ס איינפלוס.

וואָס ווייטער ווערט אַלץ בולט'ער דער הויפט מאָטיוו פון פרץ'ס שאַפען — דאָס פּראָבלעם פון דער פערזענליכקייט. דער אידישער כלל וואָס האָט ביז דאַמאָלס פערנומען דעם אויבען אָן אין דער אידישער ליטעראַטור טרעט אָפּ אין א זייט און דער יחיד פערנעהמט זיין אָרט.

שוין אין זיינע ערשטע זאכען טרעט אָט דער אינדיווידואַליסטיש פסיכאָלאָגישער עלעמענט ארויס אין איינינע פון פרץ'ס זאכען, ווי „דער משוגענער בטלן" און אין זיין העברעאישען עטיוד „בליל זועה". שפּעטער אין זיינע אַנדערע ערצעהלונגען. („אז מען זאָגט משוגע גלויב", „אין פליגעל פון משוגעים" און אנד. —) זיין ווידערגעפיהל געגען דער גרויער וואָכעדיגקייט פון לעבען, ווייזט זיך אַלץ אָפטער ארויס אין זיינע מעשה'לעך און אין זיינע סאַטירען.

זיין שאַפען ווערט וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער דורכגעדרונגען מיט'ן גייסט פון ראָמאַנטיזם, און דער סקעפּטיקער־ראַציאָנאַליסט, דער פערפאַסער פון „שטריימעל", ווערט פערוואַנדעלט אין'ם דיכטער פון חסידות.

אין 1899—1900 ווען „דער יוד" ערשיינט, איז פרץ שוין דער בעריהמטער פרץ וואָס האַלט אין איין בליהען. זיינע חסידישע מעשיות בעשאַפען א גאַנצע עפּאָכע אין דער אידישער, ווי אין דער העברעאישער ליטעראַטור—די עפּאָכע פון נעאָ־חסידיזם. דער חסידיזם ווערט ניט נאָר דער עמבלעם פון דער פערגאַנגענהייט, נאָר נאָך מעהר דער פּאָעטישער סימבאָל פון דער צוקונפט. דער נעאָ־חסידיזם ווערט כמעט ווי א קולט, אַלס פּראָטעסט געגען דער וואָכענדיגער ווירקליכקייט, אין'ם נאָמען פון דעם וואָס עס וויל זיך אז עס זאָל זיין און דאַרף זיין.

אין יענער צייט ווערט פרץ'ס הויז אויף ציגעלניא נומער 1. דער בית ועד לחכמים. אַהין שטרעבט יעדער איינציגער וואָס פיהלט נאָר אין זיך דעם פּאָעטישען פונק. אַהין ציהען נאָמבערג, רייזען, אש און אַנדערע. און ארויס פון דאָרטען קומען זיי פאַרטיגע מיט גרויסע נעמען. פרץ איז שוין ניט מעהר בלויז דער גרויסער דיכטער, ער ווערט דער טאַטע פון דער גאַנצער אידישער ליטעראַטור. זיין איינפלוס ווערט אַלץ שטאַרקער און זיין פערזענליכקייט אַלץ גרעסער. עס דויערט ניט לאַנג און פרץ ווערט די צענטראַל פיגור אין גאַנצען עפענטליכען אידישען לעבען.

אין 1901 ווערט געפייערט פרץ'ס יובילעאום און דאָס ווערט א יום טוב פון אַלע ליעבהאָבער פון דער אידישער ליטעראַטור.

פרץ דערפיהלט דאָס און ווייסט ווי אויסצונוצען זיין ווירדע. ער שטעלט זיך איין פאר אַלע נייע אָנפאַנגער; ער וועקט און לערנט און ברענגט ארויס אַלץ נייע טאַלאַנטען. און דערביי פערגעסט ער ניט זיינע

איינגנע שאפונגען. גראָד אומגעקעהרט; דאָ הויבט זיך ערשט אָן זיין טעטיגסטע און זיין פלייסיגסטע ליטעראַרישע טעטיגקייט. ער הויבט אָן ארויסצוקומען מיט זיינע „פאָלקסטימליכע געשיכטען" (דער „פריינד" 1903—1904). און וואָס ווייטער אַלץ שטארקער און אַלץ שאַפענדער ווערט זיין גייסט. עס קומען זיינע סימבאָליש-מיסטישע דראַמען („אין פּאָליש אויף דער קייט", „די גאָלדענע קייט", „ביי נאַכט אויף'ן אַלטען מארק"). און אַזוי ביז אין די לעצטע טעג פון זיין לעבען.

אָבער פרץ בעגנוגט זיך ניט מיט זיינע ליטעראַרישע ארבייטען. פרץ'ס הארץ איז שטארק עמפּפינדליך פאַר יעדער צרה וואָס טרעפט דעם אידישען פאָלק. נאָך די פּאָגראָמען אין 1905 קריגט ער א הארץ פעהלער פון גרויס צער און עגמת נפש; נאָך די וואַהלען פון דער פּער-טער דומא, ווען די פּוילען ערקלעהרען א בּאָיקאָט דעם אידישען פאָלק, טרעט פרץ ארויס מיט א רייהע שאַרפע ארטיקלען געגען די פּוילען און געגען די מאָשקעס. דאָס קאָסט איהם שיער זיין שטעלע אין דער גמינע, נאָר ער שרעקט זיך ניט אָפּ און קעמפּפט געגען אַלע אויסערליכע און אינערליכע שונאים פון אידישען פאָלק מיט זיין שאַרפסטער וואפע — די פען.

און ווען עס ברעכט אויס די מלחמה און צעהנדליגער טויזענדער אידען מוזען נעהמען דעם וואַנדער שטאָק און אנטלויפען, איז ווידער פרץ דער יעניגער וואָס שטעהט אויף דער וואַך, און אָרגאַניזירט די הילף פאַר די אנטלאָפענע. זיין פערזענליכע הילפס טעטיגקייט ווערט כמעט לעגענדאַריש. און אַזוי שטעהענדיג און ארבייטענדיג פאַר'ן פאָלק, פּלאַצט דאָס הארץ פון דעם גרויסען אידישען דיכטער און כלל טהוער, הערט דאָס גרויסע הארץ פּלוצלונג אויף צו קלאַפּען, צום צער פון זיינע הונ-דערטע טויזענדע פערעהרער און צום צער פון'ם גאַנצען אידישען פאָלק.

תנצב"ה.

מנחם:

# מיט פּרץ׳ן.

(ערֹאינערונגען)

איך בין געקומען קיין וואַרשאַ אין יאָהר 1905, צום אָנפאַנג פון דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע. געקומען א אינגעל מיט דער שטרעבונג צו ווערען א אידישער שרייבער און מיט א פּאַק ליעדער אין בוזעם־טאַש.

עס זענען אריבער די שטורעמדיגע טעג פון דער רעוואָלוציע — און איך האָב אָנגעהויבען זוכען בעקאַנטשאַפט מיט די גרויסע, אָבער גערן גלייך צו פּרץ׳ן האָב איך זיך נישט בעשלאָסען.

בין איך אוועק צו בעל מחשבות׳ן. ער האָט איבערגעליענט עטליכע ליעדער, און פּשוט ערקלעהרט, אז דאָס איז די באַנאַליטעט אַליין און אז איך האָב נישט, נאָך וואָס ווייטער צו שרייבען. מיט א פערביטערט הארץ בין איך אוועק אהיים, און זיך מיט מעהר ערנסט געזעצט צום לאַטיינישען אָוויד, אָבער רוהען האָב איך ניט געקענט.

האָב איך דורך נאָמבערג׳ן איבערגעגעבען פּרץ׳ן א ליעד. זיי האָבען דעמאָלט ביידע געאַרבייט אין „וועג“. אין א פּאָר טאָג ארום — בעקום איך אנ׳ענטפער, אז פּרץ וויל מיך זעהן.

ס׳איז געווען אין אוונד. פּרץ איז געזעסען אין זיין צימער אין דער רעדאַקציע — ער איז געווען רעדאַקטאָר איבער דער ליטעראַרישער טייל אין דער צייטונג — ביי איהם עפּעס א יונגערמאַן און עטליכע פּרוי־ליינס. ער האָט מיר געבעטען זיצען און גענומען פאַרלעזען דאָס ליעד. וואָרט ביי וואָרט צעשפּליטערט עס, פונאנדער גענומען, אָנגעוויזען אויף די צו שוואַכע גראַמען, אויף דער שוואַכער בילדליכקייט און געענדיגט:

— דאָס ליעד טויג נישט, אָבער איהר געפעהלט מיר. קומט אריין צו מיר.

און תוך כדי דבור — ער שמועסט שוין ווייטער מיט די יונגע לייט, וואָס זיצען ביי איהם.

אויף מאָרגען האָב איך צום ערשטען מאָל געקלונגען אין טהיר מיט׳ן מעשענעם בלעכעל, וואו עס איז געווען אויף העברעאיש אָנגעשריבען „י. ל. פּרץ. נעהמט אויף פון 3 ביז 4“. ער איז ארויס אנטקעגען מיט׳ן שלום־עליכם און אריינגעפיהרט אין שטוב. אויף׳ן קאַנאַפּע זיינען געזעסען עטליכע יונגע לייט — איך געדענק נישט אצינד, ווער דאָס איז געווען. און אפשר האָב איך דעמאָלט גאָר נישט געהערט די נעמען, וואָס ער האָט

אָנגערופען. אין א ווײַלע אַרום איז ער געזעסען בײַ זיין שרייב־טיש מיט׳ן זילבערנעם שרייב־געצייג און פערשיעדענע קלייניגקייטען, און איך האָב געלייענט די לידער.

ער האָט מיך דאָס מאָל ניט איבערגעריסען, ווי זיין טבע איז געווען, די אויגען האָבען געשמייכעלט און ער האָט מיר געלאָזט לייענען.

— יונגערמאַן, איהר וועט זיין א שרייבער — האָט ער פערענדיגט מיין לייענען.

אָבער אויף מאָרגען, ווי נאָר איך האָב געעפענט די טהיר, האָט ער מיך בעגעגענט מיט א געלעכטער:

— הע, יונגערמאַן, איהר לייענט צו גוט! איהר האָט מיך אָבגענאַרט! ווען איך האָב אַליין איבערגעלייענט די לידער, האָב איך זיך אומגעקוקט, זיי זענען גאָרנישט אַזוי גלאַט, ווי זיי קומען אַרויס פון אייער לייענען.

ער האָט מיך אַוועקגעזעצט נעבען זיך, אַרויסגענומען דאָס פּעקעל לידער און גענומען קנעלען מיט מיר. דאָס האָט געדויערט א היבשע צייט, און ס׳האָט זיך ווידער געענדיגט מיט׳ן:

— קומט מאָרגען!

אויף׳ן דריטען טאָג, ווען איך בין אַריינגעקומען, האָט ער מיך בע־געגענט א אונצופרידענער.

— איהר זענט געווען בײַ דר. עליאַשעוו׳ן (בעל מחשבות)?

— יא.

— פאַר וואָס האָט איהר מיר נישט דערצעהלט?

— איך שווייג.

— וואָס האָט ער אייך געזאָגט?

— אַז די לידער זענען באַנאַל, זיי טויגען נישט.

ער קוקט מיך אָן און צושמייכעלט זיך. פיהרט מיך צום טיש, זעצט מיך אַוועק און נעהמט מיר לייענען מיינע אייגענע לידער, אָבער נישט אינגאַנצען מיינע. געשריבען זענען זיי מיט פּרץ׳ס האַנד און נישט גאָר אַזוי, ווי איך האָב עס אָנגעשריבען.

— איינשטימיג? — פרעגט ער מיך וועגען די שטעלען, וועלכע ער האָט פערריכט. — אויב איהר אַליין וואָלט אַזוי נישט געמאַכט, דאַרף מען נישט!

איך קוק זיך צו. אין איין ליעד זענען די גראַמען געוואָרען אַנדערע, אין א צווייט ליעד איז אַנשטאָט צוויי סטראָפען געוואָרען דריי.

— אָבער ס׳איז דאָך גוט — טענה איך.

איך בלייב שוין ביז פאַרנאַכט. ער וויל וויסען: וואָס איך טהו, וועלכע ביכער איך לייען, וועלכער שריפטשטעלער געפעהלט מיר אם בעס־

טען. דער שמועס איז געמיטליך. איך הויב זיך אָן צו שפּירען, ווי אין דער היים, אָבער בין דאָך אונרוהיג. זיין ארט רעדען איז פאר מיר אונ־געוועהנליך ניי. יעדע פראזע בליצט, איז אָבגעטאָקט. ער רעדט רוסיש — דער שמועס איז געגאנגען אויף רוסיש — אפילו מיט אנ׳אקצענט, עטוואָס אונטער׳ן צונג, און קען ניט שטענדיג געפינען דאָס געהעריגע רוסישע וואָרט, האפּט ער אָבער אַנדערע ווערטער, פלעכט זיי אריין און ס׳וואַק־סען פאר מיר לעבעדיגע בילדער, און דאָס ארט רעדען איז אזוי ניי, אז יעדער וואָרט בלייבט אין זכרון און איך האָב דאָס געפיהל, אזוי ווי איך זאָל מורא האָבען עפּעס פון זיינע רייד צו פערלירען.

און זיין רעדען רעגט מיך. וויל איך נישט איינשטימען מיט דעם, וואָס ער זאָגט, ענטפער איהם — און מיר פערזיצען זיך אזוי לאנג, ביז איך דערמאָהן זיך, אז עס איז צייט צו געהן.

— ניין, איהר וועט פאָהרען מיט מיר, איך וועל אייך ערגעץ מיט־נעהמען.

מיר פאָהרען צום רעדאקטאָר פון „וועג“. דאָרט קומען פאָר ליטעראַ־רישע פערזאמלונגען. מיט א וואָך צוריק האָט דאָרט אש געלייענט איינע פון זיינע לעצטע דראמען, אויב נישט דעם „גאָט פון נקמה“, און איצט געהט פרץ לייענען זיין „נסיון“, דעם זעלבען „נסיון“, פון וועלכען ס׳איז שפּעטער אויסגעוואקסען „די גאָלדענע קייט“.

נאָכדעם, ווי דאָס לייענען ענדיגט זיך, דארף איך לייענען מיינע לידער. איך פיהל זיך נישט בעקוועם, וויל מיר פרץ לייכטער מאכען, און שטעלט מיך פאָר פאר׳ן עולם אזוי, אז איך ווער רויט און לאָז אראָב די אויגען. אָבער ער קלייבט מיר אויס לידער, און איך לייען, און פיהל נישט, וואָס מיט מיר און ארום מיר טהוט זיך. קען זיין, אז די צופיעל־שארפע לויב־פראזע אויף מיין חשבון ווערט געוואָרפען דירעקט צוליעב בעל־מחשבות׳ן, וואָס זיצט געגענאיבער — מיר מאכט עס נאָך אונ־בעקוועמער.

אהיים געה איך א צומישטער. ער פיהרט מיך צו ביז׳ן שטוב. אויף מאָרגען פריה נעהמט ער מיך מיט צו דינעזאָן׳ען. איך בין אריין אין דער משפחה.

---

איך קום אריין אין שטוב כמעט יעדע עטליכע טעג. מיר זענען א גאנצע יונגע חברה. וויסענבערג, יונה ראָזענפעלד, יענטע סערדאצקי, גילבערט, משה סטאַווסקי. און נישט איינער פון דער חברה האָט צווישען זיינע זאכען אזעלכע, וואָס נאָר די טעמע און אינהאַלט איז זיינע — אָנ־געשריבען איז עס דורך פרץ׳ן.

אזוי האָט פּרץ געלערנט שרייבען. די ערשטע לידער פּשוט גע־נומען און אליין פערריכט און איבערגעשריבען. אמאָל קומט עס ארויס נישט גאָר געלונגען, איך געדענק איינמאָל א פריהמאָרגען נעהם איך אין האנד אריין דעם „וועג" און געפין דאָרט מיינס א ליעד, און וועלכען איך לייען אזעלכע שורות:

„קויהלען און האָלץ זענען טייער,
און ס'ווילט זיך פייער, פייער,
אָנצינדען א וואלד."

איך קוק און שטוין. אין מיין ליעד האָט זיך ווירקליך גערעדט וועגען אנטלויפען אין וואלד און מאכען דאָרט פייער, אָבער מיט'ן יקרות אויף קויהלען האָט עס גאָר נישט געהאט צו טהון. איך קום צו פּרץ'ן מיט א טענה:

— וואָס האָט איהר מיר דאָ געמאכט?

ער לייענט איבער דאָס ליעד און לאכט זיך אליין פונאנדער:

— שא, דערצעהלט נישט קיינעם!

אנ'אנדערס מאָל נעהמט ער ביי מיר נאָר דעם אינהאלט פון ליעד און שרייבט עס אליין אָן פאר מיינע אויגען. איך בין נישט איינשטימיג — און דאָס ליעד בלייבט, ווי ביי מיר.

אָבער דאָס איז נאָר דער אָנהויב. עס געהט אוועק א קורצע צייט — און ער הויבט אָן נאָר אָנווייזען פעהלערן — אליין ריהרט ער זיך שוין נישט צו צום ליעד.

שפּעטער אביסעל הערט ער אויך דאָס אויף צו טהון. ער בענוגענט זיך נאָר מיט'ן קורצען:

— עס טויג נישט. פערריכט!

און פערריכטען דארף מען שוין דאָס, וואָס מען פערשטעהט אליין. ביז ער לאָזט אָב אינגאנצען, אָדער עס קומט די צייט, ווען מען הערט אויף צו זיין מיט איהם איינשטימיג. מען לייענט איהם א ליעד — און ער מאכט עס צו נישט מיט עטליכע שטעכיגע ווערטער. נעהמט מען און מען דרוקט עס אָב דוקא אזוי, ווי עס איז אָנגעשריבען. לייענט ער עס דערנאָך געדרוקטערהייד און שמייכעלט:

— איהר ווייסט, עס איז דאָך גאָר נישט אזוי שלעכט, ווי מיר האָט זיך געדאכט.

— ווייל איהר זענט נישט שטענדיג גערעכט! — ענטפערט מען איהם.

פערענטפערט ער זיך:

— אז איך וויל נישט, איהר זאָלט מיר פאָלגען. איך פעלאַנג נאָר איהר זאָלט מיך אויסהערען און דאַן טהוט, וואָס איהר ווילט.

ברענגט מען אָבער א זאַך, אין וועלכער ער זעהט ערנסטע ארבייט, און די זאַך איז דאָך נישט געלונגען, וועט ער זיך אָבהיטען מיט א מאָל די פליגלען אָבצוקלאַפּען.

אזא געשיכטע, למשל:

איך לייען איהם א פאָרמע „תפלות". מיר ווייסען ביידע, אז די שטימונג האָט אויף מיר אָנגעוועהט דער פּוילישער קאספּראָוויטש. ער געהט אַרום איבער'ן צימער הין און צוריק און טענה'ט צו מיר:

— אודאי, איז עס א שווערע זאַך דעם אידישען גאָט אויף דער ערד אַראָבצוברייננגען. דאָרטען, ביי זיי איז עס קיין קונץ נישט. זיי האָבען די מאטקא באָסקא אויף יעדער בוים אין מיטען פעלד אריינגעשטעלט און מיט בלומען בעפּוצט, זיי האָבען זי אויף יעדען קרייץ ביים שייד־וועג. דעם אידישען גאָט איז שווער אויף דער ערד אראָבצוברענגען.

און דאָס אַלץ.

עס געהט אוועק עטליכע חדשים. איך ברענג א נייע זאַך, און עס געפעהלט איהם. דאָס דאַרף ער מיר נישט זאָגען — איך זעה אין זיינע אויגען. און אז איך ענדיג דאָס לייענען, רופט ער זיך אָב:

— נו, ערשט קען איך אייך שוין זאָגען, אז יענע זאַך איז מיר נישט געפעהלען געוואָרען.

— פאַר וואָס האָט איהר עס מיר דעמאָלט נישט געזאָגט?

— איהר האָט דאָך געארבייט — צו וואָס זאָל איך אייך מצער זיין? איך האָב געוואוסט, אז איהר וועט אָנשרייבען א בעסערע זאַך — זעהט איהר דאָך!

און אז ער לייענט איבער א געדרוקטע זאַך, וועלכע מען האָט איהם פריהער נישט געוויזען, און עס געפעהלט איהם, דאַרף מען שוין נישט וואַר־טען, ביז ער אליין וועט עס זאָגען: חברה וויים שוין. און בעגעגענט מען א חבר, א בעקאַנטען, זאָגט ער גלייך אָן:

— פּרץ האָט געלויבט אייער זאַך.

— איהר ווייסט, פּרץ'ן איז עס געפעהלען.

ווייל פּרץ וואַרט אויך נישט, ביז מען וועט צו איהם קומען און זיין מיינונג פרעגען. ער כאַפּט וועמען עס איז און דערצעהלט וועגען דעם, וואָס ער האָט געלייענט, און איז צופריעדען, און פרעהט זיך פּשוט. פאַר וואָס זאָל ער זיך נישט פרעהען? ער האָט א חלק איז דעם.

און טאָמער איז עפּעס נישט אזוי גלאַט — ווי טהוט פּרץ'ן דאָס האַרץ וועה!

איך געדענק אזא מין שמועס.

מיר געהען אין גאס. ער — צו אסטראווסקי׳ן אין קאפע, איך געה איהם בעגלייטען. אָדער ריכטיגער — ער בעגלייט מיך, ווייל מאָרגען קלייב איך זיך אָפצופאָהרען אויף א לענגערע צייט פוןווארשא, און ער זאָגט מיר אָן אויף׳ן וועג:

— גוט, וואָס איהר פאָהרט אוועק, ס׳איז שווער דאָ צו ארבייטען. די חברה, דאָס קאפע־הויז, דאָס ארומשלעפען זיך — עס קען אויפפרעסען א מענשען לעבעדיגערהייד, מען טאָר נישט זיין דאָ.

— אָט זעהט — דערט ער ווייטער — איהר דרוקט אָב א זאך. אמת — עס איז דאָרט דאָ פייער, אָבער נישט וויניגער רויך. עס איז נישט אויסגעלייטערט געגוג — ארבייט פעהלט! גוט, איך פערשטעה עס, אָבער זיי (די רעדאקטאָרען, די קריטיקער) ווען זיי נעהמען עס אין האנד אריין — פיהלען זיי, אז עס איז נישט גאנץ און האָבען שוין, פאר וואָס אָנצופאלען. א זאך דארף זיין, ווי א גלאטער, פאלירטער שטיין. וועלען זיי צוגעהן, נעהמען אין האנד אריין — און דאָ, צו זיי פערשטעהען, צו זיי פערשטעהען עס נישט — אָנריהרען וועלען זיי עס שוין נישט קענען. זיי וועלען דרך־ארץ האָבען.

— פאר וואָס רעד איך עס? ווייל עס טהוט מיר וועה. פאלט מען אָן אויף אייך, וויל מען אייך נישט אנערקענען — איז עס מיין וועהטאָג, לייד איך פאר דעם.

— פאָהרט אוועק פון דאנען. פאָהרט קיין אמעריקא — טענה׳ט ער צו מיר. עס איז א ניי לאנד, א לאנד פון ארבייט. אייער פלאץ איז דאָרט, צווישען די, וואָס ארבייטען.

איך פרעג:

— וועט איהר קומען אהין?

— אין א יאָהר, אין צוויי יאָהר ארום — איך וועל קומען אהין.

דאָס איז געווען אין 1907.

---

און ארבייטען האָט ער געקענט.

א גאנצען טאָג האָט זיך אין שטוב געטומעלט. חברה פלעגט האַלטען פאר נויטיג יעדען טאָג אריינצופאלען. עס איז נישט געווען קיין שרייבער — איז עס געווען אנ׳ארטיסט פון אנ׳אמאטאָרען־טרופע, א מאלער, א סקולפטאָר. פלעגט ער ארבייטען אין אווענד און בעגינען.

אויפשטעהן זומער א זייגער 4—5 אין דער פריה און קודם כל אוועק שפאצירען.

— איך געה מיך איבערלויפען — פלעגט ער זאָגען.

דאן געקומען א היים און געארבייט ביז 9, ווען ער האָט געדאַרפט אוועק אין גמינע.

אָבער אויך דאָרט געהאַט מיט זיך אַל דאָס נויטיגע, און צווישען די שופלאָדען מיט די גמינע־פּאַפּירען, זענען געלעגען די גרויסע בלעטער אָנגעפּינטעלט מיט די קליינע אותיות פון די פאָלקס־מעשיות, ליעדער און ארטיקלען.

אז נישט — פלעגט ער אָבזיצען ביים טיש א גאנצע נאכט ביז בעגינען, און ווען מען איז געקומען נאָך מיטאָג, איז ער געשלאָפען. האָט מען זיך ווענִיג וואָס געמאכט דערפון. אויסגעזעצט זיך אויף דער קאנא־פּע, פערוויכערט פאפּיראָסען, און געפלאפּעלט, ביז ער איז ארויסגעקו־מען און דערזעהענדיג די חברה, געהייסען דערלאנגע טיי.

און וויפיעל ער האָט געארבייט איבער יעדע זאך — קען מען זעהן פון „ביינאכט אויף׳ן אלטען מארק“.

אין א הייסען זומער־טאָג פאלל איך אמאָל אריין און טרעף איהם אליין אין שטוב. נעבען שפּיגעל און ביים פענסטער שטעהען עפּעס נייע וואזאָנען מיט בלומען, איך וויל שוין פרעגען, פון וואנען עס נעהמט זיך? גיעט ער א זאָג:

— זעצט אייך אוועק און שווייגט.

איך בלייב ליגען אויף׳ן קאנאפּע — און קוק, ווי ער לויפט ארום איבער׳ן שטוב. עס געהט אוועק א פיערטעל שעה.

— ערשט קומט אהער.

ער לייענט מיר: „ביינאכט אויף׳ן אלטען מארק.“

דאָס האָט ער נאָר וואָס פערענדיגט. דאָס איז א בילד אין איין אקט, געשריבען אין פּראָזא. עס קומט אָן א פרעמדער אויף׳ן מארק צו פאָהרען, ווערט איינגעשלאָפען — און פאר זיינע אויגען געהט דורך דאָס גאנצע אידישע שטעדטעל, דאָס טויטע און לעבעדיגע — א סימבאָל פון גלות.

אין עטליכע טעג ארום ווערט פון איינאקטער אין פּראָזא — אנ׳איינ־אקטער אין פערזען.

נאָך א קורצער צייט — פון איין אקט ווערען פיער אקטען.

וואָס ווייטער ער ארבייט — אלץ נייע פערזאָנען קומען אריין אין די אקטען. ענדליך איז די זאך פארטיג צום דרוקען. אָבער ווען איך קום נעהמען א געדרוקט ביכעל, מוז איך פיעלע שטעלען פון די געדרוקטע אויסשטרייכען, און איבערשרייבען די נייע, וואָס ער האָט שוין געמאכט. עס איז איהם אליין נישט געפעהלען — ער ארבייט ווייטער. ווען די זאך קומט שפּעטער אריין אין באנד „דראמען“ — איז עס שוין גאָר נישט עהנליך צום ערשטען געדרוקטען ביכעל, וואָס איז ארויס. און ערשט מיט א

יאָהר צוריק, ווען דער באנד „דראמען" איז שוין לאנג ערשיענען, און פּרץ דארף אין „הזמיר" עפּעס פאַרלעזען — איז עס ווייטער: דער ערשטער אקט פון „ביינאכט אויף'ן אלטען מארק" אין א נייער בע־ארבייטונג.

דאָס זעלבע איז געשעהען מיט'ן „נסיון", א דראמע אין פיער אק־טען, וואָס איז דערנאָך פערוואנדעלט געוואָרען אין 5 אקטען, און שפּעטער אין דער דריי־אקטיגער שטיק אין פערזען: „די גאָלדענע קייט".

דאָס זעלבע איז געשעהען מיט אנדערע זאכען.

דאָס, וואָס עס פלעגט זיך שרייבען לייכט — זענען געווען די „פאָלקסטימהליכע געשיכטען" און „חסידיש". ער האָט זיי פון דער עסטרא־דע דערצעהלט אזוי, ווי געשריבענע.

און ווען ער האָט גערעדט צו אונז וועגען ארבייט — האָט ער גע־האט דאָס רעכט צו רעדען.

---

אָבער אלס רבי און אָפּטמאָל זעהר שטרענגער רבי — וואָלט ער נישט געקענט אזוי פיעל ליעבע געווינען, ווען ער זאָל נישט זיין אויך א חבר, און אויך מעהר ווי א חבר — א הארציגער גוטער פריינד.

אָבגערעדט דערפון, וואָס פּרץ האָט גוט געוואוסט אלע אנגעלעגענהיי־טען פון יעדען איינעם, וואָס זענען זיך מיט איהם נעהענטער צוזאמענ־געקומען — ער אליין פלעגט זיינע יונגע חברים אָפט פערטרויען דאָס אינטימסטע.

נאטירליך — זענען עס געווען נאָר מאָמענטען, מאָמענטען ווען דאָס הארציגע אין איהם האָט גענומען די אויבערהאנד איבער'ן מח. אָבער אין אזעלכע מאָמענטען פלעגט ער קענען רעדען פיעל און אינטים.

אָפּטמאָל איז עס געווען זיין קראנקהייט. דעמאָלט פלעגט ער טענה'ן:

— איך וועל שוין לאנג ניט לעבען. איך בין קראנק. וואָס וועט זיין דערנאָך?

אזא שמועס איינמאָל בשעת א שפּאציר אין די לאזענקעס האָט גע־דויערט א היבשע ביסעל צייט. איך האָב עס פון אָנהויב נישט געקענט פערטראָגען. און ווען ער האָט אָנגעהויבען צו רעדען, געבעטען זיך ביי איהם:

— הערט אויף!

ער האָט געענטפערט:

— איהר זענט א אינגעל! מען דארף קענען רעדען וועגען אונפער־מיידליכען.

איך האָב בעגריפען דעם פייערליכען ערנסט פון זיינע רעד און אויסגעהערט איהם.

ער האָט זיך אָבגעשטעלט אויף יעדען איינעם פון די, וואָס האָבען צו יענער צייט פערנומען אַנ'אָרט אין דער ליטעראטור און וואָס האָבען געהאט די אויסזיכטען אזא פּלאַץ צו פערנעהמען. ער האָט געשאצט דעם פערזענליכען און ליטערארישען ווערט פון יעדען איינעם, אָבער עס איז נישט געווען קיינער, וואָס זאָל גלייכצייטיג פערמאָגען אי דעם גרויסען פּלאַץ אין דער ליטעראטור, אי דעם שארפען מח, די געהעריגע אינטעלי-גענץ און דערהויפּט די ליעבע צו ליטעראטור און דאָס קענען מקרב זיין די יוגענד אזוי, ווי ער טהוט עס. האָב איך געמאכט דעם בעשלוס:

איהר האָט קיין ברירה נישט — איהר מוזט לעבען.

נאָר אָברעדענדיג אזוי א היבשע צייט, פלעגט ער זיך פערשעהמען, און קונציג איבערגעהן אויף אַנ'אַנדער טעמע און פלוידערן.

איינמאָל האָט ער מיך איבערראשט. איך בין אריין און געטראָפען איהם א צורודערטען, ווי נישט קיינמאָל בעפאָר.

— וואָס איז געשעהען? — פרעג איך.

ער טהוט א מאַך מיט דער האנד:

— איך בין אייך אלעמען צו גרויס אין די אויגען. איהר אלע טראכט, אז איך פערנעהם אייער פּלאַץ, אז צוליעב מיר זעהט מען אייך נישט ארויס.

און ער נעהמט א לאנגען ליעד, אין וועלכען ער ווארפט אונז אלע-מען אין פּנים אריין די פאָריגע בעשולדיגונג. פון דעם ליעד איז מיר געבליבען אין זכרון נאָר איין פראזע:

„ווען אויף מיין אלטער הארפע ציטערט נאָך א סטרונע"...

ער האָט, נאטירליך, דערנאָך דאָס ליעד צוריסען, און איך האָב זיך שפּע-טער אויך דערוואוסט, פון וואנען די שטימונג האָט זיך גענומען: עמיצער פון די תלמידים האָט א צו שארפען ארטיקעל געגען איהם אָנגעשריבען.

מיר זענען ארויס אין גאס, און פאָהרענדיג אויף'ן דראָשקע האָט ער נאָך אלץ דעם שמועס אָנגעהאלטען. אין יענער צייט איז ווירקליך יעדעס וואָרט, וואָס ער האָט אָנגעשריבען, געווען פאר אונז כמעט א הייל-ליגקייט, און יעדער פון די, וואָס האָבען איהם נישט געפאָלגט און אָפּט גאנץ העזה'דיג געענטפערט, איז יעדע ווילע גרייט געווען פאר איהם אין פייער און וואסער צו געהן, און הערענדיג זיינע טענות, האָב איך צו איהם גערעדט, ווי א צומישטער.

צו האָט איהם דאָס געריהרט, אָדער ער האָט זיך אליין פערשעהמט פאר זיך, אָבער ער האָט פּלוצלינג איבערגעריסען:

— ווייסט איהר גאָר וואָס? לאָמיר מאכען אַנ׳אמאטאָרען־טרופּע. מיר וועלען קריגען אינטעליגענטע יונגע לייט און מיידלעך און דערנאָך קען דערפון ווערען א גוט טעאטער.

.. גוט — ענטפער איך איהם — אָבער מיט איין תנאי: אַז איהר זאָלט זיך ניט מישען.

— דאָס גערט נישט! דאַרטען, וואו איך בין אין מיטען, מוז איך פיהרען דאָס רעדעל. פּערפּאלען — איך בין א דעספּאָט.

אזוי שמועסענדיג, זענען מיר פערפאָהרען צו דינעזאָן׳ען.

ער האָט זיך אוועקגעלעגט אויף׳ן קאנאפּע — און דינעזאָן האָט איהם גענומען דערצעהלען עפּעס א מעשה. הערענדיג, איז ער איינגע־שלאָפען, אָבער דינעזאָן האָט אלץ ווייטער דערצעהלט.

— ער שלאָפט דאָך שוין — זאָג איך שטיל.

— ס׳מאכט נישט אויס — ענטפערט דינעזאָן. — אז איך וועל אויפ־הערען דערצעהלען, קען ער זיך נאָך אויפכאַפּען.

און ער האָט גערעדט אזוי לאַנג, ווי פּרץ איז געשלאָפען.

איך האָב זיך צוגעקוקט צום גראָען אַלטען, וואָס איז געזעסען ביי פּרץ׳ס צוקאָפּענס און דערצעהלט עפּעס א געשיכטע פון שטעדטעל — און פערשטאנען, וואָס עס האָט פּרץ׳ן אין מינוטען פון צווייפעל געפיהרט אהער.

די אַלטע גוואַרדיע!

---

די דאָזיגע בעציהונגען צווישען אונז האָבען אַנגעהאַלטען אומגע־פעהר ביז ענדע 1909, ווען צוליעב א גאַנץ פּערזענליכע קליינינקייט האָט ער זיך אויף מיר בעליידיגט און איך האָב אויפגעהערט איהם צו זעהן.

ס׳איז געווען די צייט, ווען איך האָב זיך געדאַרפט שטעלען צום מיליטער־דיענסט. ער האָט מיר צוגעזאָגט צו קריגען געלד מיט׳ן תנאי, אז איך זאָל פאָהרען קיין אמעריקא. איך האָב דערויף נישט איינגעשטימט — און איך בין פאר איהם פּסול געוואָרען: ער האָט בעשלאָסען ביי זיך, אז די צייטונג, אין וועלכער איך האָב געארבייט האָט מיך צופיעל אריינ־געצויגען.

איבריגענס, וואָלט צו דעם פאָנדערגעהן זיך סיי ווי געקומען, דאָס מקרב זיין יעדען איינעם פון די יונגע האָט ביי פּרץ׳ן די ערשטע צייט געטראָגען דעם כאראקטער כמעט ווי א פערליעבעניש. נישט נאָר וואָס ער פלעגט עס לאָזען פיהלען דעם יונגען מאן גופא — ער האָט גערעדט וועגען איהם, דערצעהלט וועגען איהם, זיך ארומגעטראָגען מיט איהם. אין דער אלעם איז געווען זעהר פיעל טעמפּעראמענט פון א מענשען, וואָס

פלעגט איבערשפּרינגען אין אייביגען זוכען פון איין ליטעראַרישער פאָרם צו דער אַנדערער, פון איין אידעע צו דער צווייטער — און דאָס זעלבע האָט זיך אויך געמוזט בעמערקען אין בעציהונג צו מענשען. אַלס פערליע־בעניש, אַלס ערשיינונג פון טעמפּעראַמענט, האָט עס געמוזט פריהער אָדער שפּעטער אָבגעקיהלט ווערען, און דאַן פלעגט קומען צו א „צושיי־דונג". איך קען עס ווירקליך אָנרופען צושיידונג, ווייל יעדע איבערגערי־סענע בעציהונגען פון דעם מין האָבען אין זיך געטראָגען עטוואָס פון א פערלאָשענער ליעבע.

נאָך מעהר פלעגט זיך פּרץ פיהלען בערעכטיגט דערצו, ווען ער האָט געקענט אָנווייזען, אז דער יונגער, מיט וועלכען ער האָט אָבגעריסען די בעציהונגען, האָט נישט בעשטעטיגט זיינע ערוואַרטונגען. און א בערעכ־טיגונג דערפון האָט ער זיכער געזוכט ביי זיך: ער האָט געקענט זיינע שוואַכקייטען, פלעגט זיך אינערליך גריבלען אין זיך — און דאָס האָט איהם אזוי נאָהענט געמאַכט צו דעם יונגען דור, מיט וועלכען ער האָט געהאַט צו טהון. דאָס פערליעבען זיך, דער טעמפּעראַמענט, די ספקות, די שענע נאַרישקייטען, אויף וועלכע ער איז פעהיג געווען, די שוואַרצע אויגען, וואָס האָבען געקוקט יוגענדליך אויף דעם, וואָס די יונגע לייט האָ־בען געקוקט — דאָס איז געווען יענער צויבער אין איהם, וועלכע דער עולם בעצייכענט מיט די ווערטער:

— אייביגע יוגענד.

אפילו אין דעם פונאַנדערגעהן זיך און אין די ברגז'ן איז יוגענד געווען.

און אז עס איז אריבער עטליכע יאָהר פון נאָהענטער בעקאַנטשאַפט מיט איין דור, האָט פּרץ געפונען זיך איינצולעבען אין א צווייטען דור: דאָס זענען שוין דעמאָלט געווען א. ווייטער, הירשקאַן, קאַגאַנאָווסקי, טייללוויז אימבער און אַנדערע.

די אַלטע זענען אַראָב פון דער סצענע, מעהר ווי אַראָב פון דער סצענע. ער האָט איינמאָל, רעדענדיג וועגען הירשביין'ען, געזאָגט:

— ער וועט מיר קיינמאָל קיין שונא ניט זיין, ווייל ער איז קיינ־מאָל מיין תלמיד נישט געווען.

די תלמידים, הייסט עס, זענען געווען „שונאים".

בין איך אוועק. דעם אמת געזאָגט, ביז איך געווען אויפגערעגט: ער האָט גוט געוואוסט, אז מיין נישט וועלען פאָהרען קיין אמעריקא האָט געהאַט זעהר ווייניג שייכות מיט מיין צוגעבונדענקייט צו דער צייטונג און האָב איהם נישט געקענט מוחל זיין דעם כאַראַקטער פון דער פער־

זענליכער בעליידיגונג צוליעב א קליינינקייט, וואָס די גאַנצע מעשה האָט געטראָגען.

בין איך געגאַנגען אַן אויפגערעגטער, אָבער אין קאָפּ האָבען מיר זיך אַלץ געפּלאָנטערט די פּערזען פון ליעד, וועלכע מיר פּלעגען אַזוי אָפּט זינגען ביי איהם אין שטוב:

„איך האָב אָנגעוואָרען אזא ליעבע,
אז וועה איז מיר און ווינד."

אפשר קינדערש, איננעלש — לאַכט דערפון, אויב איהר ווילט! אָבער ס'איז געווען א שטוב, און אין א שטוב א איד מיט שווארצע אויגען, און נאָך א גראָער אַלטער איז ביים טיש געזעסען, און שבתים זענען געווען, ווען דער איד מיט די שווארצע אויגען האָט אין גמינע נישט געדארפט געהן, און מען איז ארום טיש געזעסען און געזונגען. און דער איד מיט די שווארצע אויגען האָט זיך פון דער קאַנאַפּע אויפגעהויבען, איז איבער'ן שטוב ארומגעגאַנגען און מיט זיין ברייטער, הארטליכער שטימע מיטגעזונגען, זיך אַלץ מעהר צוהיצט, גענומען אָנפיהרען מיט דעם אימפּראָוויזירטען כאָר, און די אויגען האָבען איהם געשיינט, און ער האָט שטארקער פאר אַלעמען, האַלב־דעקלאַמאטאריש געצויגען די טענער:

שמעריל מיט'ן פידעל,
בעריל מיט'ן באַס,
שפּיעלט מיר אויף א ליעדעל
כאָטש אין מיטען גאַס!

אָדער עס איז א בעגינען געווען אין סעדליץ. מיר זענען אויף די בעשנייטע גאַסען ארויס, אַוועק הינטער'ן שטאָדט אויף'ן וואַל, געטראָטען מיט די פיס אין שניי, און ארום איז א ווייסע, ווייטע ברייטקייט געווען און ער האָט זיך אין דער ברייטקייט אריין צו זונגען:

Какъ на Волгѣ стенька Разинъ,
Обнявшись съ своей княжной,
Свадьбу новую справляетъ
И веселый и хмельной!

אָדער איינמאָל איז ער אין בעט געלעגען קראַנק, און פאר דער צייט פון זיין קראַנקהייט בעשלאָסען אויסצושטודירען די גאַנצע פאַר־ליטעראַרישע ליטעראַטור פון שמ"ר'ן, בלאָשטיין'ען א. ז. וו. בין איך געקומען, ווען ער האָט געהאַלטען ביים סוף פון א ראָמאַן און איז מיעד געווען אליין איהם צו דערלייענען, האָב איך איהם גענומען לייענען עפּעס פון א גראַף מיט א קעלער, מיט אַן אָרים מיידעל —

אָדער — — — מאָלע וואָס עס דערמאָהנט זיך נישט א יונגערמאַן, אז ער פערלירט א ליעבע, ווען ער איז אפילו ברגז אויף דער ליעבע.

לאַכט דערפון, ווען איהר ווילט! איהר האָט קיינמאָל נישט אָב־נעריסען קיין ליעבע מיט א 60־יעהריגען אידען!

---

ס'איז אריבער אנדערטהאַלבען יאָהר. איך בין געקומען צוריק, א פרעג געטהון:

— וואָס מאַכט דער אלטער?

און בעקומען אנ'ענטפער:

— מען געהט נישט צו איהם.

וואָס איז דאָ געשעהן? פרץ האָט זיך ענטטוישט, איז ארומגעגאַנ־גען מיט איין פערדרוס אויף די יונגע און נישט געהאַלטען פון קיינעם. און אז פרץ האָט געוואָלט אָבשטויסען פון זיך עמיצען, האָט ער עס גע־מאַכט זעהר לייכט.

איך האָב דאָך געוואָלט איהם זעהן און בין אריינגעגאַנגען. נאַטיר־ליך, מיט א זאַך, אזוי ווי אין אַמאָליגע גוטע צייטען.

ער האָט מיך בענעגענט אָהן פרייד, איבערגעלייענט די זאַך און צוגעגעבען:

— ס'איז שען, אודאי! אָבער וואָס טויג עס, אז איהר זענט אלע גוים? עס איז נישטאָ קיין פּיצעל אידישקייט אין אייך אלעמען.

איך בין אוועק. עס איז געווען יענע צייט, ווען פרץ האָט געשריבען ארטיקלען, וועגען וועלכע מען האָט געזאָגט, אז ער רופט אין שוהל אריין, און ביי זיך האָב איך בעשלאָסען: פערפאַלען, מילא! ווי זאָגט ער אין יענעם ליעד:

„און פערגעהט א טאָג, קען ער נישט איבערקלינגען."

אמאָל געווען א ליעבע, היינט — נישטאָ, און אויס!

פּלוצלינג אָבער כאַפּט מיט פרץ איינמאָל אויף'ן גאס:

— וואָס טהוט זיך מיט אייך? פאר וואָס זעהט מען אייך נישט פאר די אויגען? קומט, פאָהרט מיט מיר קיין מערזעשין!

אויף'ן גאס איז געווען רעגענדיג.

איך האָב נישט געקענט פאָהרען גלייך מיט איהם און געמוזט צו־זאָגען, אז איך וועל קומען אין א שעה ארום און ברענגען מיט זיך דאָס, וואָס איך שרייב.

עס האָט זיך אויסגעלייטערט. מיר זענען געזעסען אויף'ן ווערא־נדע און איך האָב געלייענט. אין שטוב האָט געשמעקט עפּעס מיט רפואות. ער איז געווען צופרידען פון די זאַכען. גלייך איבערגעבויעט איין זאַך

אויף זיין שטייגער, די אנדערע נעראטען נישט צו ענטוויקלען אזוי, ווי איך האָב עס געוואָלט. שפּעטער זענען מיר אוועק שפּאַצירען, אָבער ער איז געווען מיעד און קיין סך נישט געקענט נעהן. ער האָט מיר דערצעהלט וועגען זיינע נייע תלמידים, א פּאָר יונגע לייט, וועלכע זענען נאָך ביז איצט אין דער ליטעראטור נישט בעקאַנט. איינעם האָב איך געקענט, און ווען איך האָב געצווייפעלט אין זיינע ערוואַרטונגען, האָט ער מיר צו־געגעבען:

— אָבער ער זינגט שענע פאָלקס־ליעדער.

געגען דעם ארגומענט, האָב איך גאָר נישט געהאַט.

אז איך האָב זיך געקליבען אָבצופאָהרען, האָט ער געהאַלטען פאר נויטיג צו בעגלייטען מיך א שטיק וועג. ס׳איז געווען אין דעם פון דער בעציהונג פון א בעקאַנטען, וואָס איז געקומען צו געסט. זאָל זיין אזוי! און אזוי איז עס געבליבען.

עס האָבען זיך אָנגעהויבען די פאָרבערייטונגען צו די היסטאָרישע וואהלען פון דער פיערטער דומע. פּרץ האָט געטומעלט, געשריבען ארטיק־לען. ער האָט געוואָלט איבערנעהמען אין ציימונג די גאנצע פּאָלעמישע דיפּלאָמאַטיע און קריגפיהרונג מיט דער פּוילישער פּרעסע. דאָס איז גע־ווען מיין ארבייט — און ס׳איז בעשלאָסען געוואָרען, אז איך זאָל זיך מיט איהם מישב זיין, איידער איך געה עפּעס שרייבען. איך האָב גע־וואוסט, אז דאָס איז נישט אויף לאַנגע יאהר. דאָס איז געווען איי־נער פון יענע אונצעהליגע פּלענער פּרץ׳ס, צו וועלכע ער פּלעגט זיך שטענ־דיג צוכאַפּען מיט זיין געוועהנליכען טעמפּעראמענט און דערנאָך אָבגע־קיהלט ווערען.

א קורצע צייט האָבען מיר געארבייט צוזאמען, דערנאָך האָט ער מיך ווידער געלאָזט אליין.

עס האָט זיך אָנגעהויבען דערנאָך דער באָיקאָט — א צייט, ווען עס האָט זיך נישט געטראכט וועגען ליטעראטור. עס האָט געברוויזט א קעסעל, אין וועלכען עס האָט זיך אויסגעקאָכט די נאציאנאלע ווידער־אויפלעבונג פון פּוילישען אידענטום, און די קלעפּ, וואָס מען האָט פון די פּאָליאקען בעקומען, זענען עס געווען יענע קלעפּ איבער׳ן שמיעד־אייזען, אויף וועלכען עס האָט זיך פעסטער געשמיעדט די נאציאָנאלע איינינקייט פון פּוילישען אידענטום. דער קעסעל און די ארבייט האָבען אריינגעצויי־גען—דאָס אייזען איז הייס געווען, און יעדער שורה פון א ציימונג האָט דעמאָלט א גרעסערען סמן געלעגט אויפ׳ן גייסט פון פאָלק, ווי בענדער ליטעראטור.

פּרץ האָט דעמאָלט געשריבען זיינע גלענצענדע שאַרפע ארטיקלען

וועגן פויליש־אידישע אנגעלעגנהייטען, האָט זיך איינגאנצען אריינגע־טהון אין דער ארבייט, איז געווען גרייט די גאנצע צייטונג צו פערפילען, ביז... ביז די היץ פון דער ארבייט איז אריבער און ער האָט זיך א לאָז געטהון אין אנ׳אנדער ווענדונג: זיך געלאָזט אויסקלייבען פאר׳ן פּאָרזי־צענדען פון „הזמיר“ און גענומען מיט פליס ערפילען די אפיציעלע פליכ־טען פון דעם אמט. געקומען אויף פערזאמלונגען, אויף זיצונגען, איינ־געאָרדענט פאָרלעזונגען—און אליין אויף זיי אויפגעטראָטען, איינגעאָר־דענט געמיטליכע ליטערארישע אווענד און אליין די מעשיות פון דער עסטראַדע דערצעהלט און מיט׳ן עולם ליעבליך מיטגעזונגען — עס האָט זיך געלעבט.

אויפ׳ן פיערטען שטאָק פון „הזמיר“ פלעגען מיר זיך טרעפען—און ס׳זענען געווען מאָמענטען, ווען עס האָט זיך גערדאכט, אז פרץ הויבט זיך ווידער אָן דערנעהנטערען צו דער יוגענד, ווי אין די אמאָליגע צייטען. ער טרעפט מיך ווידער איינמאָל מיט א טענה:

— פאר וואָס דערווייטערט איהר זיך?

איך טראָג אין זיך די אונצופריעדענהייט פון אלע יונגע, וועלכע האָבען אויפגעהערט צו איהם קומען און ענטפער:

— ווער איז שולדיג, אז איהר פערטרייבט אלעמען פון זיך?

ער פיהלט זיך געטראָפען און רופט דינעזאָנ׳ען פאר אן עדות.

— דינעזאָן, הער, וואָס ער זאָגט: איך האָב די יונגע פערטריבען!

דינעזאָן נעהמט איהם פערענטפערען, אבער פיהלט זיך נישט בע־קוועם דאביי און לעגט מיר פאָר, שוין אלס פּאָרזיצענדער פון „הזמיר“, צו אָרגאַניזירען ספּעציעלע אווענדען פון די יונגע.

איך זאָג עס איהם צו. אין יענער צייט האָבען מיר, די יונגע, גע־פּרובט מאכען א קלייזעל מיט שענע צוועקען און בעשלאָסען מאכען אווענ־דען, צו קריגען געלד אויף ארויסגעבען ליטעראטור. מען דארף זיך אויס־נוצען מיט׳ן „הזמיר“, ד. ה. מיט פרץ׳ס פאָרשלאָג. איך קום צו איהם אונטערהאנדלען.

דער שמועס געהט אפיציעל וועגען די פינאנציעלע בעדינגונגען, וועל־כע דער „הזמיר“ קען אונז געבען. און אלס אפיציעלע פערזאָן רעדט ער צו מיר בלשון:

—הערר!

איך ציה אָן די זעלבע אפיציעלע מאסקע און ענטפער אויך בלשון:

— הערר:

איך בעמערק, ווי עס ברענגט איהם שטילערהייט ארויס פון געדולד, ביז ער פאלט אָן אויף מיר אין גוטמוטיגען כעס:

— איהר וועט מיך אויפהערען צו „הערען“, אדער ניין?

פון דעם פלאן ווערט גאר נישט — מיר קענען נישט דורכקומען. איבּ־ריגענס, ווערט דאס יונגע קלייזעל אויף אין גיכען צופאלען.

אין א פאר טעג ארום בעקום איך א קאנפידענציעלען בריף פון פרץ'ן מיט אן איינלאדונג אויף א נייע פערזאמלונג. עס קומען זיך צונויף א זעקס־זיבען מאן, צווישען זיי פרץ, דינעזאן, בעל־מחשבות, נאמבערג און איך גערענק נישט ווער נאך—און פרץ לעגט אונז פאר זיין נייעם פלאן וועגען א גרויסען ליטערארישען פעראיין וואס זאל ארומנעהמען אלע אידישע שרייבער. די ארבייט וועט קענען געהן לעגאל, א דאנק דעם „הזמיר“. מען וועט קלייבען געלד, ארויסגעבען ביכער, זאמלען פאלקס־לאר, א. א. וו. מיר, די עטליכע צוזאמענגעקליבענע בלייבען די גרינדער און די איבעריגע מיטגליעדער ווערען קאאפטירט דורך אונז. עס ווערען אנגעמערקט די פונקטען פון „אוסטאוו“. פרץ לעגט פאר אלס פארזי־צענדען דינעזאנ'ען. יענער קווענקעלט זיך און נעהמט אן, ווייסענדיג, פערשטעהט זיך, אז דער פאקטישער פארזיצענדער בלייבט פרץ. אלס סעקרעטאר לעגט ער פאר—מיך.

מען האלט אב פערזאמלונגען, מען שמועסט, מען דעבאטירט. פרץ האט טענות, פאר וואס איך שרייב נישט קיין פראטאקאלען, אזוי ווי אן אנשטענדיגער סעקרעטאר דארף טהון, און חכמה'ט זיך אויפ'ן חשבון פון מיינע פערזענליכע מעלות און חסרונות, ווי אין נאר אמאליגע גוטע צייטען. איינמאל אפילו דערגעהט ער צו דעם, וואס ער שמועסט אב מיט מיר עטליכע שעה וועגען מיינער א גאנץ פריוואטער אנגעלעגענ־הייט. ווי שטענדיג, גיט ער מיר עצות, שטראפט מיך און האט טענות צו מיר. אבער דעם ליטערארישען פעראיין איז נישט בעשעהרט געווען קיין לאנגע יאהר. איך פערלאנג, אז מען זאל קאאפטירען אלע יונגע, און פרץ איז נישט אינגאנצען מסכים דערמיט. אן אנדערס מאל קומט נישט עמיצער אויף א פערזאמלונג. די געשיכטע הויבט אן ביסלעכווייז זיך פונאנדערשווימען. עמיצער פאהרט ארויס אויף א זומער־וואהנונג, ס'ווערט הייס — און מען הערט אויף וועגען דעם צו רעדען.

איך טרעף פרץ'ן אמאל אין גארטען, אמאל אין אידישען טעאטער — ער אינטערעסירט זיך מיט יעדען נייעם אקטיאר, וואס געפעלט איהם, טומעלט זיך, לאדט זיי איין צו זיך און קומט יעדען טאג אין טעאטער אריין.

צום לעצטען מאל זיצען מיר אין קאפע אויף מיט אן אקטריסע, וואס נאסטראלירט. מיר פלוידערן קאפע־מעסיג. דערנאך געהען מיר אין גאס. ס'איז א הייסע זומער־נאכט און פרץ שפאצירט אהן א היטעל.

אז איך פרעג וועגן היטעל, נעהמט ער ארויס פון קעשענע עפּעס א ווייס לייוועגטען מיצעל, וועלכען ער ציהט גלייך ארויף אויפ׳ן קאָפּ צו ווייזען, ווי עס זעהט אויס, און לעגט עס גלייך צוריק אין קעשענע אריין. ער איז ווי שטענדיג שען און שארפזיניג.

מיר געזעגענען זיך — מיר חלומ׳ט זיך נישט, אז אין עטליכע טעג ארום וועל איך פערלאָזען דאָס לאנד, אום נאָך אמאָהל איהם נישט צו זעהען.

---

דאָס זענען קורצע ערינערונגען, שטריכען, בלעטלעך. אפשר וואָלט איך געקענט פיעל מעהר וועגען פרץ׳ן דערצעהלען — איז נאָך איצט נישט די צייט דערויף. אפשר בין איך איצט בכלל נישט פעהיג בולט׳ער און סיסטעמאטישער צו שילדערן די דאָזיגע פיגור, וואָס איז געווען אזוי אלזייטיג און פערשיעדענארטיג אין איהרע אלע ערשיינונגען. איך האָב נאָר אנגעוואָרפען דאָס, וואָס איז מיר געקומען אויפ׳ן זכרון.

מיר האָבען די לעצטע צייט געוואוסט, אז פרץ פיהרט א טאָג־בוך, וועלכער דארף פערעפענטליכט ווערען נאָך זיין טויט. איך האָב זיך דע־ריבער אין איינינע ערטער אָבגעהיט צו בעריהרען פערזענליכע בעציהונ־גען צו אנדערע. דאָס וועט ער אליין טהון.

און נאָך א זאך. אויב די דאָזיגע בלעטלעך טראָגען ערטערווייז א צופיעל פערזענליכען כאראקטער, בעט איך אין דעם דערצעהלער זעהען נישט מיך פערזענליך, נאָר איינעם פון די יונגע, וואָס האָבען זיך אין פרץ׳ס שטוב ערצויגען. דאָס וואָס איז געווען מיט מיר, איז כאראקטע־ריסטיש פאר אלע אנדערע: עס זענען פיעל תלמידים, אבער נאָר איין רבי געוועזען.

מ. מיכעלזאָהן.

# פון י. ל. פּרץ'ס ראַדיקאַל-סאָציאַליסטישע יאָהרען

(זכרונות און שטריכען).

דערקענט האָב איך פּרץ'ען ארום דעם יאָהר 1898. מיר זענען גע־וועזען א גרופּע יונגע לייט, וועלכע זיינען געווען בעאיינפלוסט פון סאָציאַ־ליזם, שטארק צוגעמישט מיט דעם אלטען רוסישען ניהיליזם און מיט דער ספּעציעל אידישער אפּיקורסות. מארקס, ענגעלס, פּיסארעוו און באזאראָוו זענען געווען אונזערע געטער, האָבען פערנומען דעם פּלאַץ פון דעם אלטען אידישען גאָט, וועלכען מיר האָבען בעקעמפּפט. פּרץ'עס „שטריימעל" איז געווען אין פולען איינקלאנג מיט אונזער גאנצער וועלט־אנשויאונג און האָט דערפאר געמאכט אויף אונז א גרויסע ווירקונג. עס איז ניט געווען דער אינהאלט (עס איז דאָרט ניטאָ קיין איין נייער געדאנק) נאָר די פאָרמע, די איינפאכקייט, וואָס האָט אזוי שטארק געווירקט. ביז אהער זענען מיר געווען געוואוינט צו לעזען אפּיקורסישע ביכער אין דעם אריסטאָקראטישען העברעאיש. מען האָט גע'משפט דעם אידישען גאָט, אבער אלץ אין די הויכע ספערען און מען האָט געברויכט די הייליגע שפּראך. דאָ אבער האָט מען איהם געשטעלט צום משפט פאר דעם ברייטען פאָלק און אין דער וואָכינגער שפּראך. דאָס האָט שוין געשמעקט מיט רעוואָלוציע.

פון אפּיקורסות צום סאָציאַליזם, פון „שטריימעל" צו „באָנציע שווייג" איז אין יענע יאהרען געווען א גלייכער וועג. אזוי, וויינינגסטענס, פלעגט עס זיין ביי אידען. ווי עס פיהרט זיך אין אזעלכע פעלע האָבען מיר זיך פון תלמידים גלייך פערוואנדעלט אין מלמדים; מיר האָבען פער־געסען אָן זיך און גענומען פערזאָרגען דעם כלל. מיר האָבען גענומען מא־כען פּלענער, ארויסצוגעבען ביכלאך פאר דעם פאָלק. אזוי ווי פּרץ איז געווען אונזער אידעאל, האָבען מיר בעשלאָסען זיך צו ווענדען צו איהם. קיין ענערגיע האָט ניט געפעהלט, מיר האָבען צונויפגעלעגט עטליכע צעהנ־דליג רובעל און זענען אוועק צו פּרץ'ען. פּרץ'ען איז דער פּלאן געפעלען געוואָרען, ער האָט צוגעזאָגט, אז ער וועט שאפען דאָס איבריגע נויטיגע געלד, א גאנץ גרויסע סומע, און האָט אונז פאָרגעשלאָגען, מיר זאָלען אויסוועהלען איינעם פון אונזער גרופּע אלס מיטגליעד פון א רעדאקציאנס־

קאמיטעט. איך בין ערוועהלט געווארען און בין אזויערנאך געווארען אן אפטער בעזוכער אין פרץ'עס הויז.

ווען איך דערמאן מיך איצט דיזע רעדאקציאנעלע פערזאמלונגען, ווי דער פופציג יעהריגער פרץ איז געזעסען מיט עטליכע צוואנציג יעהריגע בחורים, האט פאר זיי געלעזען זיינע זאכען און זיך מיט זיי ערנסט בעראטהען וועגען יעדער קלייניגקייט, וועהרענד אין דער אמת'ן האט ער געמוזט טהאן די גאנצע ארבייט, סיי די ליטערארישע און סיי די פינאנציעלע, — מוז איך איהם בעוואונדערען. אבער דער שעהנסטער שטריך זיינער איז געווען, וואס ער הא טגעזוכט צו ענטדעקען נייע טאלאנטען און דערמונטערען זיי צום שאפען. איך געדענק ווי פרץ האט אונז פארגעלעזען א מאנוסקריפט פון ל. שאפירא. ער איז געווען בעגייסטערט און האט איהם גלייך פארגעזאגט א גרויסע צוקונפט.

צוגלייך האט אונז פעראייניגט נאך א רינג פון געזעלשאפטליכער טהעטיגקייט. דער פאליטישער, אדער ריכטיגער דער דיפלאמאטישער ציוניזם, איז אויפגעקומען און האט זיך שטארק פערשפרייט צווישען דער אידישער אינטעליגענץ. מיר האבען געהאלטען פאר אונזער אויפגאבע צו בעקעמפפען דעם ציוניזם. פרץ איז אויך געווען א פערביסענער געגנער פון ציוניזם. איהם איז געווען צו ווידער „דער גוישער ציוניזם וואס האט נאר אן אידישען נאמען, אהן א וועלכען עס איז אידישען אינהאלט.“ פרץ איז געווען געגען דער שתדלנות-פאליטיק, וואס איז געווען דער יסוד פון אלע פלענער פון דיפלאמאטישען ציוניזם. מיר האבען אלזא ארגאניזירט גרויסע געהיימע דיסקוסיאנס-פערזאמלונגען מיט די ציוניסטען, אויף וועלכע יעדער צד האט בעקומען א גלייכע צאהל בילעטען פאר זיינע אנהענגער און א גלייכע צאהל רעפערענטען. פרץ איז געווען אונזער הויפט-רעפערענט. דאס זענען געווען, ווי איך גלויב, זיינע ערשטע ארויסטרעטונגען אויף גרויסע פערזאמלונגען.

און דא דארף פערצייכענט ווערען, אז אין יענער צייט איז נאך פרץ געווען ווייט פון אנערקענען אידיש אלס נאציאנאלע שפראך. ער האט אנערקענט אידיש אלס א נויטווענדיגען מיטעל צו בילדען די מאסען, אבער ניט פאר דער אינטעליגענץ. און טאקע אויף אונזער ערשטער פערזאמלונג האט ער זיך איינגעשפארט צו האלטען דעם רעפעראט דוקא אין פויליש, טראץ דעם פראטעסט פון די צעהנדליגע ארבייטער, וועלכע האבען א ווארט ניט פערשטאנען.

דיזע פערזאמלונגען האבען אוועקגענומען ביי פרץ'ען, ווי אויך ביי אונז אלעמען, זעהר פיעל צייט, אזוי אז עס איז געווען פאר א לאנגע צייט אונמעגליך זיך אבצוגעבען מיט די געפלאנטע ליטערארישע אויסגאבען.

דאָך, אין מיטען פון יאהר 1899, האָבען מיר צוליעב עטליכע ארעסטען געמוזט אויפגעבען די געהיימע פערזאמלונגען מיט די ציוניסטען און מיר האָבען זיך דאן ווידער גענומען צו די אויסגאבען. פרץ האָט זעהר פיעל געשריעבען און—איבערגעשריבען. כמעט ביי יעדען קומען האָט ער גע־האט עטוואס נייעס פאָרצולעזען.

און א כלל האָבען מיר געהאט, אז פרץ'עס זאכען זענען געווען אם בעסטען גלייך ווי זיי זיינען ארויס פון זיין פעדער. זיי האָבען פערלוי־רען זעהר פיעל ווען ער האט זיי גענומען איבערארבייטען און איבער־שרייבען. פרץ דער קלוגער, געבילדעטער און מיט דער אייראָפּעאישער ליטעראטור גוט בעקאנטער פרץ האָט פיעל געשטערט פרץ'ן דעם קינסט־לער.

---

פרץ און די רוסישע צענזור, — דאָס איז א טהעמא וואָס פאָרערט א ספּעציעלע בעארבייטונג. די צרות וואָס פרץ, מיט זיינע פאָרטשריט־ליכע מיינונגען, מיט זיין אָברופען זיך אויף סאָציאלע און פּאָליטישע ער־שיינונגען, מיט זיין גרויסען טעמפּעראמענט, האָט זיך געמוזט אָנליידען פון די רוסישע בעאמטע, וואָס זענען געווען ממונה איבער דער אידישער פּרעסע,—איז זיך לייכט פאָרצושטעלען. אין דער הינזיכט האָבען אין רוסלאנד געליטען שרייבער אין אלע שפּראכען. איך האָב געזעהען מאַ־נוסקריפּטען מיט דער הסכמה פון דער צענזור, וועלכע זענען געווען אזוי געשטראָכען און זאָגאר געענדערט פון צענזור, אז די פערפאסער האָבען זיי ניט דערקענט. פרץ האָט זיך ארויסגעהאָלפען מיט די פּינטעלאך, דאָ אבער וויל איך דערצעהלען פון די צרות וואָס דער צענזאָר איז אויס־געשטאַנען פון פרץ'עס שריפטען. די סאָציאַליסטישע בעוועגונג האָט זיך גענומען פערשפּרייטען צווישען די אידישע ארבייטער, עס איז געוואקסען די בעדערפנישע אין אידישע ליטעראטור מיט א ראדיקאלער טענדענץ. קיין פּארטיי־ליטעראטור איז אין אידיש נאָך ניט געווען. אזוי ווי פרץ'עס זאכען האָבען אויסגעדריקט געוויסע ראדיקאלע מיינונגען, האָט מען מיט די ארבייטער געלעזען און געלערענט פרץ'ס מעשה'לעך, און ווען עס האָ־בען זיך אָנגעפאנגען ארעסטען צווישען די ארבייטער, האָבען די זשאנדאַ־רען איבעראל געפונען פרץ'עס בלעטלאך. האָבען זיי אָנגעפרעגט דעם דאמאלדיגען אידישען צענזאָר, זאקס, ווי אזוי ער האָט דורכגעלאָזען אזעל־כע קראָמאָלנע ליטעראטור. איז דער צענזאָר געקומען צו פרץ'ען, ער זאָל איהם ארויסהעלפען, — אז ניט, האָט ער געסטראשעט, וועט ער מעהר זיי־נע זאכען ניט דורכלאָזען. פרץ האָט זיך געמוזט אוועקזעצען און אָנשריי־

בען א רעפּעראַט וועגען זיינע ווערק און בעוויזען, אז דאָרט איז אַלעס כשר.

אזויערנאָך האָט פּרץ געמוזט פריהער שרייבען פארשטעלט דורך משלים און פארקירצט כדי צו ראַטעווען זיינע ווערק פון צענזאָר און נאָכהער איז ער געווען געצוואונגען צו ערקלעהרען זיינע ווערק כדי צו ראַטעווען דעם צענזאָר.

די לאַגע איז געוואָרען אזא אז די צענזור האָט איהר געשטערט נאָך מעהר ווי פריהער. ערשט ווען די אויפגעקומענע פּאַרטיי ־ ליטעראַטור האָט פערנומען דעם פּלאַץ פון פּרץ׳עס בלעטלאַך ביי די ארעסטען פון ארבייטער, האָט מען איהם צורוה געלאָזען.

און טראָץ דעם איז פּרץ געווען דאַן זעהר אונבעקאַנט צווישען די מאַסען לעזער. זיינע „ביבליאָטעקען“ מיט די „בלעטלאַך“ זענען יאָהרען לאַנג געלעגען ביי די מוכרי ספרים ווי שטיינער, ניט קוקענדיג וואָס מען האָט זיי אָנגעבאָטען בחצי חנם. דער פאָלגענדער אנעקדאָט, וועלכען פּרץ האָט מיר דערצעהלט, וועט כאַראַקטעריזירען די לאַגע. פּרץ איז אמאָל געווען ביי צוקערמאַן אין בוך־סטאָר. אַן ארבייטער איז אריינגעקומען קויפען אדער לייהען א בוך. צוקערמאַן האָט איהם דערלאַנגט פּרץ׳עס ביבליאָטעק. דער ארבייטער אבער האָט עס איהם צוריקגעגעבען מיט דער בעמערקונג, אז ער וויל אזעלכע... ביכער ניט האָבען.

---

אז פּרץ איז געווען זעהר העפליך צו יעדען, וואָס האָט מיט איהם גע־האַט עטוואָס צו טהון, — איז איבעראַל בעקאַנט. דאָ וויל איך פער־צייכענען א שטריך פון מערקווירדיגען מוטה, וועלכען ער האָט ארויס־געציינט. ווי בעקאַנט איז פּרץ ארעסטירט געוואָרען אין אויגוסט, 1899, עטליכע טעג נאָך דעם ווי ער האָט פאָרגעלעזען אויף א פערזאַמלונג, צו העלפען סטרייקערס. אין פערבינדונג מיט דיזען ארעסט וויל איך בעמער־קען דאָס פאָלגענדע. פאַר דער פערזאַמלונג האָב איך ערפאַהרען, אז זי איז זעהר שלעכט ארגאַנזירט געוואָרען, אז וואַהרשיינליך האָבען פּיעל שפּיאָנען בעקומען בילעטען. שבת, דעם טאָג פון דער פערזאַמלונג, בין איך אוועק צו פּרץ׳ען, האָב איהם דאָס דערצעהלט און זיך געבעטען ביי איהם ער זאָל ניט געהן אויף דער פערזאַמלונג. פּרץ האָט א ווײַלע נאָכ־געדענקט, דאַן האָט ער מיך געפרעגט, אויב איך וועל געהען. איך האָב געענטפערט אז איך מוז געהען. „דאַן געה איך אויך,“ האָט ער קורץ גע־זאָגט. עס האָט ניט געהאָלפען קיין טענה׳ען, עס האָט ניט געהאָלפען קיין בעטען, — פּרץ איז געגאַנגען אויף דער פערזאַמלונג און איז ארעסטירט געוואָרען

דער ארעסט פון פרץ ענדיגט, קען מען זאָגען, אן עפּאָכע פון סאָציאַ־ליסטיש־ראדייקאלער טהעטיגקייט, שריפטליך, ווי פערזענליך. די פּארטיי־ען האָבען גענומען וואקסען אין קראפט, עס איז פערשוואונדען דער צווי־בער פון אידעען וואָס שפּארען זיך דורך דעם ערשטען וועג צווישען די פיעלע שטערונגען און קאָנווענציאָנאַלען. זיי זענען ווי געוואָרען פערהאר־טעוועט אין דאָגמען, געפּאנצערט מיט פאנאטיזם. די פּארטייען האָבען זיך גענומען רייסען צווישען זיך. דאָס אלעס האָט געמוזט אבשטויסען אזא עמפּפינדליכע קינסטלערישע נאטור ווי פרץ איז געוועזן. פון דער צווייטער זייט איז אויפגעקומען א מעהר אדער ווייניגער ראדיקאלע לע־גאלע פרעסע,—דער „יוד“, נאָכהער דער „פריינד,“ וואו פרץ האָט געפונען א ברייטע פעלד פאר זיין פיעלזייטיגען טאלאנט.

דאָס אלעס האָט געמאכט מעגליך, אז צו פּרץ'עס יובילעאום זאָלען שוין די ציוניסטען, וועלכע ער האָט מיט א פּאָר יאהר פריהער אזוי ביטער בעקעמפפט, ווערען די הויפט בעל שמחה'עס. דער איה האָט גובר געווען דעם מענש. עס מוז אבער אנערקענט ווערען, אז דער קינסטלער אין פּרץ'ן האָט פון דעם פיעל געוואונען.

י. אפּאטאשו.

# ווי כ'האָב י. ל. פּרץ'ן געזעהן

צוויי מענשען האָב איך תמיד מקנא געווען ביי אונז אין שטעדטעל— מיין פעטער, א תבואה סוחר, און דעם פּרוש הערשיע.

מיין פעטער — א שעהנער, ברייט־ביינינגער יוד, מיט א באָרד ביז צום גארטעל, פון די יודען וואָס האלטען קיינמאָל קיין געלד אין א בייטעל, שיטען עס אין די הויזען קעשענע אריין, עס זאָל קלימפּערן, מען זאָל לייכטער קענען געבען א נדבה און מיט א פולער האנד.

הערשיע פּרוש—א קליין, אויסגעדארט מענשיל, פלעגט זיך אוועקשטעלען אמאָל ביים כיור, אמאָל ביים אויוון, אין מיטען „שטיבעל“, וואו עס האָט זיך געמאכט, און געצויגען דעם אחד פון שמע ישראל, צו ערשט זעהר הויך, דערנאָך אלץ שטילער און שטילער, איבער א האלבע שעה. דערביי האָט ער זיך אזוי פערטיעפט, אריין אין אזא דבקות, אז זיין ביינערן פּנים וואָס האָט זיך קיין ריהר געטהאָן, האָט זיך מיט אמאָל צושטראהלט און עס איז ליכטיג געוואָרען. מיט יראת הכבוד האָב איך געקוקט אויף דעם פּרוש, געגלויבט אז זיין נשמה האָט דעמאָלט „עליה“, און כ'ווייס נישט פאר וואָס ס'איז מיר אויף'ן זינען געקומען אז יענער תנא אויף וועמעס קאָפּ א פויגעל האָט זיך א נעסט אויסגעבויט, האָט גע־מוזט אויסזעהן ווי הערשיע פּרוש.

מיין פעטער האָב איך מקנא געווען, ווייל ער האָט געקענט יצחק ליבוש פּרץ, און הערשיע פּרוש—ווייל ער האָט געקענט מיכה יוסף בער־דיטשעווסקין.

מיט יאהרען צוריק האָט מיין פעטער צוגעשטעלט תבואה אין דער מיהל אריין, וואָס פּרץ האָט געהאלטען בשותפות מיט זיינעם א קרוב.

ווייניג, זעהר ווייניג האָט מיין פעטער געוואוסט וועגען פּרץ'ן, גע־דענקט אז פּרץ האָט זיך כמעט ווי נישט געמישט אין געשעפט, פלעגט זיך נור חתמנ'ען, געטראָגען א היטעל מיט א לאקירענעם דאשיק, א פּאָר שטי־וועל מיט הויכע כאָליאוועס און אויסגעזעהן האָט ער ווי אן „עקאָנאָם“, ווי א יונגער שלאכטשיץ.

נאָך ווייניגער האָט הערשיע פּרוש געוואוסט וועגען בערדיטשעווסקין. כאָטש ער האָט געלערענט מיט איהם, אויב כ'האָב קיין טעות, אין וואָ־לאָזשין.

— אי — פלעגט ער טענה'ן — ווען כ'זעה איצט מיכה יוסף'ן, וואָלט איך זיך אזוי צוגעגאנגען—דאָ האָט דער פּרוש א בויג אָן געטהון זיינע דאַ־רע פלייצעס, אָנגעשטעלט צוויי פינגער א שנעל צו טהון, געקוקט אויף די פינגער, ווי א יוד בעקוקט אן אתרוג פון די „מובחרים“ און זיך צו־

לאכט — וואָלט איך זיך אזוי צונעגאנגען, איהם א שנעל געטהון אין דער נאָז אריין — אי מיכה, מיכה, דערקענסט מיך גאָר נישט?

דאָס איז אלץ וואָס כ'האָב זיך דערוואוסט פון פעטער און פון פרוש וועגען פּרץ'ן און בערדיטשעווסקין. פונדעסטוועגען האָב איך ביי יעדער געלעגענהייט שטארק הנאה געהאט נאָכאמאָל אויסצוהערען די זעלבע מעשיות, און די צוויי מענשען זיינען מיר ליעבער געוואָרען.

וויפיעל ליעבע און דרך ארץ בית המדרש בחורים האָבען צו אידישע שרייבער! פונקט ווי חסידים שמועסען מיט יראה וועגען זייערע רבי'ס, אזוי שמועסען די בית המדרש בחורים מיט ליעבע און גלויבען וועגען די אידישע שרייבער. יעדער שרייבער ווערט אין א פוילישׁ שטעדטעל נאָך ביים לעבען פערוואנדעלט אין א לעגענדע. די טאַטעס זיצען אויף די קלעצער וואָס זיינען צעוואָרפען אין הויף פון „שטיבעל", און שמועסען מיט גרויס כונה, פיעל מאָל מיט א ברען, פון קאַצקער, פון גערער, און די זיהן שפּאציערען ארום, ארום דעם שטאָדט גאָרטען אין ברייטע שורות, און מיט'ן זעלבען ברען און ליעבע שמועסען זיי וועגען פּרץ'ן, אש'ען און נאָמ־בערג'ען.

די שרייבער פערנעמען אין פוילען ביי די בחורים דעם פּלאַץ פון דעם רבי. אין 1905, האָבען זיך די בחורים פון מיין שטעדטיל גע'מח'ט, צו א יודישער ארבייטער דאַרף קויפען א שקל, צו ער דאַרף עס געבען פאַר דער ארבייטער בעוועגונג, האָט מען בעשלאָסען אראָפּצושיקען צו פּרץ'ן א שליח און ביי איהם פרעגען — און זיי האָבען געשיקט.

און אז עס איז דאָ גלויבען, איז דאָ ליעבע, איז שוין במילא דאָ האָפנונג, די גרויסע האָפנונג אין דעם איד.

די אידישע שרייבער פון פוילען זיינען די בחורים נעהנטער, עפּעס פּאַרט „משלנו". און פונקט ווי יעדער חסיד ווייס אז עס איז ערגיץ דאָ א גרויסער „טשאָרטקעווער רבי". נור וואו דאָס איז, ווייס ער נישט, אזוי ווייסען די בחורים אז עס זיינען פאַרהאַן אין ווילנע, אדעס אויך גרויסע אידישע שרייבער, נור די וואַרשעווער זיינען זיי עפּיס נעהנטער.

---

שבועות צייט 1906 האָב איך צונעשיקט פּרץ'ן אַן ערצעהלונג, אריינ־געלעגט א זיבען־קאָפּיקע מארקע פאַר אַן ענטפער. איבער א וואָך האָב איך אָפּגעוואַרט דעם בריעף־טרעגער דריי מאָל א טאָג, זיך שוין באַלד מיאש געווען און מיר האָט זיך גענומען אויסדאַכטען אז כ'האָב שלעכט אדרעסירט דעם בריעף און ביסלעכווייז איז ביי מיר מעהר קיין ספק נישט געווען, אז כ'האָב פארגעסען צו שרייבען דעם נאָמען פון דער גאַס און אנשטאָט „צעגליאנא" האָב איך געשריבען „צענעלנא", און אזא געסעל איז גאָר אין פּראגא, נישט וואַרשע.

אין א וואָך ארום האָב איך ערהאַלטען א בריעף.

ארום פינף, זעקס פאַרנאַכט האָב איך אָנגעקלונגען ביי פּרץ'ן. ער אַליין האָט מיר געעפענט. עטוואָס העכער ווי נידריג, ברייט־ביינינ, אָהן א ראַק, מיט פאַרבויגענע מאַנזשעטען, דיקע, אראָפּפאַלענדע וואָנסען, א קוטשמע האָר מיט א „משופּ" איבער'ן שטערן, א פּאָר קלוגע, שאַרפע אויגען, א ברייטען פּאַסעק איבער א פּאָר זעהר ברייטע הויזען — האָט ער אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק ווי אַן אַטאַמאַן פון קאָזאַקען.

— גוט וואָס איהר זייט געקומען! קומט אריין!

ער האָט מיך אריינגעפיהרט צו זיך אין קאַבינעט, וואו צוויי שוואַרץ־חנ'עוודיגע מיידלעך, ליטוואַטשקעס, זיינען געזעסען. מיך פאַרגעשטעלט. ער האָט זיך אריינגעזעצט אין א פאָטעל און פון א גרויסע פּאַרצעלאַיענע שיסעל האָט ער מיט אַפּעטיט גענעסען שמאַנט מיט אוגערקעס.

איך האָב פון איהם קיין אויג נישט אראָבגעלאָזט, געקנאַקט די פינגער, נישט איינגעזעסען אויף דער שטוהל און געקוקט ווי פּרץ עסט, טונקט די וואָנסען אין שמאַנט און די אויגען ברענען, שמייכלען צו די מיידלעך — איז מיר מיט אמאָל איינגעפאַלען אז טאַראַס בולבא האָט אויך אַזוי געמוזט עסען, מיט פּערקאַשערטע ארבעל, אין אַזעלכע ברייטע הויזען, נור ביי טאַראַסעס הויזען האָט געוויס געהאַנגען א ציבעק.

אָפּגעגעסען — האָט ער ארויסגענומען פון א טעקע מיין מעשה און מיר געוויזען אויף א בענקעל נעבען זיך.

די מיידלעך האָבען זיך אויפגעשטעלט, ענטשולדיגט און געוואָלט אריינגעהן אין א צווייטען צימער.

— נישט נויטיג — האָט ער געזאָגט — מיר זיינען דאָך פון איין משפּחה.

מיר איז געוואָרען פינסטער אין די אויגען. כ'האָב קיין וואָרט נישט פערשטאַנען וואָס פּרץ האָט מיר געזאָגט, געהערט בלויז דאָ אידיש, דאָ רוסיש און עס האָט זיך מיר געדאַכט אז ווען עס געפעלט איהם א שטעל רעדט ער אידיש, און ווען נישט — רוסיש.

פון הינטען, האָט זיך מיר געדאַכט, לאַכען די מיידלעך, געפיהלט ווי זייערע שוואַרצע אויגען בריהען, עגבערן דעם קאַרק, שטיקען זיך, דאַכט זיך, פון געלעכטער; און פּרץ רעדט מיט א פול מויל, גלייך ווען „קיסט", „פּאָלאַטנאָ" און „כודאָזשניק".

אז כ'בין שוין געשטאַנען אויף דער גאַס און אָפּגעעטהעמט, האָב איך זיך דערמאָהנט זיינע לעצטע ווערטער:

— אז איהר וועט אָנשרייבען עפּיס, ברענגט!

די זעלבע וואָך האָב איך פערלאָזט וואַרשע, באַלד נאָך דעם — רוסלאַנד, און עס איז מיר ניט בעשערט געווען פּרץ'ן נאָך אמאָל צו זעהן.

דר. חיים זשיטלאָווסקי:

# י. ל. פרץ׳ס קינסטלערישע טעכניק

## פאָרבעמערקונג.

עס פערדריעסט מיך זעהר, וואָס עס איז פאר מיר אונמעגליך געוועזן צו בעטייליגען זיך אין דעם פרץ־נומער פונ׳ם „ליטעראטור און לעבען" מיט א שפעציעל צוליעב דעם געשריעבענעם ארטיקעל.

איך האָב מיר ערלויבט צו געבען אן ארטיקעל, וואָס איז ערשיענען גענוי מיט צעהן יאהר צוריק. דער לעזער קאָן פון איהם זעהען, אין וואָס פאר א טאָן מען האָט נאָך יעמאָלט געדארפט שרייבען וועגען פרץ׳ן און דער אידישער ליטעראטור בכלל.

---

יעדעס מאָהל, ווען אונזער איינעם פון די „פארליעבטע אין דעם זשארגאָן" פלעגט אויסקומען צו האמפערן זיך מיט די געגנער פון דער אידישער ליטעראטור, פלעגט פרץ זיין איינער פון די בעסטע וואפען אין אונזערע הענד.

„וואָס דארפען מיר זיך קריגען וועגען די מעגליכקייט פון א אי־דישער ליטעראטור אויף דעם נייען אייראָפעאישען שטייגער? אָט האָט איהר זי א פארטיגע: לייענט פרץ׳ן!"

דאָס איז נאָך געוועזן אין די צייטען, ווען דאָס ליטעראַרישע יונג־ווארג,—ווי שלום אש, נאָמבערג, ל. שאפּירא—האָט זיך נאָך ניט באַוויעזען, ווען פינסקי האָט נאָך געהאלטען אין אויספּרואווען זיין קול. פרץ איז געוועזען אייגענטליך דער איינציגער „קאזיר" אין דער האנד, דער־פאר אבער א „טויז קאזיר", וואָס דער געגנער האָט געמוזט „נעהמען", ווייל ער האָט זי ניט געקענט „שלאָגען."

פון דעסטוועגען פלעגען זיך געפינען אזעלכע, וואָס פלעגען וועלען שלאָגען אויך די טויז.

— נו... יע... פרץ! גאָר נישקשה׳דיג... אבער פּרואווט איהם אקארשט פערגלייכען מיט א שטיקעלע בייראָן, א געטהע, א שעקספּיער, א דאנטע, אפילו א היינריך היינע! וויפיעל פעהלט איהם נאָך צו זייערע קנעכעל?

און איך האָב מעהרערע מאָהל פארגליכען פרץ׳ן מיט די העכסטע פון די גרויסע און—אסור, אויב ער איז דערביי ווען עס איז געפאלען אין מיינע אויגען...

איך וויל, מען זאָל מיך ריכטיג פערשטעהן. ווי שטארק איך האָב נישט ליעב פרץ׳ן, קען דאָך די ליעבע ניט פארבלענדען די אויגען אזוי,

אז איך זאָל נישט איינזעהען דעם מהלך צווישען איהם און די אויבער־דער־מאָנטע ריעזען. אבער בעשטעהען דען אלע אנדערע איירָאפּעאישע לי־טעראַטורען פון לויטער בייראָנס, געטהעס, שעקספּיערס, „אפילו“ פון היינריך היינעס? און וואו זיינען די טורגעניעווס, זאָלאס, מאָפּאַססאַנס, טשעכאָווס און די צעהנדלינגע אנדערע אָנגענומענע און בעריהמטע קינ־סטלער, וואָס זייערע נעמען זיינען שוין אויף אייביג פערשריעבען אין דער געשיכטע פון דער אלל־וועלטליכער ליטעראַטור? שטעלט מען אבער אוועק פּרץ׳ן צווישען זיי, האָט ער זיך געוויס ניט מיט וואָס צו שעה־מען. א ביסעל גרעסער, א ביסעל קלענער, ער געהערט צו זייער פאַ־מיליע און מוז געמאָסטען ווערען מיט זייער מאָס.

איך וויים, אז אפילו אין דעם פּונקט וועלען ניט אלע מיט מיר מסכים זיין. צו הויך קלינגען אפילו אָט די נעמען, און צו ניעדריג איז אונזער ניי־אידישע ליטעראַטור אין די אויגען פון א סך געבילדעטע אידען, זיי זאָלען צוגעבען, אז אפילו איהר גרעסטער העלד זאָל שוין זיין אריבערגעוואַקסען דעם הויכען צוים, מיט וועלכען די „גדולים“ פון דער וועלט־ליטעראַטור זיינען אָבגעצאַמט פון דעם קליין־געוויקס, וואָס פּרובּפּערט זיך און מעהרט זיך ביי יעדען פאָלק. און איך וויים אויך גאַנץ גוט, אז אפילו מיין היינטיגער ארטיקעל, אין וועלכען איך וועל פּראָווען אויסמעסטען פּרץ׳ס גרויס, וועט ניט אויף אלעמען האָבען די ווירקונג, אויף וועלכע איך האָף. אָט, ווען פּרץ וואָלט געוועזען איבערגע־זעצט אין איינינע פון די איירָאפּעאישע לשונות און אז ער וואָלט געהאַט די זכיה, קריטיזירט צו ווערען פון א געאָרג בראַנדעס, יעמאָלט וואָלט ער שוין געכאַפּט א פּאָר בראַוואָס אפילו פון דעם גאַנץ פיין־געבילדעט־סטען פּובּליקום. לעת־עתה מוז מען, באין ברירה, לאָזען דאָס גאַנץ־פיין־געבילדעטסטע פּובּליקום אָן א זייט און זיך ווענדען צו די פּשוט געבילדעטע און אפילו האַלב געבילדעטע און זעהען, אז זיי זאָלען בע־קומען א ריכטיגען בליק אויף די ווערטקייט פון פּרץ׳ן פאַר דער קונסט בכלל און פאַר דער אידישער ליטעראַטור בפרט.

דאָס איז א שווער שטיקעל ארבייט! די שווערקייט ליעגט ניט נאָר אין דעם, וואָס מיינע איינענע כחות זיינען צו־שוואַך דערצו. פּרץ האָט געוויס פאַרדיענט, אז פאַר אזא ארבייט זאָל זיך נעהמען א קריטיקער מיט דעם טאַלאַנט פון א איפּאָליט טען, געאָרג בראַנדעס, ביעלינסקי, און איך בין נעבעך, גאַנץ ווייט פון זיי. די שווערקייט ליעגט אין פּרץ׳ן גופא, אין זיין אָריגינעלען און פלינקען שטייגער צו מאָהלען, אין זיין צו־לעבעדיגער פאַנטאַזיע, אין דעם ענין גופא, וועלכען ער בעשרייבט. איהר לייענט דורך א מעשה׳לע, פיער־פינף בלעטלעך, אָפטמאָהל נאָך

װעניגער, און איהר זעהט זיך נישט ארום, װי פּאר אייערע אױגען זיי־נען אויסגעוואקסען פינף־זעקס לעבעדיגע פּארשוינען, בולטע געשטאַל־טען, מיט זייערע צובראָכענע אדער צוקראָכענע הערצער, און דערצו נאָך א פּאָר דראמאס אָדער טראַגי־קאָמעדיעס (זעלטען איינס), פון װעלכע זיי זיינען די העלדען. און בשעת איהר לייענט און נאָך דעם לייענען—איז אייער כח הדמיון און אייער געדאנקען פארנומען מיט דעם, װאָס איהר זעהט, הערט און פיהלט, אז איהר פארגעסט גאָר אָן דעם מחבר און איהר ווייסט אליין ניט, מיט װאָסער כשוף ער האָט ארויפגעצױ־בערט זיינע פּארשוינען.

די לעבעדיגקייט פון פרץ׳ס פאנטאזיע איז אזוי שטארק, אז אפילו װען ער פיהרט ארויס ניט מענשען, נאָר חיות, סאי אמת׳ע, פון לעבען גענומענע, סאי נאָר אויסגעקלעהרטע, שטראהלט פון זיי אזוי פיעל מענש־ליכעס לעבען, און די שטראהלען זיינען אזוי בלענדענד, אז מ׳הויבט גאָר ניט אָן צו טראכטען, אפשר זיינען דאָס נישט געשטויגענע נישט גע־פלויגענע שפּיעלערייען פון א צולאָזען געוואָרענעם טאַלאַנט. איהר פיהלט די גאנצע צייט, אקוראט װי פּאר אייך װאָלט פּאָרגעקומען דאָס אמת׳ע, אייער איינענס, אדער אייער ארומיגעס לעבען, און אז דערביי װערט גערעדט פון זאכען, װאָס זיינען נוגע אייך, װי מען זאָגט, „אין דער לעבער אריין". אָט האָט איהר צום ביישפּיעל, א קליינע בעשרייבונג פון גאָר א משונה׳דיגער, ריין אויסגעקלעהרטער בריאה, װעלכע פרץ האָט א נאָמען געגעבען „דער כל־בו".

„א װאונדערליך חיה׳לע איז דער כל־בו׳ניק געװעזען! — אָהן בײ־נער, פון סאמע װייך פליישׁ, און דאָס קעפּעל האָט זיך לויז גענדרעהט אויפ׳ן האלז, װי אויף א גוט־געשמיערט שרייפעל! ער האָט זיך נישט געריהרט פון אָרט און מיט׳ן קעפּעל געדרעהט קיין מזרח, קיין מעריב, קיין צפון, קיין דרום—װאו איהר װילט נור אליין! און װייל ער האָט יעדען צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, האָט ער מיט אלעמען בשלום געלעבט און פון קיינעם און מיט קיינעם גלייך—נישט געליטען! עס שלאָגען זיך צוויי העהנער; איינער שרייט: קוקעריקו! דער צווייטער װיל דוקא: קיקעריקי! דער כל־בו מישט זיך נישט אריין. נור, אז דער הויף איז שוין בעדעקט מיט פעדערען, און די העהנער צאפּלען זיך אָהן כח, געהט ער צו און זאָגט: איהר האָט ביידע רעכט: דער „באור" זאָגט „קיקעריקי!" און די שבעים זקנים: „קוקעריקו!" און ביידע העהנער בלייבען זיך שונאים און איהם גוטע פריינד! עס איז קיין שטילער הויף נישט געװעזען... דער הונד האָט געביסען דעם חזיר ביים אויער, די קאַץ האָט געשפּיענען אויפ׳ן הונד, און איין אָדלער מיט איין

אונטערגעשאָסענעם פליגעל איז אַרומגעגאַנגען און אַלע געוואָרפן אין זיעבעטען שוויס אַריין; נור דער כל־בו׳ניק האָט זיך מיט אַלע גע־חבר׳ט: ער האָט זיך געהאַלטען אַ מאָל ביים רעכטען אַ מאָל ביים לינ־קען אויער, און דער חזיר האָט געמיינט, אַז ער איז אויך אַ געביסענער! דעם הונד האָט ער איינגערוימט: „ברררר... סאַמע גנבים, איין עהרלי־כער מאַן ביסט דו!“ דערנאָך איז ער אַרויפגעשפּרונגען אויפ׳ן צוים און נעוואַשען זיך מיט דער קאַץ צוזאַמען פאַר׳ן רעגען... פּלוצלונג גאָר האָט ער דען אָדלער דערזעהען! ער ציהט אויף זיך אָן אַ בענקשאַפט, אין אויג ווייזט זיך אַ טרעהר: נישט גוט, ברודער, דעם אונטערגעשאָסע־נעם! ער זיפצט, און דער אָדלער מיינט, אַז ער בענגט אויך נאָך די הויכע וואָלקען, און נעהט אוועק מיט איין אַראָבגעלאָזטען קאָפּ, נור מיט אַ ווייך הארץ... „אויך איין אונגליקליכער!...“ און אַז קיינער זעהט נישט, שפּרינגט ער גאָר אַריין אין שטאַל צום קליינעם עזעלע און רוימט איהר איין: „ווייסט, קאַנט הויבט מיר אויך נישט אָן צו נעפעלען!“

וויפיעל קלאָהרע, פון לעבען אַרויס געריסענע געשטאַלטען אין די פּאָר שורות! געה, זוך אויס, אין וואָס ליעגט זייער קראַפט, אַז עס ווילט זיך גאָר טראַכטען, וועגען דער גרויסער מחלוקה צווישען „קוקע־ריקו“ און „קיקעריקי“, וועגען דעם אונטערגעשאָסענעם אָדלער, וואָס בענקט נאָך די הויכע וואָלקענס, וועגען דער ראָלע פון דעם עזעל אין דער פאַרברייטונג פון קאַנט׳ס פילאָזאָפיע, און וועגען דע סכל־בו גופא, וואָס איז אָט מיט אַ פיערטעל שעה צוריק נעוועזן ביי מיר און געדריקט מיר מיין האַנד...

נאָך מעהר! פאַלט פּרץ׳ס קינסטלער־אויג אויף גאָר טויטע זאַכען, — אַ היינג־לייכטער, אַ לאָמפּ, אַ האַלב־צופוילטער קלאָץ אין מיטען מאַרק, אַ צוריסענער שוך אויף אַ הויפען מיסט, — זאַכען, וואָס האָבען דאַכט זיך לחלוטין קיין שום שייכות ניט צו דער מענשליכער נשמה און צו די מיליאָנען נאָדלען, וואָס שטעכען זי, — גיסט זיך אין זיי אַריין פון דער אויג פּרץ׳ס כשוף, און זיי הויבען אָן צו לעבען, צו מאַ־טערען זיך און צו מאַכען מענשישע שטיק. די צוריסענע שיך פוילען אין מיסט, ליידען פון ניט־בעפרידיגטער גאוה, און „צוויי אָבצאַססען פון איין פּאָר שטיוועל בלאָזען זיך אודאי — דער רעכטער שרייט, אַז ער איז דער רעכטער, און דער לינקער — אַז ווען פיס זאָלען תפילין ליינען, וואָלט ער געהאַט בלאָהע צייכען פון דער רצועה“ („מיסט־חלומות“), דער קלאָץ דערמאָנט זיך אָן די יאָהרען, ווען ער איז נאָך געשטאַנען אין וואַלד און זיך געריסען צו וואַקסען העכער איבער אַלע

בוימער, צו דעם הימעל און דער זונן, און בעת'ן פאַלן געטרוימט, אַז ער וועט געוויס זיין אַ זעגעל־בוים אויף אַ ים־שיף („קלאָץ־געשיכטע"), און דער הענגעל־לאָמפּ זאָגט מוסר אַ קליינעם טיש־לעמפּעל, ער זאָל נעדענקען, אַז זיין זיידע (זכרונו לברכה) איז אַ הייליגער קאַנאַניק געווען, זיין פעטער—איין הבדלה, און חנוכה ליכט, נשמה ליכט און שבת ליכט זיינען זיינע „נאָהנטע קרובים"... און דער קאַנאַניק אַליין, פון וועמען מען דאַרף זיך אַראָפּנעהמען אַ מוסר השכל! „ער שווימט אַרום אויף כשר'ען בוימעל; ער ברענט טונקעל, ציכטיג און שטיל; פלאַקערט נישט אויף מיט טייוולאָנישער גאוה, רעדט זיך נישט איין, אַז ער וועט בעלייכטען און בעשיינען די וועלט... נישט זיין וועלט, ער דאַרף זי נישט פאַרזאָרגען! זיין אייגען ווינקעלע איז פאַר איהם גענוג, פאַר דאָס מאַכט ער קיין שריפות נישט אָן! איהר וועט ביי איהם נישט געפינען קיין צייכען פון אַנאַרכישע אידעען!" („לאָמפּען־מוסר").

אומעדום, אפילו אין דער טויטער נאַטור, זעהט פרץ אונזער מענשליך לעבען, אומעדום זעהט ער די זעלביגע קרעפטען, וואָס פיהרען קריעג אין דער היינטיגער געזעלשאַפט. אַ שטאַרקער ווינד רייסט די דעכער מיט אַ כעס, גליך ער וואָלט אַנטיסעמיט און זיי יודען געוועזען; נור די דעכער זיינען אייזען און ביי זיך אין דער הייהם. ער לאָזט זיך אַראָב מיט רציחה צו די לאַמטערן אין גאַס, זיי האַלטען זיך דאָך גלייך און לייכטען ווייטער, ווי העלדען־געלעהרטע אין דער אינקוויזיציע צייט!" („דאָס אָרימע יונגעל").

איך וואָלט קיין מאָהל נישט פאַרטיג געוואָרען מיט דעם אויסשרייבען, ווען איך וואָלט געוואָלט בריינגען אַלע וויכטיגע ביישפּיעלע. אין וועלכע מיר דערקענען פּרץ'ס וואונדערבאַרע „מחיה מתים" קראַפט, — וואָס זי איז איינע פון די וויכטיגסטע עלעמענטען פון זיין קינסטלערישע נאַטור. פון די פּאָר שטיקלעך, וואָס איך האָב אַרויסגענומען פון זיינע ווערק כמעט ניט זוכענדיג, קען מען שוין אַליין זיך אָנשטויסען, ווי גלענצענד און העל זיינען פּרץ'ס בילדער, און ווי טיעף אין דעם מענשען'ס נשמה דרינגט אַריין זיין בליק דאָרטען, וואו ער האָט צו טאָהן מיט אמת'ע מענשען און מיט אמת'ע פּראָבלעמען פון לעבען. עס איז דעריבער גאָר קיין וואונדער נישט, פאַר וואָס מען פאַרגעסט אין איהם אין גאַנצען בעת'ן לייענען און מען טראַכט אַזוי ווייניג וועגען די סמנים פון זיין טאַלאַנט.

אבער דאָס גופא איז שוין איינער פון די סמנים פון אַ אמת'ן גרויסען קינסטלער. מאַכען פערגעסען, אַז פאַר אונזערע אויגען איז אַ בילד, אַ פּראָדוקט פון דעם מחבר'ס כח הדמיון, אַזוי צוציהען צו די שטי־

קער לעבען, וואס ווערען אנטפלעקט און צו די טיפע שאלות, מיט וועל־כע זיי זיינען פול, דעם מח און דאס הארץ פון דעם לעזער, אז ער זאל ניט קענען ארויסגעהן פון דער שליטה, אין וועלכער דאס געמאהלטע לע־בען האלט איהם, — דאס קענען די גאר גרויסע קינסטלער, און פרץ בלייבט אין דעם פונקט נישט הינטער זיי.

עס איז פאראן נאך סמנים, נאך וועלכע מען קען דערקענען דעם אמת'ן קינסטלער. די הויפטזאך אין דער קונסט איז, דער קינסטלער זאל קענען צווינגען אונזער פאנטאזיע, זי זאל אליין קענען אויפבויען אין אויסמאהלען זיך דאס בילד, וואס ער וויל אין אונז ארויסרופען. מיט לאנגע און געטרייע שילדערונגען פון אלע פרטים און קליינינקייטען קען מען נאך ניט פאנאנדערהיצען דעם כח הדמיון. האט אבער דער מחבר איין אמת'ן קינסטלערישען טאלאנט, קען ער ארויסכאפען פון אלע פרטים און קליינינקייטען איין קליין שטריכעלע, אבער דערפאר אזא קליין שטריכעלע וואס ווירקט אויף דעם כח הדמיון ווי איין עלעקטרישער שלאג. ער כאפט זיך אויף, ווי פון שלאף, ווערט נתפעל פון דעם שטריך און מוז, ווילענדיג ניט־ווילענדיג, אויסמאהלען זיך א סך נויטיגע איינצעלהיי־טען, וועלכע דער שרייבער דערמאנט גאר ניט, אבער וואס מוזען זיין פארבונדען מיט דעם קליינעם שטריכעלע, וועלכער עס האט פעראינטערע־סירט. אט אין דעם „קונץ", אויב איהר ווילט, ליעגט דער גאנצער סוד פון דער בעללעטריסטישער קונסט. וואס וויינגער די פאנטאזיע פון דעם פשוט'ען לעזער האט געקענט לכתחילה דערווארטען צו זעהען דאס קליינע שטריכעלע, וואס נייער און אריגינעלער ער איז פאר איהר, אלץ שטארקער ווערט איהר איינגענע בעשאפונגס־קראפט און אלץ קלאהרער שטעהט פאר אונזערע אויגען דאס בילד.

און כמעט אויף יעדען שריט און טריט געפינען מיר ביי פרץ'ן אט א די „מתנת אלהים", נאך וועלכע מען דערקענט אויפ'ן שוועל דעם גע־בארענעם קינסטלער. איך וויל מעהר נישט ברייננגען, ווי איין קליינע בעשרייבונג פון דעם שטאלצען בריסקער רב, בעת ער איז געקומען צו זיין מסוכן־קראנקער טאכטער: „א הויכער, הויכער איד, טאקי „משכמו ומעלה"... איין אימה האט ער געווארפען ווי א מלכות! — א ווייסע, לאנ־גע בארד, איין שפיץ, געדיינק איך נאך, ווי היינט, האט זיך איהם ארייגערוקט אונטער'ן גארטעל, דער צווייטער שפיץ בארד ציט־טערט איבער'ן גארטעל... ברעמען — ווייסע, דיקע, לאנגע — א האלב פנים האבען זיי איהם פארשטעלט און, אז ער האט זיי אויפגעהויבען — רבונו של עולם! די נשים זיינען ממש צוריקגעפאלען, אזוינע אויגען האט ער געהאט! — חלפים, בלאנקע חלפים האבען אין זיי געבליצט!

און א געשריי האָט ער געטהאָן ווי א לייב: „אוועק נשים!" („צווישען צוויי בערג") אָט „דער צווייטער שפּיץ באַרד, וואָס ציטערט איבער'ן גאַרטעל" איז דער עלעקטרישער פּונק, וואָס טרויסעלט אויף אונזער פאַנ־טאַזיע און הייסט איהר אויסארבייטען דאָס בילד אין אַלע אנדערע נויטיגע פּרטים.

איך וויל מיך ניט לאנג אויפהאַלטען אויף דער שילדערונג פון פּרץ'ס קראַפט, מיך אינטערעסירען מעהר די בילדער, וועלכע ער האָט אויס־געמאָהלען מיט דער קראַפט און דער טיפערער לעבענס־זין, וואָס שטעקט אין זיי. און דערצו איז אויסשטודירען אין גרונד אריין אַלע מיטלען, וואָס גיבען פּרץ'ן די מעגליכקייטען אזוי פלינק און קלאָהר צו מאָהלען, — אויף דערויף דאַרף מען אפשר אן ארבייט טהאָן מיט די געצייג פון א געלערנטען עסטהעטיקער און אָנשרייבען א גאנצעם בוך. וויינינגסטענס בין איך זיכער, אז מיט דער צייט, ווען מיר וועלען האָבען אונזערע איי־גענע אוניווערזיטעטען, וועט אויף געוויס ניט איין יונגער סטודענט פאַר־דיענען זיין „דאָקטאָר דער פילאָלאָגיע" דורך א דיסערטאַציאָן מכח „פּרץ'ס שפּראַך און ליטעראַרישע טעכניק". און איך וועל שטאַרק צו־פריעדען זיין, אויב איינער פון זיי וועט דערמאָנען אויך מיין נאָמען צו גוטען צוליעב א געדאנקען, וואָס איך וויל נאָך זאָגען וועגען דעם פּונקט.

מיר דוכט, אז א טהייל גבורה אין פּרץ'ס טאַלאַנט שטאַמט אָט פון וועלכען קוואַל. בעת ער מאָהלט זיינע בילדער, שטעלט ער זיך אָפּ ניט אזוי אויף דעם, ווי זיינע פּארשוינען זעהען אויס, אויך ניט אזוי, וואָס זיי פיהלען און וואָס מיט זיי פּאַסירט. מעהר פאַר אַלץ אינטערעסירט איהם דאָס, וואָס זיי טהוען. איין ביישפּיעל וועט דערקלעהרען, וואָס איך מיין. בעשרייבענדיג ווי דאָס שטעדטעל שרעקט זיך פאַר דער אָנ־קומענדיגער מגפה, דערצעהלט אונז פּרץ: „דער האנדעל ווערט שוואכער, די פרומקייט שטאַרקער; תבואה־סוחרים האָבען זיך מורא צו ריהרען פון אָרט; דער גרויסער יוסיל האָט שוין זיין פערד און בודקע פאַר־קויפט, — א שאָד דער האָבער! די תבואה־מעקלער ציהען אַלע טאָג פעסטער איין די גאַרטלען אויפ'ן לײדיגען מאָגען און אין די שטיבער ווערט אַלע מאָל מעהר רחבות: מען טראָגט אַרוים יעדען פרייטאָג עפּעס אנדערש צו פערזעצען אויף שבת! א בעל־מלאכה, טהייל מאָל אפילו א בעל־הבית, כאַפּט אָפּט איין איבריגען טרונק בראַנפען צו מאכען זיך א הארץ אויף קוראַזש... פאַר דאָס האָט דעם רופא'ס ווייב אויס־געטהאָן דאָס שייטעל און אָנגעטהאָן א האָהר־באַנד; א בעהאַלטענער משכיל האָט פערברענט בריש גלי איין „אהבת־ציון" און גענומען זיך צום תהלים זאָגען; די דיענסט פון בעדער איז געקומען צום רב

ארויסנעהמען אַ תשובה, באשר.. זי פלעגט אַלע פרייטאג אריינקוקען דורך אַ שפּאַרע אין באַד אריין צו די מענער... עפּעס אַ יונגערמאַן, מען וויל ניט פּורס בשמו זיין, פאַסט שוין אַ גאַנצען חודש און קלערט נאָך אַ פּרוש צו ווערען; גאָט ווייס פאַר וואָס פאַר אַ זינד! טהייל שנייּדער טראָגען אַב דעם יתור, קצבים גיבען אַ גרעסערען צוללאָג. איין ירוחם חלפן האַלט זיך נאָך, נעהמט ניט וועניגער פאַר 10 פּראָצענט אַ חודש אויף אַ חרם־קוויטעל מיט אַ משכון... דאָס איז אַ הארץ — אַ קיזעל־שטיין!" („בשעת מגפה").

דאָ איז כמעט יעדעס וואָרט אַ „ווערבום", יעדע שילדערונג אַ כאַראַקטעריסטישעס „טהאָן", וואָס דעקט אונז אויף די גאַנצע לאַגע פון צעהנדליגע מענשען בעסער, איידער בויגען־לאַנגע בעשרייבונגען. און דאָס איז קיין חידוש ניט! אין דעם וואָס די מענשען טהוען ליעגען זייערע ציעלען. און די ציעלען זייערע זיינען אַ רעזולטאַט פון זייערע געדאַנקען און געפיהלען. דעריבער ליעגט אין דער גליקליך אויסגעקליבענער טהועכץ צוזאַמענגעפּרעסט כמעט די גאַנצע נשמה פון דעם מענשען. געמאָלען מיט אַזעלכע פאַרבען, קומט דאָס בילד ארויס קאָנצענטרירט און ברענענדיג, ווי די שטראַהלען פון דער זונן, בעת מען קאָנצענטרירט זיי אויף אַ ברענגלאָז.

איך וויל אויסשרייבען נור נאָך איין קליין בילדעלע, כדי צו בעווייזען ווי שטאַרק פּרץ'ס טאַלאַנט איז, מיט ווי ווייניג ווערטער ער קען אין אונז ארויסרופען אַ גאַנצען ים פון געדאַנקען, געפיהלען און בילדער: „ביי דער ערשטער מגפה, שנת תק"ץ, איז דער גאַנצער מאַרק בעוואַקסען געוואָרען מיט גראָז און אין מיטען איז נ אָ ר אַ פּ אָ ר ס צ י ע ז ־ ק ע ס ג ע װ ע ז ע ן, א ו י ס ג ע ט ר ע ט ע ן פ ו ן ד ע ר ח ב ר ה נ ו ש א י ם". פון אזא איינפאַל וואָלטען זיך ניט אָבגעזאָגט אפילו די „גדולים שבגדולים." ארויסרופען די פאָרשטעלונג פון דעם אָבגעשטאָרבענעם לעבען פון אַ גאַנצען שטעדטעל און פון דער שטאַרקייט פון דער מגפה דורך דאָס שטילע פאַראומערטע בילד פון אַ מאַרק, בעוואַקסען מיט גראָז, מיט אַ פּאָר סציעזקעס אין מיטען, אויסגעטראָטען פון די, וואָס האָבען טאָג אויס און טאָג איין געטראָגען די טויטע אויפ'ן בית עלמין, — דאָס איז איינע פון די זעלטענסטע פּעריל, וועלכע מען קען געפינען אין דער וועלט־ליטעראַטור און אפילו אַ שעקספּיער וואָלט זיך בנאמנות ניט געשעהמט אריינצושטעלען זי אין זיין קרוין...

אברהם אהרן ראָבאַק.

# פרץ אלס פסיכאָלאָג

1.

עס איז ברוך השם ביי אונז אין דער ליטעראטור ניטאָ קיין דוחק אין שרייבער וואָס האָבען געלעגט געוויכט אויף דער אינערליכקייט, די דורכפיהלונגען, די איבערלעבונגען פון זייערע כאראַקטערע. און באמת מוז דאָך יעדער שרייבער זיין א ברעקעל פסיכאָלאָג לכל הפחות, און ביי אידען איז די פסיכאָלאָגישע זייט פון אלעס כסדר געווען דער שווערפונקט אין זייערע שאפונגען.*)

וואָס מען זאָל ניט זאָגען וועגען דעם טאַלאַנט פון אונזערע שרייבער—מען קען אבער ניט אוועקנעהמען פון זיי: זיי האָבען א פיינעם חוש פאַר פסיכאָלאָגישע בעאבאַכטונגען. זיי—נאַטירליך מיינט מען דאָ די מעהר בעדייטענדע פון זיי—האָבען די פעהיגקייט זיך ארייננצוטראַכטען אין יענעמס לאַגע און איבערגעבען זיינע געפיהלען מיט א ראַיעלקייט וואָס מוז איבערציינגען דעם לעזער.

אויב אבער אונזערע שריפטשטעלער זיינען גרייט צו שענקען גרויס אויפמערקזאַמקייט צו דער פסיכאָלאָגישער זייט פון דער ערצעהלונג אדער בילד, מעג מען זאָגען אויף פרץ׳ען אז ער איז דער פסיכאָלאָג פאַר עקסעלאַנס.

אויב מען זאָל דוקא פרץ׳ען פערבינדען מיט א געוויסער שולע אין דער ליטעראטור וואָלט עס בלי ספק געווען די פסיכאָלאָגישע שולע. אמת, א ראָמאַנטיקער געווען; אמת, געמאָלען גאַנץ רעאַליסטיש, טאַקי געוואָרען שפּעטער א מיסטיקער אויך, אבער קודם כל און אחרי ככלות הכל געווען א פסיכאָלאָג—א פסיכאָלאָג פון א בעזונדערען שניט און כאראַקטער.

ער האָט ניט בעשריעבען קיין אבנאָרמאַלע מענשען, קיין קראַנקהאַפטע טיפּען ווי די רוסישע און פוילישע פסיכאָלאָגישע שרייבער האָבען עס געטהאָן. ניט אויף ערגאַר אלאַן פּאָ׳ס שטייגער האָט ער געשילדערט „מורא׳דיגע“ פסיכאָלאָגישע פערזעהענישען. אָט די ארבייט האָט

---

*) די אידישע פילאָזאָפען צייכענען זיך אויס דערמיט וואָס זיי האָבען אימער אָבגעגעבען אין זייערע מעטאַפיזישע און עטהישע ווערק א בכבוד׳ען פּלאַץ צו דער פסיכאָלאָגיע. אפילו די מוסר ספרים ענטהאַלטען זעהר פיעלע פסיכאָלאָגישע בעמערקונגען. עס זיינען, נאַטירליך, דאָ גענוג טעמים אָנצוגעבען פאַר דעם אידענס סוביעקטיוויטעט, אָבער דאָ, פערשטעהט זיך, איז ניט דער פּלאַץ פאַר דעם. — א. ר.

ביי אונז איבערגענומען יונה ראזענפעלד. פרץ האט זיך פערנומען מיט דעם געזונדען, נארמאלען מענשען ווען אבער די אומשטענדען האבען געמאכט פאר א בייזען, א צודרייטען נפש.

אפילו זיין „משוגענער בטלן" איז ניט קיין אבנארמאלער טיפ אין דעם זין ווי מען בעגעגענט משונה'דיגע כאראקטערע ביי אנדערע שריפטשטעלער. אזעלכע ווי בערעל חנה'ציעס, וואס עגבערט זיך דעם מוח צו וויסען ווער ער איז, אדער ווי יוסיל דער לאמער ישיבה בחור, וואס קוקט אויס אויף דער מגפה אין שטעדטעל כדי קהל זאל איהם חתונה מאכען, זיינען בלויז פראדוקטען פון דער סביבה. אויב זיי זיינען ניט נארמאל דארף מען אבער ניט פערגעסען, אז די גאנצע אומגעבונג איז ניט קיין געזונדע. ביידע זיינען זיי אבשפיגלונגען פון די איינוואוינער פון יענע שטעדטלעך. אין א געגענד פון האלבנעוראסטעניקער איז דער אמת'ער פסיכאפאט ניט אזוי אבנארמאל ווי ער וואלט געווען אין א גרויסע שטאדט.

נאך מעהר, ניט נאר גיט זיך פרץ ניט אב מיט פסיכאפאטהישע טיפען, נאר מען קען זאגאר זאגען אז דער מענש אלס אזעלכער איז איהם ניט שטארק נוגע. ער זוכט ניט פארצושטעלען און צו ענטוויקלען כאראקטערע ווי אין א דראמא. ער שטעלט זיך אב אויף דער סובסטאנץ. דער מענש דיענט איהם בלויז אלס מיטעל, און ציעלען ציעלט ער צו עפעס אנדערש גאר. ער וויל ארויסברייגנען בעציהונגען, פערהעלטניסע, און צו יעדער בעציהונג מוז מען דאך האבען וועניגסטענס צוויי פערזאנען. דער געליעבטער? ניין ביי פרץ'ען שפיעלט ער גאר קיין ראלע ניט. וואס פרץ איז אויסען צו שילדערן איז די ליעבעס-בעציהונג, און ניט אזוי די אויסערליכע סמנים ווי דאס לאשטשען, דאס קושען זיך, א. א. וו. נאר דאס סאמע אינעווענינגסטע געפיהל וואס איז דער מקור פון די אלע צערטליכקייטען.

ביי פרץ'ען זיינען די האנדלונגען א תפל בלויז. דער עיקר איז די אינערליכע דורכלעבונג, פונקט ווי די פערזאן גופא איז נאר אן אינסטרומענט דורך וואס עס קען אנטפלעקט ווערען דער אלגעמיינער צושטאנד פון בעוואוסטזיין אדער די בעציהונגען וואס הערשען צווישען צוויי אדער מעהרערע פערזאנען. שפעטער וועלען מיר זעהען, אז אט דער שטריך איז אין איינקלאנג מיט פרץ'ס גאנצער גייסטיגער ענטוויקלונג און געדאנקען-גאנג.

בכלל איז דער יחיד אלס יחיד פאר איהם קיין סחורה. ער מאלט ניט קיין טיפען ווייל ער בענוגענט זיך ניט מיט דעם וואס ער לאזט אונז

פאסיוו אנקוקען א בילד וואס ער האט געמאלען. ניין, מיר מוזען זיך פערטראכטען יעדעס מאל ביי זיינע א שאפונג. נ י ט ד ע ר מ ע נ ש א י ז א י נ ט ע ר ע ס א נ ט, נ א ר ד י ס י ט ו א צ י ע. מיר לאכען ניט פון דעם ארימען נאאיווען באנטשי שוויינג וואס האט זיך ניט געקענט צופאסען צו אונזער וועלטעל. מיר לאכען פון דער גאנצער סי־טואציע נעבען כסא הכבוד. מיר לאכען מיט פעראכטונג פון דער גאנ־צער וועלט־ארדנונג וואס האט מעגליך געמאכט אזא מין לעבען ווי באנציע האט געלעבט זאגאר פון אונז אליין, די לאכער, לאכען מיר. כמעט יעדע פון זיינע ערצעהלונגען, יעדע פון זיינע בילדער, יעדע פון זיינע דראמען האט א זין — א זין אין וועלכען עס איז אפשר שווער זיך פו־נאנדערצוקלייבען, אבער וואס דריקט יעדענפאלס אויס דעם תמצית פון דער זאך.

.2

## קאנטראסט אלס פסיכאלאגישעס מיטעל.

עס וועט אפשר זיין לייכטער צו פערשטעהן די אינדיווידואליטעט פון פרץ'עס שרייבען ווען מיר וועלען איהם פערגלייכען מיט אנדערע שריפטשטעלער.

נעהמען מיר שלום אש'ען אלס ביישפיעל, וועלען מיר מערקען אז דיעזער איז א פארבען־קינסטלער, א מאלער און ניט עפעס אנדערש. ער וועבט אייך אויס א בילד מיט אלערליי קאלירען, און איהר דארפט בלויז קוקען אויף דעם — קוקען און זיך קוויקען.

פרץ צייכענט, אבער, דאס רוב אין שווארץ און וויס און אז ער בענוצט שוין אנדערע פארבען אויך, מוזען זיי געהן פאארוויז כדי ארויס־צוברייגנען דעם היפך. בלויז אויף אזא אופן קען ער עס טהון. ער מוז זיך אימער בענוצען מיט געגענגעזעצטע פארבען. בעת אש איז צופרידען אז מיר זאלען נאר זעהן די פארבען און בעמערקען דעם פייזאזש, וויל פרץ אז מיר זאלען אויך בעמערקען די קאנטראסטען. אין אש'עס ז ע ה ע ן מיר; ביי פרץ'ען ד ע ר צ ע ה ע ן מיר.

אש דערצעהלט ריכטיג ווי א יונגע, נאאיווע מיידעל וואס האט זיך ניט געשטעלט די אויפגאבע צו דערגעהן אליין וואס פאר א בעדייטונג עס ליעגט אין איהרע ווערטער. עס שפראצט פון זיי ארויס א געוויסע הארציגקייט; אפשר ליעגט אויך אויף דער ערצעהלונג א הויך פון עלע־גאנץ און גראציע. מיר בעוואונדערען די תמימות'דיגקייט און זגראוו־נעקייט פון דער מיידעל וואס בעגרייפט נאך ניט די צוזאמענשטויסען פון לעבען און איז נאך ניט צוריסען פון די סעריעזע פראגען וואס גנב'ענען

זיך אריין פריהער אָדער שפּעטער אין מוח און ווירקען אזוי שטאַרק אויף דעם נאַאיוועז טעמפּעראַמענט.

ביי פּרץ'ען איז ניטאָ קיין חנ'דלען זיך. אין פּרץ'ען רעדט דער פול-בעוואוסטזיניגער מאַן וואָס בעטאָנט געוויסע ווערטער אז מען מוז זיך אָבשטעלען אויף זיי און א טראַכט געבען. ער טהוט עס ניט אויס-גערעכענטערהייד, אודאי ניט! אָבער עס מאַכט זיך שוין אזוי אז מיט אזא קלאָרקייט פון בעוואוסטזיין, מיט אזא טעמפּעראמענט וועט תמיד געהן אזא אָרט שרייבען.

אין פּרץ'עס שריפטען קומט איהר פּ נ י ם א ל פּ נ י ם מ י ט פּ ר אָ ב ל ע מ ע ן וואס בילדען זיך ארויס פון די בעציהונגען צווישען די פּערזאָנען. אויב ניט צווישען „צוויי בערג" זייט איהר אימער צווישען צוויי בערגלעך, צווישען צוויי טהאָלען, צווישען צוויי טייכען, אָבער אי-מער צווישען צוויי קעמפּפענדע כחות.

אַט דערפאר איז אזוי וויכטיג דער עפעקט פון קאָנטראַסטען מיט וועלכע פּרץ בענוצט זיך אזוי אָפט. קאָנטראַסטען, ווען מען לעגט זיי זייט ביי זייט, האָבען די אייגענשאפט בולט'ער צו מאכען דעם כאראַק-טער פון יעדע פון די צוויי זאכען בעזונדער. נעהמט א שוואַרצע פּאַרב און לאָזט עס זיך גרענעצען מיט א ווייסע פאַרב, וועט איהר בעמערקען אז דאָס שוואַרצע וועט ווערען נאָך שוואַרצער און דאָס ווייסע וועט ווערען נאָך ווייסער. אזוי וועט אויך זיין ווען איהר וועט געל זיך לאָזען גרענע-צען מיט בלוי און רויט מיט גרין. די רעכטע שאַרפקייט פון דעם חלוק וועט זיך לאָזען מערקען איבערהויפּט ביי דער ליניע וואו די צוויי געגענ-נעזעצטע פאַרבען קומען זיך צוזאַמען. דער צוזאמענשטויס קומט פאָר ביי די סאַמע ברעגעס.

עס איז כמעט ניטאָ קיין איין בילד אָדער ערצעהלונג וואו פּרץ פיהרט אונז ניט צו צו אזא פּונקט. מעג זיך זיין די ערצעהלונג ווי שפּאַ-נענד, אַט למשל ווי אין „מסירת נפש", מוזען מיר זיך אָבשטעלען ביי געוויסע שטעלען און בעדייטונגספאָל שאָקלען מיט'ן קאָפּ אזוי ווי צו זאָגען „אזוי איז דאָס, הא!"

צו געבען פּיעלע אילוסטראַציעס כדי צו מאכען קאָנקרעטער די מיינונג וואָס איז דאָ ארויסגעבראַכט געוואָרען איז, ווי מען קען זיך אויס-מאָלען, אונמעגליך אין א צייט-אַרטיקעל, ווען אפילו עס איז געשריעבען פאַר א מאָנאַטליכען זשורנאַל. אָבער אז מיר זאָלען שוין אָנכאַפּען סתם אזוי אַ בילד פון זיינע גרעסערע זאכען, וועט עס, דוכט זיך, אויך זיין גענוג צו ווייזען, אז דער לייטמאָטיוו ביי פּרץ'ען איז א פּסיכאָלאָגישער. דאָס וואָרט „לייטמאָטיוו" איז דאָ ניט אָנגעווענדעט געוואָרען בדרך

מליצה, נאָר טאקי ווייל פּרץ׳עס שאפען האָט א גרויסע שייכות צו אפּערא וואו די אסאָסיאציע פון מאָטיוו און פערזאָן שפּיעלט א וויכטיגע ראָלע און וואו עס ווערען ארויסגעבראכט אויף דעם אופן קאָנטראסטען.

מיר וועלען ניט נישטערען אין פּרץ׳עס פיעל־בענדיגע ווערק. לאָז אונז דאָס בילד וואָס הייסט „משופּע אָדער א מאָרגען אין קעלער־שטוב" דיענען אלס ביישפּיעל. זעהט ווי פערוויקעלט און פערקניפּט עס איז די גאנצע סיטואציע. בעדענקט נאָר וויפיעל שייכות׳ען איהר האָט דאָ, וויפיעל קאָנטראסטען עס שווימען ארויף, און וויפיעל פּראָבלעמען עס לאָזען זיך דאָ אָנזעהן פון ווייטען — און אלעס צוזאמען בילדעט איין וואונדערבאר־צונויפגעפלאָכטענעס גאנצעס.

איהר האָט דאָ קודם כל (1) די בעציהונג פון הויכען עלטער (מנשה) צו מיטעלען עלטער (זיין זוהן און שנור), צו יוגענד (זיינע אייניקלעך, רבקה און חנה), צו פריהעסטער קינדהייט (דעם קליינעם יענקעלע); (2) מוטערליכע בעציהונגען (צווישען דער מוטער און איהרע טעכטער); (3) פעטערליכע בעציהונגען וועלכע זיינען שוין גאָר אנדערש (צווישען דעם סוחר׳ישען חיים און דער אבוועזענדער חנה׳ן מיט וועמעס נדן־געלד ער וואָלט געוואָלט ספּעקולירען); (4) בעציהונגען צווישען נאַ־איוועקייט און פערפיהרערישקייט (חנה׳ן און איהר „בענגעניש" וואָס פיהרט זי אָב אהיים פון פאבריק און פון וועמעס „גאָלדענער שטימע" זי ווערט פשוט נתפעל); (5) די בעציהונגען צווישען צניעות און דורכגע־טריבענקייט (חנה׳ן און די חבר׳טאָרינס פון פאבריק וואָס ווילען זיך אויף איהר חשבון); (6) שוועסטערליכע בעציהונגען (פון חנה׳ן און רבקה׳ן ווי אויך צווישען חנה׳ן און יענקעל׳ען); (7) בעציהונגען צווי־שען געזונדע פרישקייט און שוואכקייט, קערפּערליכע ווי גייסטיגע (רבקה׳ן און חנה׳ן); (8) דאן פאנגט זיך אָן א נייע סדרה מיט בעצי־הונגען צווישען די פּימסענהאָלץ׳עס צווישען זיך, און דאן צווישען די פּימסענהאָלץ׳עס און דער קעלער־שטוב משפּחה, דאן צווישען דער קעכין און דער שוואכזיניגער חנה׳ן, דאן צווישען דער רייכער כלה׳ס געליעבטען און דער אָרימער חנה׳ן וואָס איז אזוי ווייט הינטערשטע־ליג אין שכל אז זי בעגרייפט ניט די ערנסטקייט פון איהר שליחות צו אן אונבעקאנטען בחור אין הויז און וואונדערט זיך וואָס ער האָט גע־קענט וועלען מיט זיינע לאָסקעס און פרייע צערטליכקייטען.

די בעציהונגען זיינען דאָ אזוי קאָמפּליצירט אז זיי געהען גע־דרעהט און געפלאָכטען אויף פערשיעדענע אופנים. מיר האָבען אין אָט דעם בילד א פּסיכאָלאָגישע פּאנאראמא, אויב מען קען זיך אזוי אויס־דריקען.

פרץ איז ניט מכון צו דערצעהלען וואס עס איז פארגעקומען. ער וויל אונז אויך ניט בעקענען מיט געוויסע טיפען ווי מנשה אדער חיים אדער רבקה. ער איז ניט אויסען ארויפצוברייינגען אויף דער סצענע אזעלכע און אזעלכע כאראקטערע. דאס ערשטע לאזט ער איבער צו די ראמאנען־שרייבער; דאס לעצטע צו די דראמאטורגען. ער וויל אונז נאר צופיהרען צו א דענק־פונקט, ער האלט אונז אין איין דערלאנגען צו דער האנד פעדים אין דער פארמע פון פערהעלטניסע, און איידער מיר קוקען זיך נאך ארום האבען מיר א טהייערען געוועב.

ווארים מען דארף ניט פארגעסען אז אויסער די איינצעלנע קאנט־ראסטען וואס פרץ לעגט פונאנדער אזוי קינסטלעריש זיינען נאך דא די פערשיעדענע קאמבינאציעס און פערמוטאציעס ביז וואנען עס ווערט איין גרויסער מאזאאיק פון היפוכים.

לאמיר נאכפאלגען איין פאדעם בלויז און מיר וועלען זעהן ווי וויית ער איז פערקניפט מיט אנדערע.

די נאאיווע און צניעות׳דיגע רבקה האט געהאט א „בענגעניש" וואס קען איהר גאר פון די געדאנקען ניט ארויס. די פאסירונג מאכט אויף איהר א שטארקען רושם. זי וויל אימיצען דערצעהלען אבער האט ניט פאר וועמען אויסריידען דאס הארץ. פאר די עלטערן? זי קען גאר ניט א טראכט טהון וועגען דעם. די חבר׳טארינס אין פאבריק? אודאי און אודאי ניט. וויל זי איהר תם׳עוואטער שוועסטער אויסזאגען דעם סוד, אבער זי טהוט עס דאך ניט. „וואס וועט זי, די ארימע, קראנקע חנה, פערשטעהן"?

דערווייל אבער האט די שוואכזיניגע חנה איהר א מורא׳דיגען סוד צו דערצעהלען און כאטש זי פיהלט ניט אליין וואס פאר א וויכ־טיגקייט עס שטעקט דארין ווייס זי דאך, אבער, יא אז גלאטיג איז דא עפעס ניט. דערצעהלט זי רבקה׳ן בתמימות׳דיג א געשיכטע וואס האט עפעס א שייכות מיט דעם וואס רבקה האט געזאלט איהר דערצעהלען. רבקה ווערט נבהל ונשתומם, אבער זי קען דאך ביי זיך ניט פועל׳ן אויסצוזאגען איהר 17 יעהריגע קראנקע שוועסטער וועגען וואס עס האנדעלט זיך.

דאס איבריגע איז בעסער איבערצוגעבען אין די ווערטער פון דעם פערפאסער, אום צו אילוסטרירען ווי אזוי ער האט דא ווידער ארויסגעבראכט דעם קאנטראסט:

„— זאג נאר, רבקה, נאך וואס האט ער פון מיר געוואלט?.. קען...

— שווייגען, — שלאגט איהר רבקה איבער מיט שרעק.

— — — — — — — — — — — — — — — —

צום גליק הערט נישט דער אַלטער. ער איז פערטיעפט אין זיין תהילים. ער זאָגט אַ פסוק און פערטייטשט באַלד:

— זיי האָבען קיין וואהר וואָרט אין מויל... אינערוועניג, אין האַרץ הייסט עס, האָבען זיי אַ בראָך... זייער האַלז איז אַן אָפען קבר... אַ גרוב, הייסט עס, איינצושלינגען... און אַ גלאַטינקע צונג האָבען זיי..."

רבקה הערט זיך איין מיט אַ בלאַס פנים און פערביסענע ציין...

חנה קוקט זי אָן דערשראָקען."

ביי רייזען'ען (אין „דער פערביטערטער", „אין קריעג", „די שפּיי-זערין" צ. ב.) געפינט מען אויך אַ שילדערונג פון אַ גאַנצע סיטואַציע. אין דער הינזיכט האָט זיך רייזין געשניטען אויף פּרץ'עס שטייגער, אָבער זיינע קאָנטראַסטען זיינען ניט אזוי בולט, די בעציהונגען ווייניג, און די גאַנצע ארכיטעקטור פון'ם בילד אָן איינפאַכע. העכער ווי דעם צווייטען שטאָק געהט זי ניט.

אַש אין איינינע פון זיינע ערצעהלונגען ברייננט אונז אויף צו דאָס וואָס איך האָב אָנגערופען נעדאַנקען-פּאַקטען, למשל אין „דאָס קוילער געסעל" ווען ער לאָזט אונז פיהלען דעם הבדל צווישען די תהילים זאָגער, די משניות לערנער פון געסעל וואָס זיינען געווען די תקיפים ווען עס איז געווען גלאַט אַן עת צרה אין שטעדטעל, און צווישען די קצבים וואָס זיינען געווען די בעשיצער צו וועלכע מען האָט ארויפגע-קוקט ווען די גויים האָבען זיך צובונטעוועט. אָבער אין דעם ווי אויך אין דעם בילד וואָס הייסט „אין דער פרעמד" וואו דער אַלטער פינ-קעלשטיין וועלכער האָט זיך אָנגעליטען כל הצרות אין רוסלאַנד און איז יעצט ביים אסימילירטען זוהן אין פראַנקרייך רעדט מיט איהם איבער די רוסישע פּאָגראָמען, און דאַן גיט ער איהם אַ פרעג, צי דער אייניקעל איז גע'מל'ט. „ניין" ענטפערט איהם דער זוהן. „נו" רופט זיך אָב דער אַלטער „ער וועט שוין פון אזעלכעס ניט וויסען" — אין דעם אַלעם האָט אַש זיך פאַר אַ מאָמענט, און טאַקי בלויז פאַר אַ מאָמענט — זיך ארויסגעכאַפּט פון זיין אייגענער טעריטאָריע.

### 3.

## סוגגעסטיאָן ביי פּרץ'ען.

קריטיקער וואָס זוכען גלאַט פּריטשעפּקעס לשם קריטיק אָדער וואָס קענען ניט ליידען אַז די אידישע ליטעראַטור זאָל האָבען אַ גרויסען שריפטשטעלער פלעגען כסדר אויפוואָרפען פּרץ'ען זיינע פינטעלעך און זיין אונפערשטענדליכקייט (?) מען האָט געהאַט תרעומות אויף איהם פאַר וואָס ער איז ניט געבליבען ביי זיין רעאַליזם און מען האָט איהם פּשוט חושד געווען אַז ער האָט געוואָלט נאָכאַהמען די גדולים פון די אומות העולם אין זיינע סימבאָליסטישע זאַכען.

ווי שלעכט יענע סתם מיינונג־זאָגער האָבן פּרץ'עס אַרט שרייבן פערשטאַנען. פּרץ איז געווען דורך און דורך  אַ  מ אָ ד ע ר נ י ס ט. עס איז אַ טעות צו דענקען אַז ער האָט געגאַשט פון די גויים. אודאי האָט דער צייט־גייסט געמוזט אויף איהם האָבן אַ שטיקעל איינפלוס, אָבער צי איז דען דאָס אַ חטא? וועלכער פּראָדוקטיווער גייסט איז ניט געווען אַ קינד פון זיין צייט? וואָלטען מיר געוואָלט וויסען.

קורצזיכטיג ווי זיי זיינען, קענען יענע לייטע ניט איינזעהן אַז פּרץ האָט זיך גענומען צו דעם וואָס האָט הארמאָניש געשטימט מיט זיין נשמה. פּרץ האָט געשריעבען מיט טעמפּעראַמענט. ער האָט ניט גע־פיהרט זיינע לעזער אויף אַ ווייכען טאַרף. צופיעל האָט זיך איהם גע־וואָרפען אין די אויגען אַז ער זאָל פאַמעליך און רוהיג ווי אַ שטילעס וואַסער קענען פליסען. זיין געמיט איז געווען ווי אַ קאַסקאַד. אַ מי־ניאַטור וואַסערפאַל איז זיין גייסט.

שוין אפילו פון דאָס פריהערדיגע האָט מען געקענט דרינגען אַז ביי פּרץ'ען איז דאָס לעבען ניט קיין גלאַטער שאָסעע. ווי אַזוי וואָלטען מיר דאַן גאָר בעקומען קאָנטראַסטען איבערהויפּט? וואָס פּרץ זעהט איז די בערגעלדיגקייט, די קוואַליטאַרטיגקייט פון לעבען — גריבער מיט לעכער מיט טאָלען פון איין זייט — פון דער אַנדערער, וויעדער, שטיי־נער מיט שפּיצען פון פעלזען.

אַזוי מאָלט ער אויך זיינע מענשען; אַזוי שילדערט ער זיינע סיטו־אַציעס. זיינע פּערזאָנען זיינען קיינמאָל ניט קלאָהר אין זייערע רעדען. אין זיינע דראַמען, כאָטש זיי זיינען ווייט שוואַכער אין אַלגעמיין ווי די ערצעהלונגען און בילדער, קומט אָט דער שטריך אַרויס שאַרף. זיינע העלדען רעדען און דעררעדען ניט, זאָגען און דערזאָגען ניט. אַבגעהאַק־טע פראַזען וועט איהר פון זיי הערען. אַ וואָרט — אַ זאַץ; און נאָך וואָס פאַר אַ זאַץ — פול מיט גאַל, מיט ביטערניש. די קריטיקער פער־שטעהען ניט. מיר מוזען זיי גלויבען. די פּערזאָנען וועלכע רעדען זיך אויס זייער ביטער האַרץ, איינער פאַר'ן צווייטען,  פערשטעהען זיך אָבער יאָ.

אין זיין פּסיכאָלאָגישער דראַמע „שוועסטער“ וואָס ענדיגט זיך מיט די ווערטער  „ז ר ח : (פערבליפּט)“ ווערען מיר, די לעזער, אויך פערבליפּט צוגלייך מיט דעם גשמיות'דיגען שוסטער־יונג.  מיר ווייסען ניט וואָס פאַר אַ מיין לאה האָט געהאַט מיט איהר בקשה, אָבער ווען ווייס? אפשר האָט לאה אליין אויך זיך ניט געקענט אָבגעבען רעכנונג פון די מאָטיווען וואָס האָבען זי בעוואויגען אַזוי צו האַנדלען? האָט זי ווירקליך געוואָלט אַ קרבן זיין פאַר איהר שוועסטער? אָדער האָט

זי טאקי געוואָלט, אונבעוואוסט פאר איהר אליין, ווערען אינטים מיט זרח'ען, איהר שוועסטערס געליעבטען, נאָכדעם ווי איהר אייגענער רופא־יונג האט זי אוועקגעוואָרפען?

איז דען אונז אימער בעקאנט וואָס פאר א ראָלע דאָס א י נ־ ט ע ר ב ע ו ו א ו ס ט ז י י ן שפּיעלט אין אונזערע האנדלונגען, און איבערהויפּט, אין אונזערע מאָטיווען?

אום דורכצופיהרען זיין פּלאן האָט פּרץ געמוזט אָנקומען צו א מיטעל וואָס הייסט „ס ו ג ג ע ס ט י אָ ן", ד אָ ס ה י י ס ט ע ר זאָגט נ י ט ב פ י ר ו ש ו ו ע ג ע ן ו ו אָ ס ע ס ה אַ נ־ ד ע ל ט ז י ך נ אָ ר ע ר א י ז מ ר מ ז א ו י ף פ ע ר ש י ע־ ד ע נ ע א ו פ נ י ם.

מען קען צייכנען עפּעס א געוויסע פיגור און אָנשרייבען „אָט דאָס איז א לייב" און מען קען אויסמאָלען דיזעלבע חיה אזוי טריי אז מען זאָל נים דארפען ערקלערען וואָס דאָס איז אזוינס. פּרץ האט אויסגע־ קליבען דאָס לעצטע.

ווען מען שרייבט א קאָנטראקט דארף מען אלעס אָנגעבען „ברחל בתך הקטנה", עס זאָל נים זיין קיין הינטערטיר פאר'ן געזעץ, אָבער געפיהלען ווייסען דאָך נים פון אזעלכע פאָרזיכטיגקייטען. זיי קומען און געהען מיט'ן מאָמענט. זיי ווערען איבערגעריסען פון אנדערע גע־ פיהלען. אמאָל ווערען זיי דערשטיקט איידער זיי דערגרייכען צום קלימאקס.

חוץ דעם איז פּרץ'ען נוגע דער איינדרוק וואָס דער לעזער וועט בעקומען פון זיינע א כאראקטעריסטיק. יעדער קינסטלער האָט גע־ קוקט אויף זיין שאפונג אי מיט די אויגען פון דעם קינסטלער אי מיט די אויגען פון דעם מבין וואָס דארף הנאה האָבען פון דער פּראָדוקציע, און איבערהויפּט איז דאָס דער פאקט ביי די מאָדערניסטישע קינסטלער.

ניין, נאָכמעהר, ביי זיי קען מען זאָגען אז זיי שאפען נאָר מיט דער כונה צו מאכען דעם ריכטיגען איינדרוק. ווען דער אימפּרעסיאָ־ ניסט מאָלט זיין בילד מוז ער אָבגעהן א היבשע שטרעקע פון דער ווייטען כדי ער זאָל אליין קענען אורטהיילען איבער זיין ארבייט. די איינגסטע שולען ווי די קוביסטישע און פוטוריסטישע געהען נאָך ווייטער אין זייער ראדיקאַליזם. זיי טענה'ן גאָר אז דאָס אויג שפּיעלט נאָר די צווייטע פידעל ווען עס קומט אָבצושאצען דעם ווערטה פון א בילד. בעפאָר מאָלען זיי עפּעס משונה'דיגע פיגורען אָדער קעסטעלעך בכדי אונזער פאנטאזיע זאָל אזוי ווירקען אויף אונזער שטימונג אז מיר זאָלען בעקומען דאָס געהעריגע געפיהל פאר דעם בילד. מיר

האַרפֿען ניט זעהן, נאָר מיר דאַרפֿען דורכפֿיהרען די מאַלעריי, לויט די נייע קינסטלער.

די פֿראַגע צי די קוביסטען און פֿוטוריסטען זיינען מגזם אָדער ניט, דאַרף אונז דאָ ניט אָנגעהן. עס איז גענוג, אָבער, צו בעמערקען אַז אין פּרץ'ען האָבען מיר אַ מאָדערניסטישען שטריך.

בעת אַנדערע שרייבער ווילען די לעזער אויף אַ האָאָר ניט מטריח זיין, און אויב עס קומט זיי אויס זיך אָבשטעלען ביי אַ גראָבען ווילען זיי אריבערלעגען אַ ברעט כדי די לעזער זאָלען קענען בשלום ושלוה אריבערגעהן, איז פּרץ דוקא אַ בעלן אַז זיינע נאָכפֿאָלגער זאָלען אַ שפּרייז טהון איבער'ן גראָבען. אַ היבש ביסעל ווערען געשטרויכעלט ביים פּערזוך, אָבער די וועמען עס געלינגט דאָך צו מאַכען דעם שפּרונג האָבען אַ גרעסערען פֿערגניגען דערביי ווי זיי וואָלטען געהאַט ווען מען לעגט זיי אונטער אַ ברעטעל.

אמת מיר האָבען געמוזט אביסעל ענערגיע פערוועגדען, אָבער דער־פאַר פֿיהלען מיר ביי זיך אַז מיר האָבען עפּעס מחדש געווען; והא ראיה ניט יעדער קען אריבערשפּרייזען דעם גראָבען.

פּרץ ווייזט אונז אָן אויף צוויי קאָנטראַסטען, אָבער ער וויל אַז מיר זאָלען מאַכען די פֿערבינדונג. ער שאַפֿט אונז די צוויי פּרעמיסען פֿונ'ם סילאָגיזם אָבער ער וויל אַז מיר זאָלען ציהען דעם שלוס.

אין דער קונסט פּונקט ווי אין לעבען האָבען מיר הנאה ווען עס געלינגט אונז גובר צו זיין דאָס שווערע. די וואָס האָבען איין מאָל פּערזוכט דעם טעם פֿון העכערע מוזיק ווי סימפאָניע און אָראַטאָריא ווילען שוין מאַכען אַ קנאַפּען ווערען פון לייכטע מוזיק. ווייסען מיר דאָך גאַנץ וואויל אַז אַ גייסטרייכער וויץ וועט צו אונז אַפּעלירען פֿיעל מעהר ווי אַ פּראָסטער וואָס גאָר איינפאַכע מענשען קענען פֿערשטעהן.

ווען מען זאָגט איינעם אויף אַ פֿארשטעלטען לשון אַז ער איז אַ געמיינער קערל וועט עס מאַכען אַ שטאַרקערען איינדרוק ווי ווען מען רעדט ארויס דאָסזעלבע מיט קלאָהרע דבורים.

די סוגגעסטיאָן האָט אַ געוויסע פֿונקציע וואָס האָט אַ גרויסע שייכות מיט דער קונסט, כאָטש דער פּראָצעס ווי אזוי עס ברייננט צושטאַנד די ווירקונג איז אַ פּסיכאָפיזישער.

פּרץ האָט יאָ געמעגט, ניט געמעגט וויסען פון דעם, אָבער דאָס איז קלאָהר ווי דער טאָג, ער האָט אין זיינע ווערק פֿון דיעזען פּסיכאָ־לאָגישען פֿארטעל געשלאָגען קאַפּיטאַל, און דער רעזולטאַט איז גע־ווען ווי געוואונשען.

די אינדירעקטע אָנדייטונגען זיינען פון די שעהנסטע און דעלי־

קאטסטע שטריכען ביי פּרץ׳ען. א דורכזיכטיגער שלייער בעדעקט דאָס סאַמע אינטערעסאַנטסטע, און אויב מען וויל פּאַרט דערגרייכען דעם תוך מוז מען זיך אביסעל אָנשטרענגען און ערשט דאַן קען מען נאָר כאַפּען א קוק אויף דאָס וואָס לייכט זיך דורך אונטער׳ן וואַל.

ניט ווי די ראָמאַנען־שרייבער וואָס זיינען זיך נוהג צו דערצעהלען בפועל ממש אז אזוי און אזוי איז געווען דער פאַל, לאָזט אונז פּרץ זיך אָנשטויסען וואָס עס איז פאָרגעקומען.

ער דאַרף ניט אָנהענגען קיין בלעטעל אָן דער פּערזאָן אָדער אָן דער פּאַסירונג. ער דאַרף ניט ארויסזאָגען קלאָהר „האָט זי געטראַכט" אָדער „איז איהר איינגעפאַלען אַן אידעע" פּונקט ווי ביי די פּערזאָנען וואָס ער ברייננגט אריין אינ׳ם בילד ג נ ב׳ע ט זיך אריין א געדאַנק אין מוח, אזוי קומט אונז אויך ארויף אויפ׳ן זינען בגנבה דער אויסגעלאָזענער פאַקט. אַן אינדירעקטער מיטעל איז דאָס, אָבער עס מאַכט א דירעקטע ווירקונג.

אין זיין דראַמאַ „וועגען קינדער" האָט פּרץ פּיעלע אַזעלכע ע ל י פּ ט י ש ע רמזים. דערווייל, אָבער, וועט זיין גענוג צו ציטירען א פּאָאָר שורות פון „משופּע" צו אילוסטרירען דעם שטריך.

די תם׳עוואַטע חנה דערצעהלט איהר שוועסטער, רבקה׳ן, פאַרוואָס די קעכין ביי די פּימסענהאָלץ׳עס האָט זי ליעב:

— זי האָט אויך, — זאָגט זי, — געהאַט אַזאַ מיידעל ווי איך... נישט חנה האָט זי געהייסען, נאָר אין מיינע יאָהרען... געשטאָרבען איז זי... האָט זי מיך ליעב... זאָגט זי...

— וואָס האָסט דו אַ ציטער געטהאָן, רבקה?

— עט גאָר ניט... דערצעהל ווייטער, חנה...

א שרייבער פון צווייטען ראַנג וואָלט אונז געמאָלדען, אז „רבקה האָט א לייכטען ציטער געגעבען" וכדומה.

א קינד מוז מען טייטלען מיט׳ן פינגער. א נאַאיווען מענשען קאָרמעט מען מיט דעם צו וואָס ער איז געוואוינט.

* * *

אָבער ווי אזוי קען אן אינדירעקטער מיטעל ארויסרופען א דירעקטע ווירקונג? וועט זיין די פראַגע.

נו דאָס צו פאַרענטפערען איז ניט קיין מציאה, קוים ווייסען מיר דעם ח ל ו ק וואָס ה ע ר ש ט צ ו ו י ש ע ן א פ א ק ט ו ו י מ י ר ו ו י י ס ע ן ע ס און דעמזעלבען פאַקט ווי מיר ב ע ק ו מ ע ן ע ס א ל ס א ו י ג ־ א י י נ ד ר ו ק.

א גלאָז וואָס שטעהט אויפ׳ן טיש, האָט דאַכט זיך, ווי יעדער ווייס, א קיילעכדיגע עפענונג, אָבער זעלטען־ווען זעהען מיר דאָס אוי־

בערשטע טהייל פון גלאָז אמת קיילעכדיג. גיכער איז עס איי־פערמיג אָדער, בעסער געזאָגט, עליפּטיש. לעהרערינס פון צייכנען אין די שולען בעקלאָגען זיך אימער אז עס איז שווער צו געבען צו פאַרשטעהן די קינדער ווארום די עפנונג פון א גלאָז טאָר ניט קיילעכדיג געצייכענט ווערען.

אייגענטליך איז דאָך דאָס דער סאַמע צוועק פון דער קונסט איבער־צוגעבען זאכען ווי דאָס אויג זעהט זיי, און ניט לויט מיר פערשטעהען זיי דארפען זיין. די נייעסטע שולען זיינען נאָך אפילו מיט דעם אויך ניט צופריעדען און אמענדירען דעם ציעל אזוי, אז ער זאָל זיך ניט ענדיגען מיט די חושים אליין, נאָר אריינגעהמען טאקי הויפּטזעכליך די פאַנטאַזיע און די שטעלונג אָדער שטימונג פון דעם געניסער.

ווען פרץ האָט זיך פערנומען אויף א נאָך ניט אויסגעטראָטענעם וועג איז עס געווען דערפאר ווייל ער האָט דערפיהלט א אינערליכען שטויס צו דעם. ער האָט איינגעזעהן אז די וועלט בעשטעהט ניט דוקא פון גלייכע ליניעס. מען קען ניט אימער אָנווייזען דעם וואָס בלאָנדזעט, אז ער זאָל געהן פריהער רעכטס, דערנאָך גלייך ארונטער, דערנאָך זיך פערקירעווען לינקס א. א. וו. א סך מאָל מוז מען גאָר זיך דורכשניידען א וועג אין דער קרום. מען מוז אמאָל נעהמען א זיג־זאג ליניע.

פאר טהייל מענשען הייסט דער דירעקטער וועג א גראדער וועג, א רעכט־ווינקעלדיגער וועג, אָבער פאר אנדערע איז א דירעקטער וועג אזא וואָס לויפט באלכסון, ווייל עס איז קירצער און אינטערעסאנטער.

מיר קומען ניט צו קיין שארפע ווינקלען? מיר צייגען ניט ארויס קיין אָרמעע־דיסציפּלין אין אזא מין גאנג? אמת, אָבער איז דען דאָס לעבען איינגעצוימט אין די ראַמקעס פון דיסציפּלין און קאָנווענציע? זעהען מיר דען אלעס ארום אונז בולט און דייטליך? האָט דען אונזער בעוואוסטזיין אימער דיזעלבע מאָס לעבהאַפטיגקייט און קלאָרקייט? שטעהט דען די אינטענסיטעט פון אונזער אויפמערקזאמקייט כסדר אויף דעמזעלבען פּלאַץ? זיינען מיר ניט אמאָל אזוי קאָנצענטרירט אויף עפּעס אז יעדער מוסקעל פון אונזער פּנים איז אָנגעצויגען וועהרענד אנ׳אנדערס מאָל „פערקוקען זיך מיר גאָר וואו פויגעלעך פליהען״?

די מטושטש׳דיגקייט פון לעבען געפינט א חשוב׳ען פלאַץ אין פרץ׳עס שאפען, ווייל אזוי איז דאָס לעבען געשטאַלטעט, אזוי איז דער כאַראַקטער פון אונזער בעוואוסטזיין צו רעאַגירען אנדערש אין בעזונ־דערע צייטען און אויף פערשיעדענע זאכען.

## .4
## די איינפיהלונג ביי פּרץ'ען.

יעצט איז זעלבסטפערשטענדליך ניט די צייט ארומצורעדען באריכות א טערמין וואָס האָט בעקומען אַן אָרט אין מזרח־וואַנט אין עסטהעטיק א דאנק דער ארבייט פון דעם ניט־לאַנג פערשטאָרבענעם פּסיכאָלאָג טהעאָדאָר ליפּס.*)

שוין דאָס וואָרט גופא „איינפיהלונג" קען דעם לעזער געבען א שטיקעל בעגריף איבער דער מעטהאָדע וואָס האַלט אַז אום צו האָבען אַן עסטהעטישען גענוס פון א קונסטווערק מוזען מיר זיך איינלעבען אין דער שאַפונג און וואָס מעהר עס געלינגט דעם קינסטלער צו האָבען א גרעסערע השפּעה אויף אונזערע חושים, פאַנטאַזיע און שטימונג, אַלץ מעהר הנאה וועלען מיר האָבען פון זיין ארבייט. ליפּס ווייזט בפרוטרוט ווי אזוי די פאָרמע, די ליניעס דאָס גלייכגעוויכט פון די פיגורען און עהנליכע שטריכען ווירקען אזוי אויף אונזערע אָרגאַנען, אויף די גאַנצע קערפּערליכע איינשטעלונג אַז מיר זאָלען זיך צופּאַסען צו דער אויסדרוקס־פאָרמע פון דעם בילד, פון דער סטאַטוע אָדער פון דער שטיק מוזיק וועלכע מיר ווילען עסטהעטיש פערשטעהן.

גלייכע ליניעס פון אויבען אראָב גיבען אונז א שוועבענדען איינדרוק. מיר פיהלען דאן ווי מיר הייבען זיך אויף אין דער לופטען, מיר ווערען הינגעריסען צום הימעל צו. אַזעלכע ליניעס געהען מיט גייסטיגקייט. ליניעס אין דער ברייט גיבען אונז דעם איינדרוק פון פעסטקייט, סאָלידקייט, שמיעדען אונז צו צו דער ערד. דאָס זיינען די ליניעס פון גבורה, פון פיזישען כח. געדרעהטע ליניעס אין א בילד אָדער סטאַטוע רופען ביי אונז אַרויס א בעוועגונגס־געפיהל.

אָט דאָס איז בלויז א ביישפּיעל. די אופנים אבער, אויף וועלכע די איינפיהלונג קען זיך מאַניפעסטירען זיינען אונצעהליג.

ביי פּרץ'ען איז דאָ די איינפיהלונג ניט אין קיין קליינער מאָס. עס זיינען דאָ סקיצען־שרייבער וואָס טהיילען אונז מיט איין בעציהונג—

*) ליפּס איז געשטאָרבען לעצטען אָקטאָבער נאכדעם ווי עס איז ערשיענען זיין בעסטעס ווערק „צור איינפיהלונג", ליפּציג 1913. פאָלקעלט איז יעצט געבליבען דער גרעסטער פערטרעטער פון דער איינפיהלונגס־טהעאָריע.

א קליינעם אינצידענט; און דאָך מוזען מיר זיך צו דעם סקעפּטיש בעציהען. מיר זיינען עפּעס ניט זיכער צי מען קען זיך פערלאָזען אויף דעם ער־צעהלער. פּרץ'עס אן ערצעהלונג אדער זיינס א בילד איז אָנגעפּראָפּעוועט מיט בעציהונגען און אינצידענטען, און פונדעסטוועגען נעהמט עס אונז מיט שטורם. דער סוד פון דעם איז וואָס פּ ר ץ ג ר י י ט א ו נ ז פ ר י ה ע ר צ ו ד ו ר ך ז י י ן פ אָ ר מ ע. מיר ווערען הינגעריסען אין אַנאַנדער אוניווערזום, און דאָרט געוועלטיגט שוין דער דיכטער מיט א פרייער האנד.

אין יענער וועלט וואו פּרץ ברייננגט אונז מאכט ניט אז עס פיהלט זיך שאָטענדיג, עס שאַדט ניט אז די פּערזאָנען רעדען ווינציג און מיט האַלבע ווערטער.

ווילסט דעם דיכטער דו פערשטעהען?
מוסט דו אינס דיכטערס לאַנד געהען.

האָט געזאָגט דער גרעסטער דייטשער דיכטער; און אונזער דיכטער וואַרט ניט אז מען זאָל זיך אָן דעם דערמאָהנען. ער פיהרט אונז טאַקי גלייך אהין וואָרים „א בריוועל—ווי מען לייענט עס; א נגון ווי מען זינגט איהם“ האָט ער דאָך טאַקי אַליין געזאָגט.

וואָס א שטיקעל שנוי קען מאַכען — שפּיעלט בעטהאָווענס א סימפאָניע אין א ניעדריגערען אדער העכערען קלעף און איהר וועט מאַכען פון הימלישע מוזיק א געלעכטער. קארמען איז היינט איינע פון די בעליעבטעסטע אָפּעראַס וואָס זיינען פאַרהאַן אבער ביזע, דער פערפאַסער פון דיעזער לירישער דראַמאַ, איז געשטאָרבען פון הארצוועהטאָג, זאָגט מען, ווייל זיין מייסטערווערק האָט געהאַט א דורכפאַל, און א דורכפאַל איז עס געוועזען צוליעב א קליינינגקייט: די הויפּט אקטריסע איז געוועזען אביסעל אונגעלומפּערט און דער אָרקעסטער האָט נאָך ניט געהאַט דערגאַנגען דעם אינדיווידועלען כאראַקטער פון דער מוזיק. געשפּיעלט איז געוועזען ריכטיג, נאָר עפּעס האָט געפעהלט. אזוי דערצעהלט אויך פעליקס ווייננגערטנער, דער בעסטער דיריגענט פון ביזע'ס מוזיק, אז האַנס פאָן בילאָו פלעגט איבערפיהרען די אָפּערא דורך דעם וואָס ער האָט דעם אָרקעסטער דיריגענט צו פּאַמעליך.

פּרץ'עס וועלט איז א שטורמדיגע, ווייל ער בלייבט ניט שטעהען אויף איין אָרט. געדאַנקען קומען און געהען, שלאָגען זיך אָן איינס אָן צווייטען און שפּריצען מיט פונקען.

ביי פּרץ'ען בעשטעהט די איינפיהלונג הויפּטזעכליך אין דעם ה א ס ־ ט י ג ע ן ר י ט ה ם. פּרץ האָט געשריבען מיט א ראַשער טעמפּאָ, און מען מוז איהם לייענען אין אזא מין שפּרינגענדיגען, שפּריצענדיגען גאַנג.

פּרובירט זיינס א בילד לייענען אין א לאַרגאָ און איהר ווערט פון דעם מאַכען א בורלעסק.

אפילו דאָרטען וואו ער מאָלט פּשוט א בלום, זעהען זיך אויך אָן שפּורען פון דעם רהאַפּסאָדישען גאַנג וואָס כאַראַקטעריזירט פּרץ'עס וועלט.

„יונג איז זי און פריש: אייגענטליך צו פריש און צו יונג... נאָך א פערשלאָסענע רויז, עס שלאָפט נאָך אין איהר די פרוי, נאָר מען זעהט שוין בחוש אַז עס איז גענוג איין קוש (נאַטירליך נישט פון דער מוטער) זי זאָל אויפוואַכען, די רויז זאָל זיך אויפוויקלען, צופלאַקערן, אין דער יונגער, קוים געהויבענער ברוסט, זאָל שטורעמען, דאָס יונגע בלוט זאָל אויפלעבען און שלאָגען אין די אָדערן... און דאָך חוה'ס טאָכטער: רוהיג קוקט זי זיך צו, ווי אינווייניג אין איהר ברוסט הויבט אָן עפּעס נייעס צו שפּראָצען, צו בליהען עפּעס גאָר נייעס!... נייגיעריג קוקט זי, דאָך ניט דערשראָקען.

דערשראָקען איז ער; אינגלעך ענטוויקלען זיך לאַנגזאַמער, ער זעהט פיעל קינדישער, אינגלישער אויס". *)

פּרץ פּועל'ט אז מען פערשטעהט פון דעם שווייגען מעהר ווי פון דעם רעדען. ער זיצט אין א וועלט וואו מען דאַרף איינער דעם אנדערען א פינגער אין מויל ניט אריינלעגען. מען פערשטעהט זיך ווי ניט איז. אויף דעם לעזער דאַרף פּרץ רחמנות ניט האָבען. עס איז דאָ א מיטעל. מען לייענט איבער נאָכאמאָל און נאָכאמאָל. און ווייטער ניט אַלע זיינען מחויב צו פערשטעהען.

„דער פערשטערטער שבת" אדער „דאָס שטריימעל" איז ניט פאַר קיין קינדער אבי מרים פערשטעהט סערלען און זרח פערשטעהט מרים'ען.

און אז יוסל דער זיידענער יונגער מאַן זאָגט זיין טריינע'ן:

„נאַריש קינד — איך קום דאָך אַמישנע שפּעט: מיר זאָלען קענען עפּעס צוזאַמען... פערשטעהסט! אַזוי פּאַסט דאָך נישט... ווייסט דאָך: אַ מלמד!" *)

פערשטעהט איהם דען ניט די שעהמעוודיגע און דאָך ליידענשאַפטליכע טריינע?

די טעמפּאָ איז נאָך ניט אַלעס ביי פּרץ'ען. די איינפיהלונג שפּי־נעלט זיך אָב א סך מאָל אין א וואָרט ווי „משופּע", אדער א פראַזע ווי „דער גלגול פון א נגון."

ווען איהר לייענט איבער דאָס בילד־ערצעהלונג (ווייל עס איז ביידע צוזאַמען) אונטער'ן נאָמען „משופּע", און שטעלט זיך פאָר ווי איהר שטעהט אויף א שפּיץ דאַך און אָט אָט איין רגע און איהר גליטשט זיך אויס און פאַלט אראָב פון דעם משופּע'דיגען דאַך אריין אין א גרויסען

---

*) „אויף אַ זומער־וואוינונג".

*) „אין אַ קעלער־שטוב".

טהאָל, ווען איהר ערשט דאן האָבען די איינפיהלונג פון'ם בילד. דאָס בילד איז אונהיימליך, יאנט אויף אייך ארויף א שרעק און איהר ווייסט ניט פאר וואָס. דאָס האָט פּרץ מיט זיין צויבער־שטעקעלע געטהאָן. שוין אין נאָמען „גלגול פון א נגון" פיהלען מיר דאָס ארומטרייבען זיך פון דעם נגון פון איין מדרגה צו א צווייטער, פון איין זאָרט לעבען צו אנ־אנדערען.

מיט נאָך א פאזע פון דער איינפיהלונג קענען מיר זיך רעכנען ביי פּרץ'ען, דאָס איז מיט דעם ווי אזוי ער גרייט אונז צו צו דער אויפפא־סונג פון א סיטואציע.

ניט אלע מאָל דערצעהלט אונז פּרץ אליין. אָפטמאָל טהוט ער עס אין אנאנדערענס נאָמען. ער טהוט אונז ארויף שפּאקולען אויף די אויגען כדי מיר זאָלען בעסער זעהען וואָס ער האָט אונז צו צייגען. אמאָל פיהרט ער אונז דורך א הייליגען צוטריט, אמאָל דורך א פּאָעטישען. ער האָט זיך שוין זיינע דערצעהלער פאר דעם. די מעשה מיט דער שטריימעל, אבער, לאָזט ער א ציניקער, א „כל בו" ווי די ווייב פלעגט איהם רופען, דערצעהלען. „אויף א זומער־וואוינונג" איז איבערגעגעבען פון א גוטמוטהיגען וועלטליכען מענשען, ווי עס שיינט פון די מיטעלע יאָהרען; און „חתונה געהאַט" קומט דוקא פון דער ווייבעל'ס מויל אליין וואָס האָט חתונה געהאט מיט דעם ר' זיינוועלע'ן.

א ריכטער פון שטאנדפּונקטען, פון אויפפאסונגען, ווי מיר וועלען עס נאָך שפּעטער זעהען.

## פערזענליכקייט ביי פּרץ'ען.

ביז אהער האָבען מיר גערעדט פון פּרץ'ען אלס פסיכאָלאָג, וואָס אנ־בעלאנגט אבער דער פ א ר מ ע מעהרסטענטהיילס. עס איז אבער נאָך דאָ דער פסיכאָלאָגישער א י נ ה א ל ט צו בעריהרען. דאָרט איז פּרץ נעהנטער צוגעקומען צו דער פסיכאָלאָגיע. ווי אזוי ער האָט בע־גריפען די פערזענליכקייט אין מענשען איז פון די אינטערעסאנטסטע שטריכען ביי איהם.

מ. א. הערבערט

# פרץ׳ס ווירקונג אויפ׳ן גאַליציאַנער יודענטהום

---

פון אַלע טיילען פון דער אידיש־שפּרעכענדער וועלט איז גאַליציען געווען דער טייל וואָס איז, אפשר חוץ רוסיש־פּוילען, אַם שטאַרקסטען געשטאַנען אונטער דער השפּעה פון דעם גרויסען דיכטער און שרייבער, וועמעס טויט מיר בעוויינען. דאָס אידישע גאַליציען איז דאָך נאָך אַלע־מען צום גרעסטען טייל אַ שטיק פּוילען וואָס איז דורך אַ צופאַל פּאָליטיש אָבגעריסען געוואָרען פון דעם הויפּטשטאַם און איז אונטערגעוואָרפען געוואָרען אונטער אַנדערע פּאָליטישע בעדינגונגען און, צום טייל, אונ־טער אַנדערע קולטורעלע השפּעות. טיעף אין הארצען וויים און פיהלט דער גאַליציאַנער איד, אַז ער איז אַ פּוילישער איד, אַז אַריבער דעם קינסטליכען קאָרדאָן, וואָס שיידט פונאַנדער רוסיש־פּוילען און גאַליציען, געפינען זיך זיינע ברידער־אידען וואָס רעדען אידיש מיט דערזעלבער ברייטער אויסשפּראַך, מיט דעמזעלבען קלינגענדען בויג און קול, מיט דיזעלבע מדות און דערזעלבער פּוילישער טראַכט — אין פּאַל פון די אַלטמאָדישע — דער פּוילישער „בעקעשע“ און דעם שטריימעל, מיט די זעלבע פּאָרמען פון לעבען, אפילו די זעלבע פאָרם פון אינערליכער אַדמיניסטראַציע — דעם קהל — און דערזעלבער גוי׳אישער סביבה. דאָס וואָרט פון אַ מאַן ווי פּרץ, וואָס רעדט קודם כל צו זיין נעהנטססטער סביבה, רוסיש־פּוילען, און וואָס טראָגט זיך ערשט שפּעטער ווייטער שאַלענדיג פונאַנדער אין די איבעריגע טיילען פון דער אידיש־שפּרעכענדער וועלט, האָט זיך דאַרום געמוזט אָפּשלאָגען צוערשט אָן דעם עסטרייכישען טייל פון פּוילישען אידענטום — די גאַליציאַנער אידען. ווען זיין וואָרט האָט זיך פונאַנדערגעטראָגען אין גאַליציען, האָט מען זיך צו איהם אויפמערק־זאַמער צוגעהערט ווי צו אַ וואָסער אַנדערן אידישען שרייבער, אַחוץ אפשר שלום עליכם׳ן. דער קלאַנג פון זיינע רייד האָט געקלונגען עפּעם פאַמיליערער, דאָס אייגענע לשון, דאַכט זיך, ווי ביי אונז, פלעגט מען פיהלען, מיט דיזעלבע פּוילישע ווערטלעך, די זעלבע גראַמאַטישע כללים. און ניט נאָר דער קלאַנג פונ׳ם וואָרט איז געווען היימיש, היימיש איז אויך געווען דער אינהאַלט, די צוגעפּאַסטקייט פון די רייד צו דער ספּע־ציפיש אידיש־גאַליציאַנישער פּסיכיק... דער אידישער קליינבירגער, דער שטאָדט־ און דאָרפס־מענש, דער סוחר, דער רייכער גביר מיט די אַסי־מילאַטאָרישע טענדענצען, דער פּאָליאַק פון משה רבינו׳ס גלויבען, דאָס

לייכטזיניגע, פויליש־פלאפלענדע און פשיבישעווסקי־לעזענדע, ראמאנסי־רענדע אידישע מיידעל פון מיטלערען שטאנד, דער אָרימאַן, דער בטלן, דער משכיל און, אחרון־אחרון חביב, דער התפעלות'דיגער חסיד — אַלע, אַלע האָבען זיך ווידער־דערקענט אין זיינע טיפען. ספּעציעל דער לעצ־טער, דער חסיד. דען גאליציען, אין א גרעסערען פּראַד ווי רוסיש־פּוילען, האָט אויפצו־ווייזען איהר אַנטייל אין יענער מיסטיש־דורכגעווייקטער, ראמאנטיש־פערשוואומענער בעוועגונג, וואָס האָט געלאָזט אזא טיפען רושם אין די מחות און הערצער פון אונזער פאָלק.

גאליציען איז, קען מען זאָגען, דאָס לאַנד פון שלטון הלב, די גע־מיטס־וועלט איז דאָ א קאָמפּליצירטערע ווי אין דעם הארטען, קאַלטען, טרוקענעם ליטווישען לאַנד, וואו דער מענש בעגעגענט זיך פּנים אל פּנים מיט דעם נאַקעטען רעאַליזם פון לעבען. דער פּוילישער, און אפשר נאָך מעהר דער גאליציאנער באָדען מיט זיין רייכער, הערליכער נאַטור, די דיקע וועלדער, די אָפענע פעלדער, די אונענדליכע אָבשטופונגען פון דער פלאַך פון באָדען ביז צו די גרויסע בערג וואָס ציהען זיך אין דער גאַנ־צער דרום־לענג פון גאליציען, האָבען געווירקט אויף דעם צושפּיעלען זיך פון דעם ראמאנטישען חוש פון דעם אָרטיגען איד.

אָהן צווייפעל האָט אויך די נאַטור פון דעם פּוילישען גוי — דאָס ראמאנטישע, פאַנטאַסטישע, די עכטע פּוילישע „פאַנטאַזיא" וואָס צו־זינגט זיך די לעצטע צייט דאָס רוב ביי גאליציאנער פּאָעטען אויף א מאַלערישען, בילדער־רייכען און לייכטזיניג־לירישען שטייגער אין דער פּוילישער ליטעראַטור — אָהן צווייפעל האָט אויך די נאַטור פון דעם פּוילישען גוי, מיט וועמען דער איד איז געוועזען אין שטענדיגער בעריהרונג, מיטגעווירקט אָנצוהויבען דעם פּויליש־גאליציאנער אידען מיט א ראמאנטי־שען אָנהויף. מיטגעהאָלפען האָט דאָס דחקות, אין וועלכען עס זיינען שול־דיג די פּוילישע מאַגנאַטען, די פּוילישע פּוילקייט און נעכלעסיגקייט, דער אנטיסעמיטיזם וואָס ווערט געפּערדינגט דורך דער קירכע און—די וויענער רעגירונג, וואָס האָט בעטראַכט גאליציען פאַר אַן עקספּלואַטירונגס־געביעט פאַר דער וועסט־עסטרייכישער אינדוסטריע; דאָס דחקות וואָס איז גע־קומען דאדורך, וואָס אין גאליציען האָט מען ניט דערלאָזט צו דער אויפ־בליהונג פון אַן אינדוסטריע — דיזע נויט האָט פערוואָרפען דעם שלייער פון מיסטישער פערחלום'טקייט דורך דעם גאליציאנער אידען. אין דער אַטמאָספערע האָט זיך געפונען גענוג צינד־שטאָף פאַר דעם חסידישען געדאַנק, און נאָך מעהר ווי איבעראַל; דען דאָ, ביי דער גרעסערער פּאָ־ליטישער און רעליגיעזער פרייהייט, איז ניט געוועזען קיין רעגירונג וואָס זאָל זיך אכזר'דיג ארייננמישען אויפצו־וועקען דאָס פאָלק פון זיין מיס־טישער פערשטאַרונג. פון דער צווייטער זייט האָט די געוואַלטיג־שנעלע

אסימילאַציאָן פון דער אידישער יוגענד, פאַר ווערמען אַלע טויערען פון בילדונג — בילדונג פון אַ פרעמדען קוואַל, דורך דער פערמיטלונג פון אַ פרעמדער שפּראַך — זיינען ווייט געעפענט געוואָרען, האָט די פּ ע ר־ פ ר ע מ ד ו נ ג פון די בעסטע זיהן פון פאָלק צוריקגעטריבען דאָס פאָלק, וואָס האָט בחוש געפיהלט דעם שרעקליכען נאַציאָנאַלען חורבן וואָס אַט די פרעמדע בילדונג האָט מיט זיך געבראַכט. דאָס אַלעס, זאָגען מיר, האָט דאָס פאָלק צוריקגעטריבען אין די אָרעמס פון חסידיזם, פון דעם א י נ ט ע ל ע ק ט ו ע ל ע ן שטילשטאַנד, וואָס אָט דער חסידיזם האָט מיט זיך געבראַכט אַלס צוגאָב צו די שעהנע ראָמאַנטישע צושפּיצ־ לונג פון די חושים און פון דער פאַנטאַזיע.

דאָס ערקלעהרט אין אַ געוויסען זין, אויב ניט אין גאַנצען, פאַרוואָס דער חסידיזם האָט אַזוי געוואַלטיג אַרומגעקלאַמערט גאַליציען און גע־ מאַכט פון איהר דאָס מערקווירדיגסטע לאַנד פון די גרעסטע עקסטרעמען, דאָס נאָהנטסטע לאַנד צו דער אייראָפּעאישער קולטור, ווי עס איז אָפּ־ געשפּיגעלט אין זיין העכסט־קולטורעלער, אקאַדעמישער יוגענד — איך וואָלט כמעט געזאָגט אקאַדעמישען פּראָלעטאַריאַט — און פון דער אַנ־ דערער זייט די פערגליווערטע חסידישע מאַסען מיט זייערע אמונות, תפלות, דעם צדיק׳יזם, אַ משונה׳דיג שטיק „האַלב־אַזיען“ — ווי אַ פע־ היגער זוהן פון גאַליציאַנער אידענטום, דער דייטשער שריפטשטעלער פ ר א נ צ אָ ז, האָט עס גערופען — וואָס האָט דורך אַ טעות פערבלאָנ־ זשעט אין דער מאָדערנער וועלט פון היינטיגען פערקעהר און היינטיגע ערפינדונגען.

דער חסידיזם איז אַזוי רעאַל אין אידישען גאַליציען, איז פון אַזוי פיעל מאָמענט און בעדייטונג פאַר׳ן לאַנד, אַז ווען אַן אמת׳ער קינסטלער ווי פּרץ האָט טיעף אַ קוק אַריין געגעבען אין דער נשמה פון חסידיזם, האָט איהם אפשר קיין אַנדערער טייל פון אידענטום מיט אַזוי פיעל טיעפער פעראינטערעסירטקייט נאָכגעקוקט, נאָך אַלע בעוועגונגען פון זיין פּינזעל, נאָך זיין אויפלעגען פון פאַרב און פאַרבעלעך, נאָך זיין פערטיי־ לען פון ליכט און שאָטען אויף זיין ליינוואַנד, ווי דאָס גאַליציאַנער אי־ דענטום. און מעהר אפשר ווי וועלכער אַנדערער טייל פון אידענטום האָט דאָס גאַליציאַנער געקענט ו ו י ד ע ר פ י ה ל ע ן — און דאָס איז ראָך דער עיקר ביי קינסטלעריכער אָפּשאַצונג! — וואָס דער גרויסער מייסטער האָט געשאַפען. קיין צווייפעל דאַרום אויס וועלכע טעמים דער פערשטאָרבענער ריעז פון אונזערעביידע ליטעראַטורען — העברעאיש און אידיש — האָט געוואונען אַזוי פיעל פּאָפּולאַריטעט ביים גאַליציאַנער אידיש־לעזענדען קרייז.

מיר האָבען פריהער געזאָגט, אַז איהם קען מען אין גאַליציען מעהר

ווי וועלכען אַנדערן אידישען שרייבער, אויסער אפשר שלום עליכם'ן. פיעל מעהר קען מען איהם, דאָס איז זיכער, פון מענדעלע'ן. מענדעלע'ס וועלט האָט, אמת, פיעלע פּאַראַלעלען אין דעם פערשיעדענאַרטיגען גאַ־ליציאַנער לעבען, וואָס ענטהאַלט אין זיך סיי דאָס היפּער־מאָדערנע סיי דאָס סאַמע אָפּגעשטאַנענע אין פּראָגרעסיווען זין, פונדעסטוועגען זיינען זיינע געשטאַלטען, אחוץ אפשר זיין „פישקע דער קרומער“, פרעמד, אָדער, לפּחות, ניט צו־בעקאַנט דער גאַליציאַנער אידישער גאַס. עפּעס וועהט פון זיי אַ מין אויסטערלישער דופט פון דער פּאַר־ראַציאָנאַליסטי־שער ליטוויש־אידישער וועלט, פון וועלכען די היינטיגע לעבענס־בעדינ־גונגען אין גאַליציען, אפילו די פון אַלטמאָדישען שטייגער, האָבען זיך ווייט אַוועקגעקעהרט. און דאַן — זיין לשון! דאָס האַרטע ליטוויש־אידישע, דורכגעוויייקט אין ביעלאָ־רוסישען אָדער אפילו טיעף־רוסישען אידיאָם, פון וועלכע זיין אידיש האָט זיך געקרעפּטיגט מיט אַ שלל פון ווערטער פון פּראַקטישען לעבען! עס געפינען זיך נאַטירליך שטענדיג און איבער־אַל אין גאַליציען מענשען וואָס קענען מענדעלע'ס „זאַכען“ אין אידיש; „דאָס ווינשפינגעריל“, „מסעות בנימין השלישי“, געוויס אויך „פישקע'ן“. וועניגער קען מען אָבער „די קליאַטשע“ — דער נאָמען קלינגט שוין פרעמד. מעהר קען מען מענדעלע'ן — וויל איך מיר ערלויבען צו קאָנ־סטאַטירען מיין מיינונג — אין זיינע איבערזעצונגען פון זיינע ווערק אויף העברעאיש — דאָ דאַרף מען כאָטש ניט גריבלען זיך אין דעם מיין פון די ווערטער, די שפּראַך איז גלאַט און שעהן — און ו ו י שעהן!

שלום עליכם'ן קען מען אין גאַליציען פיעל בעסער, און וואו מען קען איהם, איז ער אפשר פּאָפּולערער פון פּרץ'ן. שלום עליכם האָט מיט זיין גרויסען זשעניע אָבגעקאָפּירט דעם דורכשניטליכען אידישען מענש פון דער אידישער גאַס, „ט ע ל ק ' א י ל ע“, „אויג באַוויג“, ווי מיר וואָלטען געזאָגט; די עקסטרעמען פון דער אידישער גאַס האָבען זיך איהם ניט שטאַרק איינגעגעבען. אין זיינע טיפּען געפינט זיך דער גאַליציאַ־נער דורכשניטס־איד ווידער, מיט זיינע תנועות און העויות און דער עיקר זיין נשמה און זיין לשון; שלום עליכם'ס געשפּרעכען זיינען, דאַכט זיך, אַ געטרייע קאָפּיע פון דעם לשון פון לעמבערגער פישמאַרק.

פּרץ אָבער איז אַן איינענער, ווערט בעטראַכט אַלס אַזעלכער. אין זיין „משיח'ס צייטען“ בעשרייבט ער אַ גאַליציאַנער שטעדטעל מיט די וואַכען ביי די טויערען פון דער שטאָדט, מיט דעם טייכעל וואָס פליסט פאַרביי די מויערן. און דאַן — ווי פאַרבענרייך איז פּרץ, ווי ערנסט מיט דעם דידאַקטישען אונטערשלאָג — און וואָס האָט דער איד דען ליעבער ווי עפּעס פון וואַנען ער קען אַרויסנעהמען אַ מאָראַל! — און

ווי אַלזייטיג פּרץ איז! אַלץ זעהט ער, אַלץ ווייסט ער, אַלץ קען ער, אַלץ בעשרייבט ער, און אַזוי וואונדערליך אמת און געטריי!

ווי אַזוי איז דאָס פּרץ בעקענט געוואָרען אין גאַליציען, און וואָס איז זיין ווירקונג געווען?

אין דעם פּרט מוזען מיר מודה זיין, אַז אין גאַנצען גענומען האָט גאַליציען שפּעט געשלאָסען בעקאַנטשאַפט מיט פּרץ'ן. אין דער צווייטער העלפט פון די נײַנציגער יאָהרען — לויט איך ווייס פּערזענליך — האָט מען אָנגעהויבען געשמאַקער צו לעזען איהם און אויפמערקזאַמער צו ווערען אויף איהם. די פּויליש־אידישע צייטונגען האָבען געדרוקט אי־בערזעצונגען פון זיינע ערצעהלונגען, אַזוי אויך דאָס אָרגאַן פון דער אידישער סטודענטישער יוגענד — און ווען איך זאָג אידישער, מיין איך די אידיש־פּיהלענדע, ציוניסטישע יוגענד — „פּשישלאָשטש" (צוקונפט) אין וועלכען די שעהנסטע פּערטרעטער פון גאַליציאַנער יודענטום האָבען אַנטייל גענומען — די היינטיגע אָנפיהרער פון נאַציאָנאַליסטישען, ד. ה. פון כמעט דעם גאַנצען גאַליציאַנער אידענטום. אָפּטער האָט זיך פּרץ בעוויזען „געיאַוועט" — ווי ער וואָלט געזאָגט — אביסעל שפּעטער נאָך זיין יובילעאום, אין שטאַנד'ס „ראָטשניק זשידאָווסקי" — און אין „וסכוד", דעם נאָכפאָלגער פון „פּשישלאָשטש". אויף אידיש איז פּרץ געווען אַן אָפּטער גאַסט אין באַדער'ס אַלמאַנאַך, דעם ליטעראַרישען „אי־דישען קאַלענדער", וואָס איז געווען כמעט די איינציגע וויכטיגע ליטע־ראַרישע אידישע אויסגאַבע אין גאַליציען. דען גאַליציען, גראַד ווי עס איז אין עקאָנאָמישען זין אַן אָבזאַטץ־געביעט פון וועסט־עסטרייך, אַזוי איז עס אין קולטורעלען זין אַן אָבזאַץ־געביעט פון רוסלאַנד. צו אָרים און צו שוואַך איז עס געווען אויסצוהאַלטען אַן איינענע שטאַרקע פּרעסע און אַן אייגענעם גוטען בוך־פערלאַג. פישער'ס פערלאַג אין קראָקע, וואו דער „איד" איז ערשיענען, איז אייגענטליך געווען א גאַ־ליציאַנער פירמע פאַר א רוסישער געזעלשאַפט. דאָס גאַליציש אי־דענטום האָט זיך קולטורעל אידענטיפיצירט מיט זיין גרעסערען, רייכערען ברודער, דעם רוסישען אידענטום, און זיינע פעהיגע קינדער, אַזוי ווייט ווי זיי זיינען ניט פערלאָרען געגאַנגען אין דער פּוילישער און דייטשער ליטעראַטור און האָבען געווירקט אין די אידישע ליטעראַטורען, ד. ה. ווייט מעהר אין העברעאיש ווי אין אידיש, האָבען זיך בעטייליגט אין די אָרגאַנען וואָס זיינען אַרויסגעגעבען אין די גרעסערע אידישע קבוצים— אין רוסלאַנד. די בערנפעלדס, רובינס, ניימאַרקס, עהרענפרייזעס, טהאָנס א. אז. וו. זיינען געווען צווישען די חשוב'דיגסטע מיטאַרבייטער אין רוסיש־אידישע אָרגאַנען. מיט אַנדערע ווערטער: אין ליטעראַרישען און קולטורעלען זין איז גאַליציען ניט מעהר ווי א פּראָווינץ פון רוסישען

אידענטום. דארום האט ניט פערפעהלט קיין רוסישע פובליקאציאן, קיין רוסיש־אידישע צייטונג און בוך צו געפינען גלייך איהר "אבגאנג" אין גאליציען. קיין וואונדער וואס פרץ'ס „יום־טוב בלעטלאך" זיינען היבש בעקאנט געווען אין גאליציען אזוי באלד ווי זיי זיינען ערשיענען, נאטיר־ליך אין דער ערך א קלענערער מאס, ווייל די אידיש־לעזער זיינען געווען וויינינג. די אידישע אינטעליגענטען האבען געלייענט העברעאיש; די מאסען האבען ערשט געדארפט ערצויגען ווערען צו א ליטעראריש'ען לייע־נען. דארום איז קיין וואונדער אז פרץ איז מעהר בעקאנט געווען אין די ערשטע צייטען אפשר אלס העברעאישער שריפטשטעלער ווי אלס אידישער.

די אמת'ע בעקאנטשאפט מיט איהם אלס אידישער שריפטשטעלער דאטירט ערשט מיט זיין יובילעאום און דער יובילעאום־אויסגאבע פון זיינע שריפטען אין 1899. דאן איז די סטודענטישע יוגענד — און זי איז געווען די איינציגע אקטיווע, אגרעסיווע טרעגערין פון דעם נאציא־נאלען אידעאל — אויפמערקזאם געווארען אויף איהם. גראד ווי מיט ראזענפעלד'ן מיט א יאהר אדער צוויי צוריק, ועמעס ביכעל האט אויפ־געוועקט אזא טומעל אין דער נאציאנאל־דענקענדער יוגענד, אזוי האט דאס ערשיינען פון פרץ'ס יובילעאום אויסגאבע ארויסגערופען א שטורם פון בעגייסטערונג צווישען די רייהען פון דער זעלבער סטודענטישער יו־גענד. ווען מיר ריידען פון דער נאציאנאליסטישער יוגענד מוזען מיר, אגב, בעמערקען, אז דאמיט מיינען מיר נור די ציוניסטישע יוגענד, דען גאליציען איז, ווי די אנגלא־סאקסאנישע לענדער, דאס אידישע צוויי־פארטייען לאנד פאר־עקסעלענץ. אבגעזעהען פון די חסידים, וועלכע זיינען א וועלט פאר זיך, טיילט זיך דאס גאליציאנער ניט־חסידישע אידענטום פונאנדער אין צוויי מחנות: ציוניסטען און אנטי־ציוניסטען. דאס איז ניט דערפאר מחמת ווי מאנכע דענקען גאנץ גאנץ טעות'דיג און פאלש, אז די גאליציאנער אידישע נשמה איז פיעל פשוט'ער, איז וועניגער קאמפליצירט ווי די רוסיש־אידישע. דאס איז א געוואלטיגער אומרעכט אנטקעגען דעם גאליציא־נער אידענטום. מען מעג איהם אפשר פארווארפען דאס זיין אויסערע בעריהרונג מיט די רעאליטעטען פון דער וועלט איז נישט בעדייטענד, אבער לירישע פערהלום'טקייט ווי דער גאליציאנער איד האט זי — פאארט זיך, אדרבא, גאנץ נאטירליך צונויף מיט גריבלען און אריינ־טראכטען זיך אין דעם לעבען — א בעוויז איז, וואס גאליציען איז אין אמת'ן דאס אידישע דענקער־לאנד „פאר עקסעלאנס": דער גרויסער קראכמאל, ש. י. ראפאפארט, רובין, שאר, חיות, בערנפעלד, ניימארק, טהאן, שיללער, מאלטער, נאסיג, ליפשיטץ — כמעט אלע אין העברע־

איש — א גאנץ היבשער פראָצענט פאר א לפי ערך קליינעם אידישען קבוץ! ניין, דאָס איז אויס אנדערע טעמים אויף וועלכע מיר מעגען אפשר דאָ אָנווייזען, ווייל זיי וועלען העלפען פערשטעהן די פּאָפּולאַריטעט פון פרץ'ן אין גאַליציען.

אין גאַליציען האָט געהערשט פון איין זייט די פערשטיינערונג, די אונפּראָדוקטיווע פערגליווערונג פון חסידיזם, פון דער אַנדערער זייט האָט „געגעניצט“ דער אַסימילאַטאָרישער אָבגרונד פון נאַציאָנאַלען טויט, אין וועלכען די יוגענד, גאַרענדיג נאָך אייראָפּעאישען ליכט, האָט זיך אונבעוואוסט אריינגעוואָרפען. די יוגענד האָט אָבער אינערליך געפיהלט, אז פאר דעם טאָפּ פון לינזען פון ערציהונג פערקויפען זיי זייער בכורה, זייער נשמה, רייסען זיי פונאַנדער די צאַרטע פעדים וואָס האָבען זיי צונויפגעבונדען מיט זייער אייגען פאָלק, אז דאָס הייליגסטע אין זיי, זייער אינעווייניגסטער מהות, וועלכעס אָט די אַסימילאַטאָרישע בילדונג, וואָס רויבט זיי פון זייער פאָלק, האָט געדאַרפט אויסבייטען, אז דאָס מהות ווערט גאָר אויסגעפּרעסט, „ריין־געוואַשט“, ווי די דייטשען וואָלטען געזאָגט, פון דעם אמת אייגענסטען, דעם איד, וואָס עס האָט אין זיך. דאָ איז געקומען די ציוניסטישע בעוועגונג, מיט אַלעדעם וואָס זי שטעלט פאָר מיט זיך, דעם צוריק־קעהרען צום אייגענעם פאָלק, דעם נעהענטער בעקענען זיך מיט איהם, מיט זיינע ליטעראַטורען, דעם לערנען פער־שטעהן עס און לערנען ליעבען עס און דאן געהן צו איהם, וועקען אין איהם די ווירדע, דאָס אַקטיווע נאַציאָנאַלע בעוואוסטזיין, און דאן האָט די יו־גענד — מיט דעם חסידיש־התפעלות'דיגען בלוט אין די אָדערן, מיט דעם אמת'ען אידעאַליזם און זעלבסטלאָזיגקייט — די שעהנע מעלות וואָס דער חסידיזם האָט מגדל געווען — אריינגעוואָרפען זיך אין דער ציוניס־טישער אַרבייט, האָט משלים געווען ביי זיך אַליין די אידישע ערציהונג וואָס די שולע האָט זיי פון איהר פעריאָגט און וואָס די היים האָט זיי ניט געקענט געבען, די מאָדערנע ערציהונג אין העברעאיש — און אין א פיעל גרעסערער מדרגה, ווייל ניט פערבונדען מיט אזוי פיעל אָנשטרענגונג ווי אויסלערנען זיך א נייע שפּראַך — אין א י ד י ש און דער א י־ד י ש ע ר ליטעראַטור. און דאָ האָבען זיי דערזעהן פאר זיך פּלוצים אזא ריעז ווי פרץ. די אידיש־געוואָרענע יוגענד, דורך דעם ציוניזם אידיש געוואָרענע, האָט פּראָפּאַגאַנדירט פרץ'ן. וואָלט מען זיי געווען געזאָגט, אז מען קען זיין א נאַציאָנאַלער איד און דאָך ניט קיין ציוניסט, אז פרץ איז קיין ציוניסט געווען, וואָלטען זיי עס ניט געגלויבט. ביי זיי האָט אויסגעזעהן, וואָס איז אויף דעמאָלט וועניגסטענס כמעט אין גאַנצען אמת געווען — אז איעדער שטויס פאָראויס צו לעבען אין דעם אידישען לעבען מוז קומען פון דעם בעפרוכטענדען ציוניסטישען גראַנק.

דאן איז דער גאליציאנער איד ווענינגער עקשן, ווענינגער בעשטעהענדיג אויף דאס זיינע, ד. ה. ווענינגער אינדיווידואליסט און האט מעהר פאלי־טישע בגרות, רייפקייט צו פערשטעהן, אז מען קען מקריב זיין קליינע אבווייכונגען פון דעם הויפט־געדאנק צוליעב דער טובה גופא פון דעם הויפטגעדאנק — דארום איז איעדער אויסברוך פון נאציאנאליזם אין גאליציען א צ י ו נ י ס ט י ש ע ר ; קיין שפיעלען זיך אין פונאנדער־שפאלטונג, אין פארטייעלעך! צוריקקעהרען צום אידענטום האט גע־הייסען, צום גאנצען, פולען, קאנסעקווענט הורכגעטראכטען נאציאנאלען געדאנק. דארום זאל מען זיך ניט וואונדערן, ווען איך וועל דא מגלה זיין א סוד, א ז פ ר ץ ה א ט ג ע ד י ע נ ט א ו נ ב ע ו ו א ו ס ט א ל ס א ג י ט א צ י ע פ א ר ד ע ם צ י ו נ י ז ם, ד. ה. דעם נאציאנאליזם — א י ן ג א ל י צ י ע ן, דען דארט זיינעןביידע אידענטיש. אין רוסלאנד וואלט דאס ניט מעגליך געווען, דא איז די אקטיווע מתנגדות, ד. ה. אידישקייט וואס לאזט זיך דאך פעראייניגען מיט פראגרעס, ניט אויסגעשטארבען ווי כמעט אין גאנצען אין גאליציען. אין גאליציען איז קיין אנדער ברירה ניט געווען. א פראגרעסיווער און א איד — דאס האט געהייסען א ציוניסט. דער ציוניזם איז געווען די בריק וואס האט געפיהרט צו דער גרויסער וועלט פון איין זייט און צום אידישען פאלק פון דער אנדערער זייט. אז די ציוניסטישע יוגענד איז דארום געגאנגען צום פאלק, וועקען דאס פאלק צום בעוואוסטזיין פון אייגענעם ווערט, צום אייגענעם שטאלץ, האט די יוגענד דאס רוב מיט פרץ'ס שריפטען ביי דער האנד אויפגעוויזען וואס פאר א גרויסע שריי־בער מיר האבען, מיט וועלכע מיר דארפען זיך ניט שעהמען לגבי די גוים. פון פרץ'ן, געדענק איך, האט אונזער אקאדעמישע יוגענד שטענדיג פארגעלייענט ביי די זעהר אפטע פרייע ליטעראַרישע פערזאמלונגען אין „ציון" לאקאל אין רינג פלאץ, אין לעמבערג, ביי די „דורשי שלום ציון" אין דער פליישהאקער גאס, אין די טוינבי האלען, דער פאלקס־אוניווער־זיטעט, וואס די ציוניסטישע יוגענד האט מיט אזוי פיעל ערפאלג געגרינ־דעט און דורכגעפיהרט אין לעמבערג, וואו איך האב מיטגעלעבט מיט זיי די הייליגע נאציאנאלע בעגייסטערונג און די פרייד פון מקריב זיין זיך פאר'ן גוטען פון אונזער פאלק און איבעראל אין דער פראווינץ, וואו די לעמבערגער טאינבי־האל איז נאכגעמאכט געווארען. און איבעראל אלץ פרץ און פרץ. קיין וואונדער וואס פרץ איז פאפולאריזירט געווארען, וואס דער ברייטער עולם האט אנגעהויבען איהם שטארק צו לייענען, אין די טאינבי־האלען האט מען איהם פארגעלייענט צו בילדען דעם ליטעראַ־רישען געשמאק פון פאלק און, אגב, האט מען געוועקט דאס נאציאנאלע בעוואוסטזיין. אם מייסטען האט מען געלייענט: „וועגען געשיכטע",

„ווענוס און שולמית“, „נס חנוכה“, „פיער דורות, פיער צוואות“, אלע מיט דעם אפען־נאציאנאליסטישען אנזאג — נאטירליך אויך אלעס אנ־דערע. און ווי די יוגענד אליין האט ג ל ע ר נ ט ממש פרץ, גע־פלפול'ט זיך איבער איהם, פערגליכען איהם צו דעם, צו יענעם, גע־צווינגען פאראלעלען, געשריבען אבהאנדלונגען, דאס געדענק איך נאך גאנץ גוט אלס איינער פון די פיהרער פון דעם לעמבערגער גימנאזיסטען „קולקא“, וועלכער איז געשטאנען דירעקט אונטער דער השפעה און ווענ־אנצייגונג פון דער ציוניסטישער אוניווערזיטעטס־יוגענד, וועלכע האט כמעט אין גאנצען אליין אנגעפיהרט די ציוניסטישע, אידיש־נאציאנא־ליזירענדע ארבייט אין לעמבערג — און דאדורך אין גאנץ גאליציען. די רעזולטאטען פון זייער ווירקונג האט מען געזעהען ביי די וואהלען צום פארלאמענט פון 1907, ווען פיער ציוניסטען זיינען אריין אין וויענער פארלאמענט פון גאליציען, אין דעם געוואלטיגען צענזוס פאר אידיש אלס א מוטער־שפראך טראץ אלע שטערונגען מצד די פאליאקען און דער רעגיערונג. פרץ איז געווען איינער פון די וויכטיגסטע מיטלען, דורך וועלכע אט די הייליגע נאציאנאלע ארבייט איז אנגעפיהרט געווא־רען, און מיט וואס פאר א התפעלות מען האט דאס איהם בעגריסט, ווען ער איז געווען אין גאליציען, פאהרענדיג קיין טשערנאוויץ צום אי־דישיסטען קאנגרעס, כאטש דער צוועק פון דעם קאנגרעס איז ניט אין גאנצען סימפאטיש געווען דעם גאליציאנער אידענטום, וואס וויל ניט וויסען פון א מחיצה צווישען די ביידע שפראכען, וואס וויל ביידע גלייך ענטוויקלען און בענוצען — ווען זיי וועלען אויסקעמפפען ווי זיי האבען געהאפט — ביז צו דעם איצטיגען קריעג — נאציאנאלע אויטאנאמיע אין גאליציען!

און טראץ דער שרעקליכער לאגע פון מיין אונגליקליכער אלטער היים, קען איך מיר פארשטעלען דעם געוואלדיגען בראך, וואס דער טויט פון פרץ'ן, איינעם פון די גרעסטע קאריפעען פון אונזערע ליטעראטורען, האט ארויסגערופען אין הארצען פון אלע טיילען פון גאליציאנער נאציאנא־לען אידענטום — בפרט די ארבייטער מאסען, וועלכע האבען זיך אויך נאציאנאל דערוועקט דאס רוב צוליעב דער ווירקונג פון דער שטודירענדער יוגענד — און אם מייסטען ביי דער עדלער, שעהנער, איבערגעבענער גאליציאנער יוגענד, וועלכע קעמפפט איצט אין די טראנשעען אין די בערג און פערגיסט זייער בלוט צו רעטען די עהרע פון זייערע מאמעס און שוועסטער; דער יוגענד, פון וועלכע יעקב גארדין, דער ניט־נאציא־נאליסט, האט גערעדט דא מיט אזוי פיעל אכטונג און בעגייסטערונג.

ה. גוטמאן:

# י. ל. פרץ דער סאטיריקער

אהן קיינע הקדמות.

פרץ דעם ליריקער, פרץ דעם דראמאטורג, פרץ דעם ערצעהלער, פרץ דעם העברעער און אפילו פרץ דעם בונדיסט—לאז איך פאר אנדערע.

מיר איז ליעב פרץ דער סאטיריקער.

פיעלע, וועלען מיט מיר ניט איינשטימען, נור איך גלויב אז פרץ איז פריהער פון אלץ, און מעהרער פון אלץ, געוועזן דער סאטיריקער — דער סאטיריקער פון גאָטעס-גנאדען.

מיט דעם וואָרט סאטיריקער, בעצייכען איך א מענשען מיט א הארץ וואָס קען פערוואונדען און בלוטען אליין; א מענשען וואָס האָט שטארק ליעב — און פון גרויס געפיהל ווערט ער בעז — און ער שטראָפט, בעזוערט זיך, לאכט און שרייט.

אנשטאט דעם וואָרט סאטיריקער פערשטעה איך — א מענשען וואָס איז שטארק ניט צופרידען מיט אלעם און האָט דאך געפיהל פאר אלעם.

אונטער דעם וואָרט סאטיריקער פערשטעה איך — א מענשען וואָס האָט פריהער פון אלץ ליעב די קורצקייט, דעם וואָרט וואָס קומט ווי א בליץ און ווערט געבווירען ווי א דונער, דעם וואָרט וואָס טאָר ניט לאנג-וויילען, וואָס מען דארף פערשטעהן אויפ׳ן וואונק.

און דאָס איז געוועזן פרץ.

א סאטיריקער מוז, לויט מיין מיינונג, פריהער פון אלץ זיין א ליריקער, א סוביעקטיוועער זינגער, אזוי ווי א גוטער פעליטאָן — מוז פריהער פון אלץ זיין א גוטעס לירישעס געדיכט...

און פרץ איז דאָס געוועזן.

פרץ׳ס סאטירע איז ניט קיין צייט - סאטירע, קיין טאָג סאטירע — נור זי איז א שפרייז פון אייביגקייט צו אייביגקייט.

און אמת׳ע סאטירע איז א קינד פון דער אייביגקייט.

פרץ׳ס פעליטאָנען, קען מען ניט אויסלעזען, זיי לאָזען הינטער זיך עפּעס איבער און האָבען פאר זיך נאָך עפּעס.

פרץ׳ס א פעליטאָן — איז א ליעד, א נשמה-וויספּער, א צאפּעל, א ציטער, א וואָרף פון אייביגע וועלטען צו אייביגע וועלטען...

איינִיגע שרייבער זעהען דעם מענשען פון דער הויך; איינִיגע פון דער טיעף; איינִיגע פון דער זייט.

דער אמת׳ער סאטיריקער זעהט דעם מענשען פון אלע זייטען און דערפון זיין גרויסע אונצופרידענהייט מיט איהם.

און דאס איז געשעהען מיט פרץ.

פרץ, דער גרויסער סאטיריקער, האט געוואלט אלץ ארומנעהמען, אלץ ארומכאפען, און פון דערפון זיין נערוועזיטעט, זיין אפגעהאקטקייט, זיין אפאריזם־שפראך.

פרץ איז געווען ניט קיין געוועהנליכער סאטיריקער — ער איז געווען דערצו א גרויסער דיכטער.

ער האט פערשטאנען ווי צו מוחל זיין. ער האט געוואוסט דעם סוד פון פערגעבען. — און פערגעבען, איז פאעזיע.

אנדערע קענען ניט פערגעבען און זיי זיינען בלויז סאטיריקער — ביי פרץ׳ן איז דער פערגעבען מיט דער סאטירע געגאנגען האנט אין האנט — הארמאניש.

יעדער אמת׳ער סאטיריקער — איז א גרויסער פאעט. ווארום ווען ער איז דאס ניט, ווערט ער א פשוט׳ער מוסר זאגער, וועלכען, מען וויל ניט הערען. אדער גאר א פּאסקוויליסט וועלכען אלע האסען...

יעדער אמת׳ער סאטיריקער, איז א טאטע מיט גרויסע ברעמען און מיט א קינדיש הארץ.

ער קען זיך בייזערען אויף זיין קינד און גלייכצייטיג איהם קושען אין קאפ.

פאר׳ן אמת׳ען סאטיריקער איז דאס גאנצע פאלק ווי איין גרויסעס קינד.

פרץ׳ס סאטירע, ווי יעדע אמת׳ע סאטירע, איז ניט קיין ריכטונגס־סאטירע, איז ניט קיין סאטירע לויט א געוויסען נוסח — איז ניט קיין מוסר־סאטירע.

פרץ׳ס סאטירע איז פריי ווי דער ווינד. זי אזי א ווירבעל־ווינד. א טאנצענדיג משוגעת, א שפיעל אויף אלע סטרונעס, א קרעכצען און א לאכען צוזאמען.

איהר קענט ביי פרץ׳ן קיינמאל קלאהר ניט וויסען צו איז דאס „א התונה אדער א לויה?״

נור קליינע מענשען געהען אין איין וועג, זעהען קלאהר פאר זיך דעם ציעל — און האבען א בעשטימטע ריכטונג.

פרץ האט פערשטאנען דעם סוד פון יעדען „נגון“, ער האט זיך פער־טיעפט אין זיין יעדען „גלגול“ און דארום האט ער אלעס אזוי ליעב גע־האט און דארום איז זיין נגון אזוי צווייפעלהאפט… 

פרץ, דער סאטיריקער־פאעט,—האט ניט געפאדערט קיין פאזיטי־ווער אין אידישען לעבען. ווייל ער האט אין קיין פאזיטיווע זאכען ניט

געגלויבט — ער האָט בלויז געמונטערט און געטריבען צו שאפען נייע ו ו ע ר ט ה ע ן.

פרץ האָט פערמאָגט א צו אָפען אויג, ער האָט געזעהען: „א גרוי־סען ברייטען הימעל ממש אין סוף“, ער האָט געזעהן: פלעמלאך און די וועלט פון כולה אטלעס“.

ער האָט געזעהן: „די התלהבות, און די ליבשאפט און די נשמה פון דער וועלט וואָס זינגט“.

אָבער אין דער זעלבער צייט האָט ער אויך געזעהן: „דעם פשוט'ען הימעל, די פשוט'ע חסידים, די צוריסענע קאפאָטעס, די אויסגעלאָשענע פלעמלאך און די צוריסענע שטיקלאך ניגונים“.

פרץ, האָט געוואוסט דעם סוד פון אלע ציגעל, ער האָט געוואוסט: „אז מיט די אייגענע ציגעל, קען מען שטעלען א שוהל און א קלויסטער. א פאלאַץ און א תפיסה און גאָר א הקדש“...

פרץ, האָט געוואוסט אז די וועלט קען מען ניט איבערמאכען — אנדערע ווייסען עס ניט און מיינען, אז זיי קענען — — — און מאכען זיך לעכערליך.

פרץ, האָט עס געוואוסט... און ביי זיין גרעסטען צאָרן אויף דעם סדר העולם האָט ער געקענט זיך שטעלען מן הצד און א שמייכעל טהאָן — און דערפון זיין חן.

פרץ'ס סאטירע, איז נעהנטער צום הומאָר — ווייל זי ב ע ־ ז ע ר ט זיך ניט ב ע ז, אויב מען קען אזוי זיך אויסדריקען.

פרץ האָט ניט אויסגעלאַכט זיינע העלדען. ער האָט זיך ניט גע־האלטען פיעל קליגער פון זיי, ער איז אָפט געשטאַנען הינטער זיי מעשה־חבר, און זיי אריינגעשושקעט אין אויער — און גאָר אפט איז ער אליין דער העלד געווען.

פרץ האָט ביטער אויסגעלאכט אלע אידישע אמונות, אָפגעשפּאַסט פון די סגופים, תענתים, דעם נס פון קפיצת־הדרך און דעם גלויבען אין פאפירענעם בריק — אבער אין דער טיעף פון זיין נשמה האָט ער עס נעליבט און געצערטעלט...

פרץ האָט געהאָלפען מיט זיינע אייגענע הענט צו צושטערען אלעס וואָס שטערט צום לעבען און אטהעמען אין דער אידישער וועלט און האָט זיך אליין געשטעלט היטען די חורבות.

ארום די חורבות האָט ער געוואָלט בויען דעם פאלאץ פון בעפריי־טען מענשען און בעפרייטען איד.

אויף די חורבות האָט ער אָנגעוויזען אונזערע קינדער, זייער שענ־קייט האָט ער פערצעהנפאכט מיט זיינע „פאלקסטימליכע געשיכטען.“

פרץ האָט געפּראָטעסטירט געגען דעם בארג מיט שטיינער אונטער

וועלכען עס ליגט דער דימענט: אָבער פּרץ אליין האָט די שטיינער ניט געלאָזט אוועקנעהמען.

גענוג אז ער האָט אָנגעצייגט דעם „דימענט“.

פּרץ, איז געווען א טרוימער־פּראָטעסטאַנט.

ווייל, נור גוטע טרוימער זיינען גוטע פּראָטעסטירער.

הויכע פּאָעזיע — געהט אימער האנט אין האנט מיט דאָס שאַרפע וואָרט. דער נביא — מיט׳ן בעל־מוסר.

גרויסע ליעבע מיט בעז טהאָן; מיט איינבייסען זיך אין דעם גע־ליבטענס פלייש ביז בלוט...

און גרויסע ליעבע — איז פּאָעזיע.

פּרץ האָט געקוקט אויף דער וועלט ווי אויף א שפּיגעל.

נור ער אליין האָט ווי דער אייניקעל פון זיין „באבע יאכנע“, גע־וואָלט וויסען: „וואָס אויף יענער זייט שפּיעגעל טוט זיך.“

און הינטער דעם שפּיגעל — איז שפּינוועבס.

פּרץ׳ס בליק אויף׳ן אידישען לעבען איז געווען א בליק פון א סאַ־טיריקער.

ער האָט צושטערט און געבויט, חרוב געמאכט און אויפגעשטעלט פּאַלאצען.

פון זיינע „רייזע בילדער“ ביז די „פּאָלקסטימליכע געשיכטען“ איז איין „גאָלדענע קייט“ פון סאטירישען שאַפען...

נור דאָרט, אין די „רייזע בילדער“, איז ער געווען דער אנקלאָגער און דאָ אין די „פּאָלקסטימליכע“ איז ער געווען דער פערטהיידיגער.

און אמת׳ע סאטירע — איז א פעראייניגונג פון אנקלאגע און פער־טהיידיגונג צוזאמען.

דער סך הכל: איןביידע האָט ער געליעבט און געבלוטעט. אי די אַנקלאגע אי די פערטהיידיגונג זיינען ארויס פון איין קוואל, פון דעם קוואל פון אמת׳ע ליבע צום פערקנעכטען פאָלק.

פּרץ האָט געבונדען דעם עבר מיט דער צוקונפט און ליעב געהאט די גענענוואָרט.

ער האָט די אַלטע דורות געשלעפּט אין „אייראָפּא“ און די יונגע צוריק אין „אזיען“.

פּרץ האָט אימער עפּעס געזוכט: ביי איהם האָט שטענדיג עמיצער געקלאפּט אין טהיר נור ער האָט ניט געוואוסט ווער: „דאָס לעבען“ אָדער „דער אורח חיים“?

פּרץ איז געווען דער אמת׳ער סאטיריקער.

און סאטירע איז דאָס גרעסטע פון דעם מענשען׳ס שאַפען און פערשטעהען מענשען.

שרה ראַבינאָוויטש:

# האנדעלס-קלאַס און ארבייטער-קלאַס ביי פּרץ'ן

### 1.

דאָס יודישע לעבען טראָגט אין זיך צוויי ענטגעגענגעזעצטע עלעמענטען. אויף איין זייט געפינט זיך דאָס יודישע לעבען אלס גאנצעס אין שטענדיגער בעריהרונג און אין שטענדיגע בעציהונגען צו דער קולטור פון די ארומיגע פעלקער; פון דער אנדערער זייט אבער שפּיעלט זיך אָב דאָס פּערזענליכע לעבען פון יעדען איינצעלנען אידען תמיד נור אין דער איינציגער ספערע פון דער אייגענער יודישער קולטור, וואָס געפינט זיך שטענדיג אין א פאָלקאָמענער אונאבהענגיגקייט פון דעם יהדענ'ס אויסערליכער טהעטיגקייט. און אָט די צוצווייטקייט ברייגנט אריין א בעזונדערע אייגענטימליכקייט אין דער יודישער ליטעראַטור. יעדע זיטענשילדערונג פון יודישען לעבען, ווי געטריי זי זאָל ניט זיין, אויב זי בעשרענקט זיך נור אויף דאָס אויסערע לעבען פון'ם יודען, אויף זיין טון, האנדעל און וואנדעל, ניט בעריהרענדיג די ספערע פון זיין אינערליכער פּערזענליכער קולטור וועט תמיד בלייבען נור עפּעס אונפאָלשטענדיגעס, אָבגעריסענעס, איינזייטיגעס, אויבערפלעכליכעס. ווארום ביים יודען איז נישט אזוי ווי ביי אנדערע פעלקער, וואו שוין די דרויסענדיגע טעטיגקייט פון מענשען כאראקטעריזירט גענוג אלע זייטען פון זיין לעבען און אויך דעם מהות און אינהאלט פון זיין גייסטיגער וועלט. ביים אידען שטעהט די עקאָנאָמישע טעטיגקייט — ווייל זי שפּיעלט זיך אב אין א פרעמדער סביבה פון פרעמדע פעלקער — תמיד אן א זייט פון זיין גאנצער *א י י ג ע נ ע ר* קולטור. זי בלייבט תמיד פאר איהם א פאָלקאָמען אונבעריהרבארער פּערזענליכער אוצר.—

און דעריבער קומט אוים דאָס הגם פּרץ איז וועניגער פאר יעדען אנדערען א „געטרייער לעבענס-בעשרייבער“, הגם ער שטעלט זיך אם וועניגסטען אב אויף די בעזונדערע לעבענס-אייגענטימליכקייטען, האָט ער דאָך פאר אונז א בעזונדערען ווערט גראד אין דער הינזיכט, דערפאר וואָס מיר דערזעהען דורך איהם קלאָר דעם סאָציאלען *א ו י פ ־ ב ו י* פון יודישען לעבען. — און גראד דער אומשטאנד וואָס פּרץ'ס הויפּט אינטערעס איז תמיד געווען געריכטעט אויף דאָס לעבען פון דער *פּ ע ר ז ע נ ל י כ ק י י ט*, און וואָס ביי דער שילדערונג פון איהר

אינטערעסירט ער זיך ווענינגער מיט איהרע אויסערע לעבענס־זייטען און לעבענס־פאָרמען ווי מיט איהרע אינערע איבערלעבונגען — גראדע דאָס גיט אונז די מעגליכקייט ארויסצוגעפינען א פולען בילד פון דער יודישער ווירקליכקייט אין איהר גאנצער אייגענארטיגקייט. ווארום אריינדרינגענדיג אין דאָס לעבען פון דער פערזענליכקייט, און זוכענדיג זי פאר אונז בולט ארויסצושטעלען, אנאליזירט ער אלע איהרע רעגונגען און געשטימונגען און רעקט צוגלייך אויף אלע איהרע עלעמענטען און די געזעלשאפטליכע ראָלע וואָס זיי שפּיעלען, און פאר אונז שטעהט אויף אַן אלגעמיינער קולטור־בילד פון יודישען לעבען, מיט אלע זיינע פערשיעדענארטיגע טרייב־קרעפטען.

און אויף אזא אופן בעקומט פּרץ חוץ זיין קינסטלערישער בעדייטונג נאָך א בעזונדערע בעדייטונג פאר דעם סאָציאלען פערשטענדניס פון יודישען לעבען. נאָך זיינע ווערק קענען מיר אויפמאָלען א פולען בילד פון דער יודישער סאָציאלער לעבענסארט. מיר מוזען נאָר דערביי אוועקלייגען אויף א ווייל די קינסטלערישע זייט פון זיינע שעפּפונגען און זיי אונטערזוכען פון א סאָציאלאָגישען געזיכטספּונקט. מיר מיינען אז דאָס וועט בשום אופן ניט פוגע זיין זייער קינסטלערישע בעדייטונג. אומגעקעהרט, זי וועט זי נאָך מעהרער קריסטאליזירען און בולט׳ער מאכען. ווארום בעת מיר ווארפען אויף א ווירקליכקייטס־בילד נאָך א קונסט ווערק געפינען מיר ארויס דעם גאנג פון קינסטלער אין לעבען. און פעראייניגענדיג אלע זיינע בילדער אין איין לעבענס־פּראָצעס, געפינען מיר ארויס די מאָס פון זיין שאפען: די ברייטקייט פון זיין ארומנעמען דאָס לעבען, די שארפקייט און קראפט פון זיין קוק, און די לעבעדיגקייט פון זיינע געשטאלטען. פון דער אנדער זייט בעקומען מיר אויך דערביי די מעגליכקייט ארויסצוגעפינען די שטריכען וואָס כאראקטעריזירען זיין אייגענע קינסטלערישע אינדיווידואליטעט. דער קינסטלער טוט ניט נאָר דאָס וואָס ער קלייבט אויף די געשטאלטען פון לעבען און בעלייכטעט זיי, ער פעראלגעמיינערט נאָך, ער נעמט נאָך ארום דאָס לעבען גופא, דאָס גאנצע, ער ציהט ניט נאָר ארויס די איינצעלנע ערשיינונגען, ער ברייגנט זיי נאָך אין א סיסטעם און בעשטימט זיי זייער ארט אין לעבען. און אָט דער מאָמענט פון דעם קינסטלערישען סינטעז וואו די קונסט בעגעגנט זיך מיט דער פילאָזאָפיע ווערט אונז נאָר דאן קלאָר ווען מיר אליין נעמען ארום דעם ג א נ צ ע ן געגענשטאנד, פון וועלכען ער בויט זיין קינסטלערישע וועלט, ווען מי רנעמען ארום די אלע ערשיינונגען וואָס ער האָט פעראייניגט אין זיין שאפען. און אין דעם ארטיקעל וועלען מיר פערזוכען אריינצודרינגען אָט אין דער וועלט אריין, און

דורך די בילדער וואס פרץ האט אונז געגעבן פערזוכען צו בעלייכטען אויך אט די ווינקעלעך וואס זיינען אן א זייט געבליבען פון פרץ׳ס קינסט־לערישע אבזיכטען, וואס זיינען אבער א דאנק איהם פאר אונז ענט־פלעקט און בעלייכטעט געווארען.

שילדערענדיג דעם אינהאלט פון דער פערזענליכער וועלט פון׳ם יודען האט פרץ דער ערשטער מיט בעזונדערער קלארקייט בעלייכטעט דעם אונגעהויערן אונטערשיעד צווישען דער קולטור פון דעם סוחרישען יו־דען און דעם בעל מלאכה יודען. די אינערע וועלט פון דעם יודישען בעל מלאכה איז תמיד מעהר אדער ווייניגער פערבונדען מיט זיין פראפעסיע, ער בעווייזט זיך ביי פרץ׳ן תמיד מיט׳ן כאראקטעריסטישען ריח פון זיין ווארשטאט און ווייזט אויף שטריכען פון א שארף בעשטימטער און בולטער פראפעסיאנעלער פיזיאנאמיע. דאגעגען דעם סוחרישען יודענ׳ס פערזענליכע קולטור טרעט תמיד אויף אונאבהענגיג פון זיין מסחר־גע־גענשטאנד און בעשטימט זיך אייגענטליך בלויז דורך זיין יודישקייט. אין דער צייט ווען דער בעל מלאכה בעווייזט זיך תמיד מיט אן איי־גענעם בעשטימטען וואונש, פליעסט אין דער סוחרישער סביבה נאר דער אלגעמיינער יודישער שטראם. אין דער צייט ווען דער בעל־מלאכה בעת ער געהט ארויס פון אט דעם שטרם בלייבט ער דאך דערזעלבער „ער“ פאר זיך, איז דאגעגען פערלירט זיך דער סוחר און ווערט בטל אין יעדער אנ־דערער שטרעמונג אין וועלכער ער קומט אריין. און אזוי ווערט דער האנדעל אויף דער יודישער גאס בעשטימט דורך צוויי מאמענטען: פון איין זייט שפיעלט דער האנדעל די ראלע פון עפיס צופעליגען, פערבייגע־העגדען, אונוויכטיגען, וואס געהט לחלוטין ניט אריין אין די כחות וואס קאנטראלירען דאס גזעלשאפטליכע פאלקס לעבען; ער ווערט בע־טראכטעט אלס פריוואט זאך, וואס געהט ניט אריין אין דער ספערע פון פאלקס אינטערעסען, וואס יעדער איינער טוט פאר זיך דאס לעבען צו דערהאלטען, פון וועלכען אבער ער טרייסעלט זיך אב אזוי שנעל ווי ער טרעט אויף אלס מיטגליעד פון א קאלקטיוו פון דאס גאנצע. און דאס לעבען פון דער פערזענליכקייט, ווערט אבסאלוט דורך דעם האנדעל ניט בעריהרט. דער האנדעל געהט פאר איהם פארביי אין אן אונאב־הענגיגע און ניט פון איהם בעשאפענער גייסטיגער סביבה. פון דער אנ־דער זייט אבער, אזוי ווי דער האנדעל איז איבערגעלאזען אויף זיך אליין, און אריינגעשטופט אין א סביבה וואס איז פרעמד דעם פאלק אלס אזעל־כען, בלייבט ער אויף אזא אופן אויסער זיין השפעה—רייסט ער דערמיט ארויס די פערזענליכקייט אין גאנצען פון דעם גזעלשאפטס־ארגאניזם, און אונטערוואַרפט איהר גאנצע אביעקטיווע טעטיגקייט אונטער א

פרעמדאַרטיגען געגענשטאַנד. דער האַנדעל ווערט דאַדורך אַראָב־געצויגען פון דער מדרגה פון אַ געזעלשאַפטליך נאַציאָנאַלער פונקציע צו אַ ריין אייגעננוציגער טעטיגקייט. די האָזיגע ביי־דע מאָמענטען נעמען זיך דערפון, וואָס די עקאָנאָמישע טעטיגקייט פון יודען ברייננט איהם אין שטענדיגער בעריהרונג מיט די ארומיגע פעלקער און נעמט איהם ארוים פון יודישען לעבען, בעת די יודישע קול־טור אבער ווערט אונטערגעהאַלטען פון אַ געזעלשאַפט וואָס באַזירט ניט אויף עקאָנאָמישע יסודות נאָר אויף אַנדערע. דער איד פיהלט זיך דעריבער קיינמאָל ניט בראשו ורובו אין האַנדעל. ער געהט צו איהם תמיד צו מיט הפסקות, צופעליג, פיהלט זיך ניט פערבונדען מיט איהם דורך קיינע פערזעהנליכע מאָמענטען, און זיין גאַנצעס פערזעהנליכעס לע־בען קען זיך בעווייזען ענטוועדער אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם געזעלשאַפט־ליכען גאַנצען אָדער איבערהויפּט ניט.

אין דער געזעלשאַפט ערשיינט דער יוד ניט אַלס אַ פאָרשטעהער פון אַ בעשטימטער פּראָפעסיע נאָר אַלס אַ טרעגער פון אַ בעשטימטער קולטור: די פּראָפעסיאָנעלע טעטיגקייט פון די איינצעלנע מיטגליעדער איז דער געזעלשאַפט ניט וויכטיג, און יעדערער טוט זיך פאַר זיך און איז ערב נאָר פאַר זיך אַליין. די געזעלשאַפט בעשטימט נאָר די נעגאַטיווע זייט פון זיין טעטיגקייט, וויפיעל צייט און ארבייט עס קען ביי דעם אינדיווידיאום אָוועקגענומען ווערען פון אַ הפסד פאַר זיין קולטור לע־בען. יעדע איבערטרעטונג פון אָט דער מאָס בעטראַכט די געזעלשאַפט אַלס אַן אַנגריף אויף די הייליגסטע זייטען פון מענשליכען לעבען.

— „הער, דו אשה... ווייסט דו, וואָס איז? בטול תורה, נישט... לאָזען דעם מאַן לערנען, האַ? אַלץ פּרנסה, האַ?! און ווער גיט דעם פּיינעלע! אַלץ נישט גלויבען אין גאָט! אַלץ יצר הרע, אַלץ נור די וועלט... נאַרישע אשה... מרשעת! נישט לאָזען לערנען אַ מאַן... דער־פאַר קומט גיהנם....“*)

אָט די אויבערהערשאַפט פון די קולטור מאָמענטען איבער דאָס עקאָ־נאָמישע לעבען בעשטימט דעם גאַנצען כאַראַקטער פון דער יודישער גע־זעלשאַפטליכער ערציהונג. דער יוד ווערט דערצויגען ניט צוליעב עקאָנאָ־מישע אָדער פּאָליטישע פונקציעס, נאָר אויף אַנטייל צו נעמען אין דער גייסטיגער קולטור פון יודענטום: פּוליעהריגקייט בעשטימט זיך דע־ריבער ניט נאָך דעם פאַרטיג ווערען צו אַ וועלכע ניט איז אָביעקטיווער טעטיגקייט, נאָר דורך דעם גאַנג פון דער רעליגיעז קולטורעלער ער־

*) „אַ כעס פון אַ יודענע“ 208.

ציהונג. דאָס פריהע חתונה האָבען וואָס געפינט זיך ניט אין איינקלאַנג מיט דיווירטשאַפטליכע פערהעלטניסע און וואָס האָט זיך אַלע פריהערדיגע אונזערע שרייבער אויסגעוויזען אזוי נאַריש, בעקומט ערשט ביי פרץ'ן די ריכטיגע קולטורעלע בעדייטונג.—די פראָפעסיאָנעלע אינטערעסען געהען נעמליך ניט אריין אין דעם אינהאלט פון פערזענליכען לעבען: דער מענש וואָס ווערט ערקלערט פאר פעהיג צו נעמען אָן אנטייל אין דעם קולטור לעבען פון דער געזעלשאפט, ווערט אויך גלייכצייטיג דאַדורך ערקלערט אלס פעהיג צו זעלבסטשטענדיגקייט איבערהויפט. און דאָס חתונה האָבען בעקומט אזוי צו זאָגען די בעדייטונג פון דער פאַרענדיגונג פון דער גאנצער קולטורעלער ערציהונג: עס איז די עפענטליכע ערקלערונג פון זיין פאָלקאָמענער גלייכבערעכטיגונג, זיין פייערליכער אריינטריט אין קהל ישראל, און זיין דרשה וואָס ער האלט אין יום החופה בעקומט דעם כאראַקטער פון א מין קולטורעלען עקזאמען: און אויף ד ע ם מאָמענט קאָנצענטרירט זיך דאָס בעוואוסטזיניגע פעראַלטען פון יודען צום חתונה האָבען: ער לאָזט איבער דעם שטאַרקסטען רושם אויף זיין נשמה.

אזוי ווי די גייסטיגע צייטיגקייט וואָס איז נויטווענדיג צום חתונה האָבען קומט געווענליך פ א ר דער עקאָנאָמישער זעלבסטשטענדיגקייט, בלייבען די יונגע נאָך דער חתונה ביי די עלטערן פון איין אדער אנדערען צד אויף קעסט. נאָר אויך די צייט ווערט ניט בענוצט אויף צוגרייטען זיך צו א וואָסער עס איז עקאָנאָמישער טעטיגקייט, בלויז צו פערשטארקונג פון דער קולטורעלער זעלבסשטענדינקייט.

און אזוי קייטעלט זיך די משפחה דורך דעם קעסט אינסטיטוט נאָר צוליעב קולטורעלע ציעלען און דאָ זיינען אלע אינטערעסען וואָס בינדען דעם מענשען מיט דער משפחה. ניט דורך ווייטער פיהרונג פון פאָליטישע אנשטאלטען אדער פון עקאָנאָמישע אונטערנעמונגען בינדט זיך דער יחיד מיט די צוקינפטיגע דורות נאָר אין די אונאונטערבראָכענקייט פון קולט.

2.

אויב א יודישער סוחר, דער פאָרשטעהער פון יודישען האַנדעל, אונטערפיהרענדיג די לעצטע שורה, האָט אין זיין פראָפעסיע גאָרנישט ניט וואָס זאָל איהם מיט איהר פערבינדען און וואָס ער וואָלט וועלען איבערגעבען דעם קומענדיגען דור, און אין דעם מיטעלפונקט פון זיין לעצטען ווילען שטעהט נור זיין צוגעבונדענקייט צו דער געזעלשאפטליכער קולטור פון יודענטום — זעהען מיר ביים בעל מלאכה גאנץ וואָס אנדערעס. ווארים נאָר דער האנדעל לאָזט צו

אזא אונפערזענליכעס, גלייכגילטיגעס פערהאַלטען צו זיך, די מלאכה אָבער בינדט דעם מענשען מעהר צו צו זיך און פאָדערט דאָס בירושה איבערגענעבען צו ווערען פונקט אזוי ווי די קולטור. 1)

און נור דער האנדעל אַליין, אויף דעם אופן ווי ער ווערט געפיהרט ביי יודען, פאָדערט ניט קיין שום פּראָפעסיאָנעלע פאָרבערייטונג און קען צולאָזען, אז די גאַנצע ערציהונג פון מענשען, זיין פרייע צייט, זיין גאַנצע יוגענד זאָל אוועקגעהן אויף עפּעס אַנדערש, נאָר ע ר קען צוזאַמענלעבען מיט דער קולטור־גאַנצקייט וואָס וויל האָבען די גאַנצע מענשליכע פערזענליכקייט; און נאָר דער האנדעל איז מסוגל זיך אָנ־צוהויבען און צו פארענדיגען זיך אין א ליאַדע מאָמענט, און ניט צו לאָזען קיין וואָרצלען פון דור צו דור. און דאָס יודענטום פּאַסט אויף און זאָרגט אז דער האנדעל זאָל זיין צופעליגען כאראקטער ניט פערליע־רען. 2)

און אזוי ווערט דער פאָרשטעהער פון האנדעל, פון צופעליגען מארק־האנדעל, וואָס בעשאַפט ניט קיין שום פעסטע האנדעלס־יסודות, דער איינענטליכער טרעגער פון יודישער קולטור. און דער האנדעל ווערט דער נויטווענדיגער עלעמענט אין דעם לעבען פון י ע ד ע ן יודען. אזוי באַלד ווי דער יונגער מאַן געהט אראָב פון קעסט, לאָזט ער זיך אויפ׳ן מארק. די פריהערדיגע דורות האָבען איהם קיין זאַך ניט איבער־געלאָזען מוז ער אַלץ אָנהויבען פון אָנהויב. אָבער דעם חנוך אין מסחר בעקומט ער ניט דורך דעם טאַטען, און ניט דורך א נאָהענטען מענשען— די נאָהענטע בעציהונגען בלייבען אין גאַנצען פאַר דאָס קולטור־לעבען — נור דורכ׳ן שותף, ווען ער ווערט „איבערגעגעבען" ווען ער זיצט נאָך און לערנט. געוועהנליך אָבער איז די „איבערגעבענקייט" ניט פון קיין לאַנגען קיום: דער שותף לעקט געוועהנליך אָפּ א ביינדעל פון זיין יונ־גיטשקען שאינו יודע לשאול, און דער יונגיטשקער לאָזט זיך זוכען עפּעס אַנדערש. דער העלד פון „פאַסטוואָגען" איז „באַלד נאָך דער חתונה געוואָרען א סוחר, ער איז געווען א לערנקינד, האָט מען איהם צוגענומען א שותף אָן אַלטען סוחר... דער סוחר האָט איהם אויסגעמאַכט דאָס אויער, פּשוט פּשוט געפּריציוויט". 3) אין דער „טויטער שטאָדט" איז „דער גביר געשטאָרבען און איבערגעלאָזט, צווישען אַנדערע, א יורש, א יתום קטן... קהל מאַכט איהם איין אפּוטרופּוס, מאַכט איהם חתונה, גיעט איהם צו א געניעטען שותף — דער מאַכט איהם אויס איין אויער — כדת משה וישראל." 4)

---

1) פיער דורות, פיער צוואות. 379. — 2) „אין פאַסטוואָגען". 36. 3 און 4) מעשה׳לאך: „די טויטע שטאָדט". 143.

„מלך פערילס — א שענער יונגער מאן, נישט לאנג נאך קעסט... געהאנדעלט בשותפות מיט א תבואה סוחר, אנגעווארען דאס געלד; דערווייל איז דער שווער געשטארבען אין ארעמקייט. מען ווייסט נאך נישט צו וואס ער וועט זיך נעהמען". 1) דער צופעליגער, פארביילוי־פיגער כאראקטער פון די מארק פערדינסטען צווינגט ניט דעם יודען זיך אויף וואס עס ניט איז אבצושטעלען. דער האנדעל ווירקט אזוי ווייניג אויף זיין אינוועניגסטע וועלט, אז ער זעהט נישט איין קיין שום שייכות פון זיין פערזענליכקייט צו דעם ארט מסחר וואס ער פיהרט.

3.

ערקלערענדיג די פרנסה אנגעלעגענהייט פאר א פריוואטען ענין, און ארויס שטופענדיג עס, אזוי צו זאגען, מחוץ למחנה, האט דאס יודענ־טום דאדורך יעדע מעגליכקייט אבגענומען צו פערוואנדלען די קולטור אין אביעקטיווע ווערטען, עס האט דאריבער זי ענג פערבונדען מיט דער פערזענליכקייט און מיט איהר לעבען. די פערזענליכע קולטור קען אבער נאר האבען א בעדייטונג ביי א מעהר אדער ווייניגער געזעלשאפטליכער גלייכהייט: ווען די שטעלונג פון דער פערזאן אין דער געזעלשאפט זאל זיך בעשטימען נאר דורך איהר קולטורעלען ווערט, ניט זיך דיפערענ־צירען דורך אנדערע עלעמענטען. און די יודישע פרנסות זענען פאר דער גלייכהייטס־ארדנונג אזוי ווי געשאפען געוועזען. דער מארק־האנ־דעל איז ניט מסוגל געוועזען צו ברייננגען צו געוואלדיגע עשירות, צום אנזאמלען פון גרויסע און פונדאמענטאלע רייכטימער אין איינצעלנע הענד, און האט ניט געגעבען אויך דעם פעסטען יסוד, אויף וועלכען יעס זאל זיך קענען בויען א געזעלשאפטליכע קראפט מיט א מאכט. 2)

און אויב עשירות איז ניט קיין סאציאלע מאכט, איז דאך ממילא אביונות ניט קיין סאציאלעס שלעכטס, וואס מען זאל מוזען קעמפפען דאגעגען, נאר גלאט אן אומגליק ר"ל, וואס מען מוז דערצו העלפען, און צדקה איז דעריבער די איינציגע פארם פון געזעלשאפטליכער טע־טיגקייט. און אזוי ווי מאטעריעלע גיטער זיינען ניט מכריע איז אנצו־קומען צו צדקה קיין קולטורעלער פגם ניט. ווי א גלייכער טרעגער פון דער גלייכער קולטור האט דער אביון א רעכט אויף הילף פון רייכען, ניט אויפ'ן חשבון פון געוועזענע אדער צוקינפטיגע פערדיענסטען, נאר וויל סיי דער עושר סיי דער אביון, זיינען איין קולטורעלעס גאנצעס, און דאריבער ג ל י י כ ו ו ע ר ט י ג. און אט די פאלקאמענע פערזענ־ליכע גלייכווערטיגקייט צווישען מענשען פון א פערשיעדענער עקאנאמי־שער מאכט, איז דער הויפטשטריך פון דער געזעלשאפטליכער עטהיק.

ביים רבין'ס טיש זיינען אלע גלייך. דער ארימער מלמד פון „צווי־

1 און 2) רייזע בילדער. 291.

שען צוויי בערג", ווערט איינגעוויהט אין די אינטימע פאמיליעזאכען פון דעם הויז וואו ער איז. וואונדערבאר איז דאָס פערהעלטנים געשילדערט אין פרץ'ס „הכנסת כלה". דער אָרימער חסיד, מענדעל דלות, קומט צום רייכען ר' עוזר. ער דארף חתונה מאכען א טאָכטער. ער בעזעצט זיך אין זיין שטום גאנץ פעסט, און פיהלט זיך ווי אין דער היים. אויף חתונה מאכען דארף ער האָבען „טאקי די גאנצע פינף הונדערט קאָר־בוינעם!—און פאר וואָס נור ביי מיר?—פרעגט דער גביר—חוץ מזה פיהרט מענדעל דלות ווייטער זיין זאך—איז חתונה הוצאות, ווי דער סדר עולם איז... חתונה קליידער האָב איך שוין.—און אלץ איך?— פרעגט נאָך א מאָל ר' עוזר, נישט זעהר צופריעדען—פאר וואָס געהסט דו נישט צו בערלען, צו חיים'ן?... — כ'בעט דיך זעהר, בייזערט זיך דער דלות, — וואָס ווילסטו פון מיין לעבען האָבען? א י ך האָב כח צו אייערע שטיינערנע גאסען, צו אייערע טרעפ? איך זאָל אויף דער עלטער קלינגען הינטער די טיהרען!—מענשען—שפריצט ער מיט כעס— וואָהנען אין גאסען, וואָס זיינען לאנג ווי דאָס גלות... מעהר טרעפ ווי הויז... און איך לייד אויף אסטמא, זאָל א י ך געהן! געה ד ו! גיב אומגעגאנגען... מיין דאגה?! אז א י ך האָב געהאט האָב א י ך נעגעבען!" 1) און ווען ר' עוזר איז אפילו נישט שטארק צופרידען מוז ער דאָך אנערקענען דאָס רעכט פון מענדעל דלות'עס פערזענליכ־קייט, אויף דעם אלעם און ער מוז נאָכגעבען. און די פאָלקס לעגענדע פערצעהלט מיט בעזונדערער ליעבע און התפעלות פון די מענשען וואָס האָבען שטענדיג און אומעטום דורכגעפיהרט דאָס דאָזיגע פרינציפּ פון אבסאָלוטער אכטונג צו יענעמ'ס פערזענליכקייט, דאָס צערטליכע בע־האנדלען פון דעם יודענ'ס געפיהל וועלט, אין וואָס פאר א לאגע עס זאָל זיך ניט טרעפען.

אין ר' זישעלען דעם גאון פון זאמושץ און אין זיין זוהן ר' יחיאל 2) שטעלט דאָס יודישע פאָלק טימ זיך פאָר דאָס אידעאלע פערהאלטען פון איין יודען צום אנדערען און פערמעגענס זאכען... דאָס רעכט פון דער מענשליכער פערזענליכקייט מוז אונטער אלע אומשטענדען אבגעהיט ווע־רען, ווארום זי האָט מיט דער סאָציאלער לאגע פון דער פערזאָן נאָר א צופעליגע שייכות...

און אויב דער קוואל פון דער געזעלשאפטליכער גלייכהייט ליעגט אין דער איינהייטליכער בעציהונג פון אלע יודען צו דער יודישער קול־טור, מוז אויך קלאָר זיין, אז אויך דאָרט ליעגט דער פונקט וואו די דאָ־זיגע גלייכהייט הערט אויף. און דאָס איז אין דעם מאָמענט ווי דאָס קולטורעלע לעבען בעקומט א פגם, וויבאלד עס ווערען נאָר געבוירען

1) „הכנסת כלה". 91. — 2) חסידיש: „וואָס אמאָל וועניגער".

ספקות אין דער אינטענסיטעט און גאנצקייט פון קולטור לעבען פון דעם אינדיווידואום, ווען זיין עקאנאמישע טעטיגקייט דרינגט אזוי טיעף אריין אין איהם אז עס ווערט בעשאפען א צווייטער קאנקורירענדער פאקטאר אין זיין לעבען. אין דאריבער בלייבט אפילו די צדקה שטעהן דארט וואו זי בעקומט ניט קיין קאמפענסאציע אויף דעם קולטור געביעט. 1)

.4

ביי דער מלאכה הערט די יודישע גלייכהייט אויף. די געזעלשאפט וויל אנערקענען אן ארימאן, א שלעפער, א מחזיר על הפתחים, אויב נור, ווען זיין פערזענליכקייט לעבט זיך אויס, זאל זי עס טון אין יודישקייט. זי וועט אבער קיינמאל ניט אנערקענען פאר א גלייכען דעם בעל מלאכה, דעם „נהנה מיגיע כפיו", וואס גיט דער מלאכה אוועק עפּיס פון זיך, זיין פעהיגקייט, זיין פלייס. לוי יצחק בערנפעלץ זאגט מיט שטאלץ: „קיין מלאכה קאן איך נישט, מיין זיידע האט קיין שטיוועל נישט געגייהט! פון דעסטוועגען אז השם יתברך וויל, לעב איך". 2) און באמת, אט די אלע פראפעסיעס וואס לוי יצחק בערנפעלץ האט, „דין, שדכן, מעקלער, סוחר, שליח..." אט דאס אלץ בעריהרט איהם זיין אינערע פערזאן ניט אויף א האר. עס טראגט זיך עפעס פאר איהם פארביי ווי עפּיס אין דער לופטען, הייסט טוט ער ד א ס, מארגען עפּיס אנדערש. עס לאזט זיך איהם ניט איבער קיין התחייבות׳ן און בכלל קיין שפור ניט: עס איז דערזעלביגער יוד, מיט די זעלביגע אינטערעסען ווי יעדער אנדער יוד. די מלאכה אבער פערטראגט ניט קיין לופטיגעס, זי דארף פונדאמענטאלעס, קענטניסע, מען זאל זיך צו איהר צופאסען, זי ס פ ע צ י פ י צ י ר ט ד י פ ע ר ז א ן. דער רעזולטאט פון מסחר איז א פריוואט זאך און כאראקטעריזירט ניט דעם מענשען. פאראנען א רייכער און אן ארימער סוחר. א ס ו ח ר מ י ט מ ז ל, א ו ן א ס ו ח ר א ה ן מ ז ל. מלאכה אבער נעמט די גאנצע פערזאן, קוואליפיצירט זי. זי פאדערט וואס פון די מענשליכע פערזענליכקייט: טאלאנט, פעהיגקייט, און זי נעמט זיך א רעכט צו קוואליפיצירען, זי לייגט דעריבער אויף דער פערזאן דעם שם התואר: א גוטער און א שלעכטער בעל מלאכה. זי לאזט א שפור אין דעם מענשליכען גייסט, און בינדט דעם מענשען צו צו דער ערד, צו א מאטעריעלען ווערט, און מען גיט זי איבער בירושה. 3) דער כלי־זמר פאר׳ן טויט קימערט זיך ניט וועגען ודוי, וועגען א מנין, ער וויל נאר הערען ווי די קאפעלע וועט שפיעלען אהן איהם. און די צוואה זיינע איז „צו שפיעלען אהן איהם ווי מיט

---

1) „בשעת עקבה". — 2) רייזע בילדער: „ערשטער פרוב". 727.—
3) „א כלי־זמר טויט".

איהם". דער קירזשנער פון „שטריימעל", ביי דער ארבייט, זינגט ניט פון שוהל, נור אן אייגען ליעדעל וועגען זיין מלאכה, דער נאָדעל מיט די פוטער. און ווען דער שניידער אין „די קלה" זינגט שעהנע חזנישע שטיקלעך, איז עס נור קלות ראש, זיי שמעקען שוין מיט וואַרשטאַט. אָט וואָס עס ברענגט מיט זיך די מלאכה, זי לייגט אַרויף אַ חותם אויפ'ן מענ־שען, און די אבסאָלוטע אינטערעסען און שטימונגס־איינהייטליכקייט פון כלל פערליערט זיך אזוי באַלד ווי אנשטאט דעם מסחר קומט אריין די מלאכה. און די סוחר'שע וועלט קוקט דעריבער צו קיין מלאכה נישט אריינצולאָזען און אָט די איינהייטליכקייט ניט צו צושטערען. און די ארימע קרעמערקע, אז מען פרעגט איהר פאר וואָס זי לערנט די קינדער נישט קיין מלאכה: „פערציהט זי דעם נאָז, וואַרפט א בייזען בליק אין וויל מעהר נישט ענטפערן". 1)

„נאָך זאָגט מען—שרייבט מנחם מענדעל צו זיין שוועסטער, אין „האשה מרת חנה" 2)—אז ער (איהר מאַן) וויל אוועקלעגען דאָס לערנען און זיך צו עפּים צו שלאָגען. א נהנה מיגיע גופא, זאָגט ער, וויל ער זיין; וואָס פאר א צער איך האָב דערפון, קענסט דו דיר משער זיין... ער דארף וויסען, אז דער טאַטע, אליו השלום, האָט זיך מיט איהם משדך געוועזען נישט אויף דעם תנאי!" און עס קומט אז א בעל מלאכה ווערט לכתחולה דער וואָס האָט זיך ניט דערלערנט, אדער וועמען די פער־העלטניסע האָבען דערצו געצוואונגען. „משה פונקעל איז גאָר פריה א יתום געבוירען. אָהן א טאַטען און א אָהן א מאַמען, ר"ל: אזוי אז די אָרימע קרובים זיינע, וואָס האָבען איהם ניט געקענט מפרנס זיין און צאָהלען פאר איהם חדר געלד, האָבען איהם אָבגעגעבען צו א שניי־דער..." 3) אין שוהל—אין דער טויטער שטאָדט—דאַוונען ווי דער שטיי־נער איז, סאַמע פראָסטאַקעס—בעלי מלאכות... די שוהל קען קוים עברי! שעהנע בעלי בתים, בני תורה, דאַוונען אין בית המדרש." 4) און דערי־בער פערהאַלט זיך דע געזעלשאַפט צום פועל פון אויבען אראב. אמאָל מיט א פילאָזאָפישען רחמנות: „יוחנן דער מלמד, אז ער געהט אין גאַס און זעהט דורך איין אָפענע שענק טיהר, ווי עס זיצט א בעל מלאכה אין א וואָלקען פון רויך, און טרינקט און רעדט הבלים—ווער איך גאָר נישט אין כעס... בין איך אויף זיי גאָר נישט מקטרג... אדרבא, מיר צוגעהט דאָס הארץ פאַר רחמנות אויף זיי!" 5) עפּטער אָבער, מיט פער־

1) רייזע בילדער: „די צווייטע פּרוב". 274. — 2) „האשה מרת חנה". 301. — 3) חסידיש: „די קלה". 80. — 4) מעשה'לאך. 138.— 5) „יוחנן מלמד'ס מעשה'לאך". 62.

אכטונג: דער מאן אין האשה מרת דנה טרייסט זיין ווייב אויף אזא אופן: „דיין שמואל משה איז נישט קיין שוסטער, ניט קיין שניידער, ער זאָל אוועקווארפען זיין ווייב פאר אן אנדערער.“ ר׳ קלונימוס האָט זיך שוין אפילו געוואָלט אראבלאָזען, גאָר אראבלאָזען: נעמען א שניידער, באדיי א שוסטער פאר אן איידעם, האָט, ערשטענס, קהל געמורמעלט, ווארום באמת, עס פּאסט נישט פאר קהל!—צווייטענס זיינען היינט די בעלי מלאכות, נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין, פערשייט“ 1) — ווארום אזוי באלד ווי דאָס קולטור לעבען פון דער פּערזאָן בעקומט א פּגם, איז ניט מיט אלעמען ביי דער תורה ועבודה, הערט אויף די גלייכ־ווערטינקייט. און דאָס מוז זיין ביים פּועל, ניט ווי ביים צופעלי־גען סוחר וואָס „לערנט ווייטער און האנדעלט אויך! יש מקום בראש... מיט איין זייט זופט ער ש״ס ופוסקים, מיט דער צווייטער מאכט ער קאָנדיצעס 2).

## 5.

און כדי נאָך מעהר צו בעפרייען דעם יודען פון דאגות עולם הזה, גיט איבער דאָס אלטע יודענטום זעהר אָפט די גאנצע פרנסה און האנ־דעל אנגעלעגענהייט דער פרוי. און צווישען מאן און ווייב שטעלט זיך אן ארבייט־פערטיילונג. דאָס ווייב פערזאָרגט מיט עולם הזה, לויפט אין מארק, האלט די שפייז קרעמעל—דער מאן טוט פאר דער נשמה—זיצט אין בית המדרש און לערנט. „אין ראדזוויל וואוינט א יוד א למדן, וואָס זיצט יומם ולילה און לערנט. ער זיצט און לערנט און די ווייב זיצט אין קלייט.“ 3) און אלס פרנסה געבערין האָט די פרוי געהאַט א געוויסע מאכט, און האָט פיעל מעהר זעלבסטשטענדיגקייט ווי די פרויען ביי אנדערע פעלקער: דער מאן און דער זוהן רופען זיך אָפט אויף איהר נאָמען (מענדעל בריינעס, חיים שרה רבקה׳ס, בערל חאנטשעס). אָבער אזוי ווי דער מסחר איז דאָך א ניעדריגערער ענין, בלייבט פאַרט דער מיטעלפּונקט פון דער פאמיליע דער מאן, וואָס דיענט דעם רבש״ע, און וואָס איז דער איינציגער טרעגער פון קולטור. גלייכער ווערט אבער שוין דאָס פערהעלטניס דאָרטען וואו אויך דער מאן פערדיענט אויף פרנסה, דאָרטען קוקט ער אויף איהר כמעט ווי אויף זיין גלייכען, ווי אויף א חבר, ריכטיגער ווי אויף א שותף: „מיין ערשטע ווייב האָט נאָך דער־

1) סאטירען און הומאָרעסקען: „די פערשאָלטענע ברונען“. — 2) מעשה׳לעך: „א חלום“. 35. 3) „א גלגול פון א נגון“.

מאָלט געלעבט, און עס איז איהר נישט שלעכט געגאנגען. איך האָב פערהדיענט פון שדכנות וואָס עס איז, און זי האָט אונז מפרוס געוועזען פון טשעל". 1) „אמאָל קריגט חיים ביי זיין ווייב שרה'ן עטליכע גיל־דען. היינט ווי! נאָך נעכטען האָט זי איהם געזאָגט אז איהר אליין וועט פעהלען סחורה איינצוקויפען 2) און מען נעמט א פרוי ווי א שותף, ווי א קאָמפּאניאָן אין געשעפט: „מיין ווייב איז נפטר געוואָרען... די שטעל איז געגאנגען לאבוד... א מאנספערשוין... איך בלייב אין מיטען דרינען אָהן א שטיקעל ברויט.. האָב איך חתונה געהאַט... איך האָב א מישנע גענומען אן עלטערע יודענע! ווארום באמת געמיינט האָב איך— א יודענע צו דער שטעל". 3) און מיט דער עקאָנאָמישער זעלבסשטענדיג־קייט וואָס ווערט געגעבען דער פרוי קויפט זיך דער מאן זיין גייסטיגע אונאָבהענגיגקייט, ווארום די עקאָנאָמישע טעטיגקייט ווערט דאָך אנ־ערקענט אלס עפּיס ניט וויכטיגעס, וואָס האָט ניט קיין שום ממשות, דאָס איינציגע וואָס האָט א ווערט, און וואָס עס בעדייטעט דאָס אמת'ע לעבען, איז דאָך עבודת הבורא, און דאָס געהערט אין גאנצען צום מאן. און דעריבער בלייבט דער איינציגער וועג פאר דער פרוי, אנטייל צו נע־מען אין אמת'ן לעבען, צו דיענען דער אמת'ער קולטור די פּולע אי־בערגעבענהייט דעם מאן, דאָס פּאָלשטענדיגע צונויפגיסען פון איהר פער־זענליכקייט מיט זיינער.

און אין דער פולער איבערגעבענהייט פון דער יודישע פרוי צו איהר מאן, אלס דעם איינציגען פערמיטלער צווישען איהר און דער רעליגיעזער הייליגקייט האָבען זיך קאָנצענטרירט איהרע בעסטע געפיהלען. און די פיגור פון דער יודישער הענדלערקע און דעם אייביג שמוציגען פערשמאָלצענעם פארטוך מיט דעם פייער־טאָפּ אין די הענד, וואָס האָ־בעוועט און שמאַיעט כסדר, און וואָס איהר שטימע איז שוין הייזעריג פון רופען „האנדעל", וואָס איז שטענדיג געוועזען נאָר א לעבערליכע פיגור אין דער רוסיש־יודישער און פויליש־יודישער ליטעראטור, בעקומט ביי פרץ'ן א גאָר זונדערבארע בעלויכטונג, עס ווערט אנטפּלעקט איהר פערזענליכקייט אין איהר גאנצער טיעפקייט און אינטימיטעט. עס בע־וויזט זיך פאר אונז א קוואַל פון ווייכע, אונענדליך־צערטליכע געפיהלען, אן אוצר פון זעלישער ווייכקייט און ווארעמקייט; עס עפענט זיך א בעהאַלטענע וועלט פון שטארקע גרויסע געפיהלען, א וועלט פון מסירת נפש'דיגער איבערגעבענקייט. ווי דער עמוד הענן שטעהט די יודישע פרוי צווישען דעם מאן און דער אויסערער קליינליכער שטויביגער וועלט איהם צו בעשיצען פון די קליינליכע דאגות פון עולם הזה, און אלעס אין זיך אויפצונעמען, עס זאָל צו איה סגאָרנישט צוקומען 4) און

1, 2, 3 און 4) „מענדיל ברײנע'ס". 55.

הגם די פרוי נעמט אויף זיך אַלע דאגות הפרנסה, הערט זי דאָך נישט אויף צו פיהלען ווי קליין זי איז, ווי וועניג עס בעדייטעט איהר טון געגענאיבער דעם מאַנ׳ס 1), און ווי אַזוי דאָס אמת׳ע לעבען פון דער פרוי הענגט אין גאַנצען אָב פון די עבודה פון מאַן, איז פערשטענדליך דער פחד וואָס זי האָט פאַר׳ן שוסטער און שניידער. — זי איז גרייט צו נעמען אויף זיך דאָס שווערסטע און דאָס גרעסטע אבי דער מאַן זאָל ניט זיין צוגעבונדען צו דער ערד, אבי זי זאָל אין זיין זכות קענען דערלייזט ווערען, און אויך זי לויפט דעריבער פון דער מלאכה וואָס קלעפּט אן דער ערד צו די לופטיגע פּרנסות פון מאַרק.

דער האַנדעל האָט ניט נאָר ניט איבערגעלאָזען קיין שום קולטורעלע שפור נאָך זיך, פערקעהרט, ער האָט דאָס יודענטום תמיד אָבגעהיט אז קיין פרעמדע קולטור זאָל אין איהם ניט אריינדרינגען, ווארום די בעציהונגען, אין וועלכע דער סוחר געהט אריין מיט דעם ארומיגען פאָלק זיינען נור אויבערפלעכליכע, און פארבייגעהענדיגע, פון דער פרעמדער קולטור בלייבט ער אבסאָלוט אונבעריהרט, און קיין בעציהונג צו דעם פרעמדען פאָלק אלס קולטורעלער איינהייט האָט ער ניט. די ארומיגע בעפעלקערונג זיינען פאר איהם איינצעלנע פערזענליכקייטען. „דער וואָיט מיט׳ן שרייבער, פאראל וואָס בינדט די בעזעמליך, דער הרובע־הייצער און דער ערוב־שומר, און דעם ובכן תן פחדך... זאָגט ער אָהן כונה, ער פארשטעהט איהם נישט״. 2) זיין סחורה פארקויפט ער גלאָט אין דער וועלט, איהם אַרט נישט ווער עס בעקומט זי, צו וואָס ער דאַרף זי. „ער האַנדעלט מיט אייער, ער קויפט זיי אין די דערפער און שטעלט זיי אָב קיין לובלין... פון דאָרט געהען זיי קיין לאָנדאָן... מען זאָגט, אז דאָרט לייגט מען זיי אין קאַלך־אויוועז אריין און עס קומט פון זיי ארויס היהנער... עס מוז זיין א ליגען... די ענגלענדער מוזען גאַנץ איינפאָך ליעב האָבען אייער! נור סיי ווי סיי...״ 3) נישט זיין עסק די גאַנצע מעשה.

גאָר אנדערש איז אָבער דער בעל־מלאכה. ער לייגט אריין אין דער ארבייט א שטיק פערזענליכקייט, און ער קלערט שוין יא ווען און וועמען אָנקומען זיין האַרעוואַניע, ער פיהלט יא עפּעס א שטיקעל שייכות צו דעם צוקינפטיגען אייגענטימער פון זיין ווערק. „דער שטריימעל מאכער דענקט וועגען דער סערמיעגע אין וועלכע עס וועט דעם פויער ווארים זיין, קלערט איבער וועגען זיין פוטערעל ווער עס טראָגט עס און טענה׳ט:

---

*) סאַטירען און הומאָרעסקען: „דעם רבין׳ס ציבוק״. 25—26.

2) „נעילה״. 115. — 3) „אין׳ם פּאָסטוואָגען״. 36.

*) „נעילה״. 115.

'וואָס קלערט איהר? איך קאָן א סך נחת האָבען, אז מיין סערמיענע, מיין פראַצע ווערט א גאַנצען ווינטער אויסגעווייקטנ, נאָכקריכענדיג א פּאָר פגירה'שע פערד, וואָס שלעפּען לייבעל מילנער'ס תבואה פאר 13 גראָשען פער זאַק, פאר 5 מייל וועג' ". 1)

אָבער דער האנדעל היט אָב דעם יודען ניט נור פון דער ווירקונג פון די ארומיגע מענשען, נאָר אויך פון דער צוציהונגס קראַפט פון דער ערד אויף וועלכער ער וואָהנט. זי, די דאָזיגע לופט־פּרנסה, בינדט נישט צו דעם מענשען צום באָדען, און דער יוד דער סוחר קען לעבען אין א פרעמדע לאַנד ניט בעמערקענדיג זי אפילו, בלייבענדיג א מענש פון אַן אנדער אַלטער קולטור־וועלט. דער בעל־מלאכה אָבער, פערקעהרט, בע־שאַפט ארום זיך אַן אַטמאָספערע פון שווערע התחלות, וואָס מען קען עס ניט גלאַט אזוי אוועקוואַרפען און אויסבייטען ווען עס פערוווילט זיך. ניט ווילענדיג לאָזט ער וואָרצלען אין דער ערד און קען זיי נישט אזוי לייכט ארויסציהען. און דער עמיגראַנט בעל־מלאכה וואָס פערלאָזט זיין היים און געהט זוכען גליקען אין פרעמדע לענדער, פערבענקט זיך אהיים, ווייל „אזוי ווי ער מאַכט צו איין אויג, חלומ'ט זיך איהם דאָס שטעדטעל, דער טייך ארום דעם וואַלד... עס ווערט דאָרט (אין נייעם מקום) איהם ענג און עס ציעהט און ציעהט איהם". 2) דער סוחרישער יוד אָבער האָט נור מורא פאר די נייע מנהגים: קיין רבי נישטאָ, מען ווייסט נישט וואו יודען וואוינען דאָרט. נישט וועגען דעם איבערגעלאָ־זענעם טראַכט ער, נור וועגען אויפבויען זיין אַלטע לעבענסאַרט. „און וועל מיר נאָך אָנזאַמלען — שרייבט שמואל משה פון אַמעריקא — צו קויפען ש"ס; משניות'לעך האָב איך מיטגענומען. עס איז דאָ ביי מיר געבליבען, איך זאָל יעדע וואָך לערנען, לכל־הפחות, צעהן בלאַט גמרא." 3) און נאָר זיין אויסערע וועלט בייט ער, די וואָס האָט אין זיין לעבען קיינ־מאָל קיין ראָלע נישט געשפּיעלט, די אמת'ע אָבער, די אינערע וועלט. די טראָגט ער שטענדיג אין זיך, און וואו ער קומט לעבט ער נאָר אין איהר.

און די פעראַכטונג צו דער מלאכה, וואָס האָט יעדען יודען ביי וואָ־סערען ניט איז פערדאַכט געלאָזען אויסרופען: „איך בין ניט קיין שוס־טער און ניט קיין שניידער מען זאָל מיר אין דעם חושד זיין", איז ניט בע־גרינדעט אין דער שנאה צו פיזישער ארבייט, ווייל דער יוד האָט פער־געסען דעם נוצען פון ארבייט, ווי א סך האָבען ביז אהער געמיינט. עס

1) „דאָס שטריימעל". 47.
2) רייזע בילדער. 28.
3) „האשה מרת חנה". 316.

זיינען פאראן טיעפערע געזעלשאפטליכע טעמים דערפאר. די פולע יו־דישע קולטור־וועלט, וואס איז געווען געבויט נאר אויף עבר'דיגע יסודות, זכרונות און טראדיציעס, אהן א רעאלען יסוד אין דער געגענווארט, האט געקענט בלייבען גאנץ און אונבעריהרט נאר דאן ווען דאס געגענוועדטיגע לעבען, דאס פאקטישע, עקאנאמישע זאל אויף זיין פערזענליכקייט קיין שום איינפלוס ניט האבען. און נאר דער האנדעל האט דעם יודען'ס וועלט אזוי ווענינ בעריהרט, אז ער האט געקענט, זייענדיג א סוחר, דאך בלב ונפש בלייבען אין בית־מדרש, אוועקגעבען איהם אלע כחות, פערבינדען מיט איהם די פאמיליע, און זיין מיט איהם אזוי פעסט געבונדען אז קיין בעריהרונגען מיט אנדערע פעלקער זאל עס קענען אבשוואכען, און קיין שנוי מקום זאל דערויף קיין איינפלוס ניט האבען.

דער ארטיקעל איז ארויסגענומען פון זשורנאל „יעווריייסקי מיר“ פאר 1909 און איז בעארבייט געווארען.

## הערמאן גאלד:

# פרץ בלעטלעך

### 1.

בין געווען אין ווארשא פינף יאהר און ניט געזעהן פרץ.

א אידיש קינד, אקארשט פון בית מדרש ארויס, ערשט צוויי יאהר אז עס לעגט תפילין, און שוין פיהלט זיך די שווערקייט דערפון. אלע ספרים אויסגעלערענט און דער בית מדרש איז שוין צו קליין געווארען פאר די גרויסע אידישע נשמה; די אלטע ספרים זענען וועניג שוין און ער קומט אין ווארשא, די נייע ספרים זוכען, און די גרויסע אידישע וועלט פאר זיינע אויגען לעגען.

זענען לאנג די גאסען אין גרויסע שטעדט. און די מענשען לאנג־וויילינ. דאס אידיש קינד געהט און געהט, און וואונדערט זיך: ווי לאנג עס זענען די גאסען אין דער שטאדט!

שענע ביכער זענען דא פאראנען הויפענס, ווי אין בית מדרש די שמות, וואס קלייבען זיך אן א יאהר גאנץ. און אין די ביכער זענען דא פארטרעטען פון די שרייבער, און דאס אידיש קינד שלינגט די נייע ספרים, בערנער, בערגנער, און אלע מאל שטעלט ער זיך אב און בעקוקט די פארטרעטען. קומט איהם דער חומש אויפ'ן זינען ארויף, וואו משה

רבנו און אהרן הכהן בעציהרען אזוי דעם אַלטען ספר דאָרט; קומט איהם אויפ'ן זינען אהרן הכהן מיט'ן עגל וואָס ער האָט געמאַכט פון גאָלד און געוויזען די אידען: דאָס זענען דיינע געטער, ישראל!

דאָס זענען דיינע געטער! דאָס זענען דיינע געטער! — אנדערש האָט זיך דאָס אידיש קינד געוואָלט פאַרשטעלען זיינע נייע געטער. און ער קוקט זיך איין אין די פאָרטרעטען און אלע מאָל וואונדערט ער זיך: דאָס זענען זיי?

ווער איז עס דער פריץ מיט די ווינטערדיגע קאראקול היטעל אויף זיין הויכען קאָפּ, געהט אָנגעטון א פוטערעל און קוקט אזוי שטאָלץ פון דעם בוך ארונטער?

צו די חסידישע קינדער וואָס זענען אוועק פון דער היים און גע־בלאָנזשעט אין די לאַנגע גאַסען לאַנג און מיד, און א מאָל בענקט זיך זיי צו דער אַלטער היים וואָס איז אזוי ווייט—קומט צוגעהן דער הוי־כער פריץ און ברענגט זיי די אַלטע היים אין די לאַנגע ברייטע וועגען אריין. פרייטאג צונאכט, ווען זיי עסען פוטער־ברויט מיט קאפע, ווייזט ער זיי די מלכה שבת, מיט די ווייסע חלות, מיט די ווייסע ליכט אויפ'ן ווייסען טיש. שטיל הערען זיי זיך איין צום פלאַטערען פון די שבת־ליכטער, ביז די פייערען לעשען זיך, לעשען זיך, עס ווערט פינסטער, און זיי הויבען אויף די אויגען און פרעגען:

— ווער איז ער, דער פריץ? — וואָס נעמט דאָס גרויסע, דאָס ווייטע און דאָס שענע אידישע הויז און שפּיעלט זיך מיט אזוי פיעל חכמה און מיט אזא גרויסשטאָדטישען גלאַנץ דערמיט?

און זונטאָג אין דער פריה, ווען עס קלינגען די שווערע גלאָקען אין די קלויסטערס און מענשען קלייבען זיך פון אלע וועגען צו גאָט, טראַכ־טען דאָך אנדערע פון יענע שענע מעשה'לעך, וואו עס גלאַנצט אזוי שען יענע פּאָעזיע פון יענע אַלטע אידישע רעליגיאָן.

און דאָס אידיש קינד געהט אין די גאַסען פון דער גרויסער שטאָדט און וואונדערט זיך: ווי לאַנג עס זענען די גאַסען און ווי לאַנגווייליג די מענשען אין וואַרשאָ!

2.

נאָכדעם ווי ער האָט געזעטיגט זיין הונגער מיט די נייע ספרים אין די גאַנצע הויפּענס האָט ער ערשט גענומען פיהלען א הונגער. אויף וואָס האָט ער יענע אַלטע ספרים אויסגעביטען?

איז ער עס אוועק פון חדר און געקומען אהער אין דער גרויסער שטאָדט צוריק אין חדר צו געהן? — בילדונג! — בילדונג! — ער איז

ניט געקומען לערנען, ער איז געקומען זעהן! זיינע אויגען זענען אפען, און וואו איז די וועלט? די גרויסע וועלט? די נייע אידישע וועלט!? ער וויל לעבען. און וואו איז דאס נייע אידישע לעבען?

וואו זענען זיי, די גרויסע לעהרער אין דער גרויסער שטאדט ווארשא? וואס האבען זיי זיך פערקליבען דארט אין א ווינקעלע און איהם געלאזען אין מיטען די גאסען? ער איז געקומען אין דער גרויסער שטאדט און ער וויל זיי אין דער גרויסער שטאדט זעהן!

ער וויל געהן צו זיי און פרעגען:

— צו רופט איהר לעבען, נאר דאס זיצען אין די סאלקעלעך, איבער א גלעזעל טיי אדער ביי דעם רויך פון סיגאר און שרייען און אריבערשרייען איינער דעם צווייטען, און טראכטען און אריבערטראכטען אלע וועלטען אין אלע דורות, און לערנען און אויסלערנען אלע זיבען חכמות? — און יענעם ארויסגעהן אין די גאסען און זעהן איבער וועלדער, איבער פעלדער ווייט, און איבער די אלע הימלען טיעף, דארט ארויף און דארט אראב, די גאנצע וועלט מיט איהר רוף וואס הילכט אזוי פריש און אזוי ניי יעדע מינוט און יעדע ווייל, און דער רוף רופט צו דיר און דו הערסט ווי עס רופט דיין נאמען—וואס איז דאס?

און די גרויסע פערלאנגען, וואס שטראמען פון די גרויסע אויגען ארויס, יעדער פערלאנג גרעסער פאר'ן צווייטען, און די אויגען ווערען נאך גרעסער, און פערלאנגען ווערען גרעסער — וואס רופט איהר דאס?

און דאס שטילע געזאנג פון א אידיש קינד אין דעם גארטען פון דער גרויסער שטאדט, און דאס שטילע געזאנג פון דריי הונדערט און צעהן וועלטען, וואס הויבט זיך אויף אלץ העכער און העכער, און דאס אידיש קינד זעהט אז ער איז אליין, אז ער איז דא פרעמד און אזוי קליין — וואס איז דאס?

* * *

זיי שרייבען איבער גוטע אידען און שלעכטע אידען, איבער גוטע מענשען און שלעכטע מענשען, איבער מלאכים און איבער גאט — און ווענען דאס אידיש קינד וואס זוכט און בלאנזשעט אין דער גרויסער שטאדט האבען זיי גאר פערגעסען.

.3

שרייבער! דאס אידיש קינד שטעהט און גאפט פון אייער ווארט אבער ער וועט ניט געהן מיט אייך.

איהר זענט זיין רבי ניט.

אייער וואָרט איז אַ טויטער בוכשטאַב און ניט מעהר, אייער זאָג איז אַ שטיק בוך און ניט מעהר, צום לאַנגווייילען זיך.

אייער וועלט וואו איהר לעבט און ווירקט איז די וועלט פון שאַ־טענס; זיין וועלט איז די וועלט פון טאָג און נאכט, פון ווינטען און רע־גען, פון דונערען און בליצען.

ער ווייסט אַז איהר האָט ליעב די זון מיט די בלומען, און ער הערט ווי איהר זינגט איבער זיי, ער ווייסט אבער ניט ווי איהר בענגענט, און צו איהר ווילט בענגענען דעם רעגען מיט'ן שטורם, די בלאָטעס מיט די בליצען; צו איהר האָט אַזוי ליעב ווי ער צו זעהן דעם דונער צו־וואַקסען זיך אין זיין גאַנצער גרויס און דערנאָך ווערט צוברעקעלט אין שטיקעלעך פאַר דעם גרויסען געהולד פון דער וועלט—זיין וועלט!

עס ווייסט וואויל דאָס אידיש קינד אַז קיינער קען ניט זעהן זיין וועלט ווי ער זעהט איהר. זי איז גרויס, זי איז רייך, זי איז שען, אבער אָהן איהם איז זי דאָך גאָר ניט, און דער גאַנצער טומעל, דער גאַנצער שטורם און דער מעכטיגער רוף פון איין וועלט־עק צום צווייטען וואָס הילכט פון מאָרגען ביז נאכט—דאָס איז דאָך ער, ער אליין!

.4

דער גרויסער פּרץ איז געשטאָרבען און אלע זענען אין טרויער.

און מענשען וואָס האָבען קיינמאָל זיינע ווערק געוואוסט און גע־לעזען, כאַפּען זיך איצט צו און שלינגען אין דער הייסער מינוט פון דעם וואָס ער האָט געשאַפען און שרייען אויך מיט אין קאָן: דער גרעסטער אידישער שרייבער איז געשטאָרבען!

צו האָבען זיי זיין ליבען געוואוסט?

צו האָבען זיי געלעבט, ווען ער האָט געלעבט? און וואו ער האָט געלעבט?

און זייערע ווענען פיהרען גאָר ניט אין זיין שטאָדט; און זייער'ע ווינטען בלאָזען גאָר ניט אין זיין זייט.

און ער איז גאָר ניט געווען זייערער אַ מענש, און ער איז געוויס ניט געווען זייער שרייבער.

און זייער שרייען און זיין טויט, איז געוויס קיין פּאָר ניט.

ר. אייזלאנד:

# וואס איז אונז געווען י. ל. פרץ?

דער אמת זאָל געזאָגט ווערען:

פרץ, דער גרויסער י. ל. פרץ, ארום וועמען עס האָבען זיך געוואַרעמט דער גרעסטער טייל אידישע שרייבער אין רוסלאנד, איז פאַר אונז, דעם יונגען דור אמעריקאניש־אידישע שרייבער, אָדער וויינינגסטענס פאַר א בעשטימטען טייל פון יונגען דור אמעריקאניש־אידישע שרייבער, ניט מעהר ווי א לעגענדע.

א שעהנע לעגענדע, א הערליכע לעגענדע אָבער דאָך ניט מעהר ווי א לעגענדע.

מיר האָבען פון איהם דירעקט גאָר ניט געלערנט. פונקט ווי מיר האָבען גאָר ניט געלערנט פון מענדעלע; פונקט ווי מיר האָבען גאָר ניט געלערנט פון שלום עליכם'ן.

מיר האָבען ניט קיין זיידען. מיר האָבען ניט קיין טאטען. אפילו קיין רבי'ן האָבען מיר ניט געהאט.

ווי ממזרים זענען מיר געקומען. ווי פון מיסט ארויסגעוואקסען.

ווער האָט זיך אויף אונז אומגעקוקט? ווער האָט געפּראָוווט אונז אויף די פיס צו שטעלען? קיינער ניט.

מען האָט געלאכט. געטייטעלט אויף אונז מיט די פינגער. און אפילו שטיינער האָט מען געוואָרפען אויף אונז.

ווי אויף וואגאבונדען האָט מען געקוקט אויף אונז.

און מיר?

אויף וויפיעל מיר האָבען געקענט, האָבען מיר זיך אויף די אייגענע פיס געשטעלט. און מיט די איינענע אויגען האָבען מיר אונז א וועג אויסגעזוכט.

און אויף אָט דעם וועג זיינען מיר געגאנגען איינזאמע — נאָר פרייע; אויסגעלאכט — אָבער דאָך שטאָלצע.

שטאָלצע ווי עס קענען נאָר זיין איינזאם־פרייע.

שטאָלצע אויף אונזער איינזאמקייט, שטאָלצע אויף אונזער אייגענעם כח. אָבער ניט אלע מאָהל זיכער אין אונזער איינזאמקייט; ניט אלע מאָהל זיכער אין אונזער כח.

און אין יענע מאָמענטען פון אונזיכערקייט, אין יענע מאָמענטען פון שמערצהאפטען צווייפלען, האָבען מיר געבענקט נאָך יענער הערליכער לעגענדע; נאָך יענער סביבה וואָס איז ארום דער פּערזענליכקייט פון י. ל. פרץ.

די פערזענליכקייט פון י. ל. פּרץ!

זיכער איינער פון די גרעסטעביים אידישען פאָלק. האָבען זיך דאָך צו זיין וואָרט צוגעהערט צעהנדליגע טויזענדער; האָט דאָך זיין נאָמען ארויסגערופען אזוי פיעל אויפריכטיגע ליעבע און עהרפורכט וואו ער איז נאָר דערמאָהנט געוואָרען. און מענשען וואָס האָבען געהאט די זכיה איהם צו האָבען געקענט שאַצען זיך דאָך פאַר גליקליכע.

און פאַר אונז? א לעגענדע!

ווי די לעגענדע פון דר. הערצל; די לעגענדע פון בעש"ט; ווי די לעגענדע פון אליהו הנביא.

א קולטור לעגענדע!

דאָס לעבען, אונזער לעבען איז מיט איהם ניט פערקניפּט. ווייל אונזער לעבען איז דאָס לעבען פון איינזאמע, וואָס קענען ניט קיין טאטען, וואָס קענען ניט קיין מאמען.

א לעבען אָהן טראַדיציע.

באָדענלאָזע, ניט פרוכטבארע, — זאָגען אנדערע.

קען זיין.

זיינען מיר אָבער דער אויסדרוק פון'ם גאנצען היגען אידענטהום, וואָס איז פונקט אזוי באָדענלאָז און פונקט אזוי אָהן טראַדיציע.

ווערט אָפטמאָהל פוסט אין דער נשמה. ווייל אָהן טראַדיציע פעהלט אינהאלט אין לעבען.

פערבענקט מען זיך נאָך דעם געוועזענעם; פערבענקט מען זיך נאָך דעם אמאָהל. און דער שעהנסטער אויסדרוק פון'ם אמאָהל — איז י. ל. פּרץ.

וואָס האָט  א ו נ ז  געגעבען י. ל. פּרץ?

דירעקט כמעט ווי גאָר ניט. מיר האָבען זיכער מעהר געלערנט ביי זיינע תלמידים שלום אש און אברהם רייזין.

נאָר דאָס וואָס מיר האָבען ביי זיי געלערנט, האָבען מיר שוין לאנג פערגעסען. און י. ל. פּרץ וועלען מיר אייביג געדענקען.

ניט ווי א טאטען און ניט ווי א רבי'ן, נאָר ווי א לעגענדע, וואָס האָט געשיינט אין ווייטען האָריזאָנט, און נאָך וועלכער מיר האָבען גע־קענט בענקען ווען מיר האָבען זיך געפיהלט שוואך אין אונזער איינ־זאמקייט.

איינזאמע זיינען מיר געווען און איינזאמע וועלען מיר מסתמא נאָך פערבלייבען א לאנגע, לאנגע צייט.

און ביז עס וועט קומען די שעה פון דער אייגענער ערלעזונג, וועט אונז אלע מאָהל פעהלען דער שיין פון יענער הערליכער לעגענדע — י. ל. פּרץ.

ב. באראכאָוו

# די פּרץ-בּיבּליאָגראַפיע

זאָל דער נאָמען „פּ ר צ ׳ י א נ א“ פונ׳ם היינטיגען טאָג והלאה באַצייכענען יענעם נייעם צווייג פון ביבליאָגראַפיע, וואָס וועט זיך אָפּגעבען מיט דעם לעבען און מיט די ווערק פון דעם פערשטאָרבענעם פאָטער פון אידישער ליטעראַטור. און זאָל אַט אָ די קליינע ארבייט אונזערע זיין דער ערשטער, באַשיידענער כבוד, וואָס די ביבליאָגראַפישע וויסענשאַפט גיט אָפּ פון איהר זייט דעם פאַרגאַנגענעם שטערן פון אידישען שאַפען. אינ׳ם געוואַלטיגען אוצר פון פאַרשיידענ־שפּראַכיגע אידישע ספרים און פעריאָדישע אויסגאַבען ווערט איצט צום ערשטען מאָל אַריינגעשטעלט אַ נייער שראַנק מיט דער אויפשריפט: „פּרצ׳יאַנא“; דאָרט וועט בעהאַלטען און אָפּגעהיט ווערען פאַר די אונצעהליגע קומענדיגע דורות אַלצדינג, וואָס יצחק ליבוש פּרץ האָט געבוירען פון זיין גייסט, און אַלצדינג, וואָס האָט אַ שייכות צו זיינע ווערק און צו זיין פּערזענליכקייט. ס׳שטעהען שוין פאַרטיג און אָפען אַנדערע עהנליכע שראַנקען אין דער אידישער ביבליאָטעק: די „מימוני׳אַנא„, די „ספּינאָזיאַנא“, די „מענדעלסאָניאַנא“, די „שטיינשניידעריאַנא“, די „הרכבי׳אַנא“. גאַנצע דורות ביבליאָגראַפען האָבען מיט ליעבע און מעטאָדישע אַרבייטסלוסט אַריינגעגעבען אַהין אַלץ מעהר און מעהר אוצרות. אין איין שורה מיט די דאָזיגע שאַפעס וועלען אויך די שיפלאָדען פון דער „פּרצ׳יאַנא“ פאַרנעהמען אַ בכבוד׳יגען פּלאַץ אין דעם מוזיי פון אידישער קולטור און אידישען שאַפונגס־גייסט.

דער אידעאַל פון ביבליאָגראַפיע איז פאָלשטענדיגקייט, פּינקטליכקייט און סיסטעם. די פאָרליעגענדע אַרבייט איז ווייט פון אידעאַל אין אַלע דריי הינזיכטען, בפרט אָבער איז זי ווייט־ווייט ניט פאָלשטענדיג. מיר ווילען זיך אָבער ניט פאַרענטפערן דערמיט, וואָס אונזער אַרבייט איז „דער ערשטער פּרוב“ פון איה־ר מין. אַן ערשטער פּרוב איז ניט קיין תירוץ פאַר חסרונות. מיר ווילען זיך דאָך אָבער ענטשולדיגען דערמיט, וואָס מיר זיינען געצוואונגען געווען צו מאַכען די דאָזיגע קאָמפּליצירטע אַרבייט אין דער גרעסטער איילעניש. מחמת דער איילעניש האָבען מיר זיך געמוזט אָפּזאָגען פון יענער מאַסע אַרטיקלען, נאָוועלען און געדיכטען, וואָס איז פאַנאַנדערגעוואָרפען אין פאַרשיידענע טאָג־צייטונגען. באַזונדערס אונפאָלשטענדיג זיינען ביי אונז אויסגעקומען די אָפּטיילונגען: „פּרצ׳עס ווערק, געדרוקט אין פרעמדע אויסגאַבען“, „איינצעלנע

זייטען פון פרצ׳עס דיכטערישער שאפונג״ און „איבערזעצונגען פון פרצ׳ען אין אנדערע שפראכען״.

מיר האפען, אז מיט דער צייט וועט די ביבליאגראפישע פארשונג ממלא זיין אונזערע חסרונות.

מיר האבען בכיון ניט אריינגענומען קיין שום נעקראלאגען, און זיך באשרענקט בלויז דערמיט, וואס איז גע־דרוקט געווארען ביי פרצ׳עס לעבען.

אונזער ביבליאגראפיע איז צעטיילט אין די פאלגענדיגע קאפיטלען:

1. יצחק־לייבוש פרצ׳עס אייגענע שריפטען: סיי די, וואס האבען זיך געדרוקט באזונדער, אלס בראשורען און ביכער (נג׳ 1—21), סיי די, וואס פרץ פלעגט דרוקען אין זיינע אייגענע אדער אין פרעמדע זאמעלביכער און זשורנאלען (נג׳ 22—47).

2. דאס וואס אנדערע האבען געשריבען וועגען פרצ׳ן, אלס קינסטלער, סיי אין אידיש און העברעאיש (נג׳ 48—94), סיי אין פרעמדע שפראכען (קאפ. 4, נג׳ 122—145).

3. פארשיידענע מאטעריאלען צו פרצ׳עס ביאגראפיע און פערזענליכער כאראקטעריסטיק (נג׳ 95—121 און 146—148). דער־פון האבען מיר באזונדערס אויסגעטיילט יענע מאטעריאלען, וואס כא־ראקטעריזירען פרץ׳עס בעציהונגען צו דער אידישער שפראך (נג׳ 112—121).

4. איבערזעצונגען פון פרצ׳ען אין אנדערע שפראכען (נג׳ 149—180).

מחמת ריין־טעכנישע שוועריגקייטען פון זאץ האבען מיר געמוזט פון די אפטיילונגען 2 און 3 אויסטיילען באזונדער דאס, וואס איז גע־שריבען געווארען וועגען פרצ׳ען אין אנדערע שפראכען, חוץ אידיש און העברעאיש.

צום סוף האבען מיר צוגעגעבען אן אלפאבעטישען אינדעקס פון די מחברים און וויכטיגסטע איבערזעצער.

ביי דער איילעניש, וואס מיר האבען געהאט אין זאמלען און סיסטע־מאטיזירען דעם מאטעריאל, וואלטען די חסרונות געוועזען נאך א סך גרע־סער, ווען ניט די דעליקאטע פריינדליכקייט פון מר. א. ס. פריי־דוס, דעם פערוואלטער פון דער אידישער אפטיילונג אין דער ניו־יארק פאבליק לייברערי, וועלכער האט אונז געשטיצט מיט זיין גרויסער ביבליאגראפישער ערפאהרונג. מיר דאנקען איהם דערפאר פון טיעפען הארצען.

א שטערנדל ביי א נומער באדייט, אז מיר האבען די געגע־בענע שריפט ניט געזעהען. צווישען די 180 נומערן פון אונזער זאמ־

לונג געפינען זיך בלויז זעקס אזוינע, וואָס מיר האָבען ניט געקענט גע־פינען, ניט קוקענדיג אויף אַלע באַמיהונגען. דאָס זיינען די נג׳ 5, 6, 26, 81, 82 און 118, וואָס זיינען שוין איצט געוואָרען אַ יקר המציאות אפילו פאר ביבליאָגראפען־ספּעציאַליסטען.

אַ פראגע־צייכען ביי אַ נומער באַדייט, אַז, ניט האָ־בענדיג די געגעבענע שריפט אונטער׳ן האנט, ציטירען מיר זי אויס׳ן זכרון און קאָנען דעריבער ניט איינגאַנצען ערב זיין פאר דער ריכטיג־קייט אָדער פּינקטליכקייט.

אַ דאָפּעלפּונקט (:) טיילט אָפּ דעם נאָמען פון אַן אַר־טיקעל און דעם נאָמען פונ׳ם זשורנאַל אָדער זאַמלונג, וואו דער אַרטיקעל איז געדרוקט.

זאָל די ביבליאָגראפיע פון פּרצ׳יאַנאַ צונוץ קומען אַלע ביבליאָטע־קאַרען, ליטעראטור־היסטאָריקער, ביאָגראפען און ליטעראטור־קריטיקער, ווי אויך אַלע לעזער, וואָס ווילען זיך אָפּגעבען מיט אַן ערנסטען שטודיום פון יצחק־לייבוש פּרצ׳עס ווערק און פּערזענליכקייט.

---

## 1.—יצחק־לייבוש פּרצ׳עס שריפטען.

### א. באַזונדערע אויסגאַבען.

### א.—אין העברעאיש.

1. ספּורים בשיר ושירים שונים, מאת שני בעלי אספות, ווארשא תרל״ז, 1877, 158 עמ׳ 16°.

דאָס ביכעל איז דערשינען אַנאָנים. זיינע מחברים זיינען געווען י. ל. פּרץ און זיין שווער גבריאל יהודה ליכטענפעלד. ביידע האָבען געשריבען די לידער בשותפות און ס׳איז איצט ניט גרינג אויסצוטיילען, וואָס אין די לידער געהערט פּרצ׳ען און וואָס — זיין שווער. דער לי־טעראַרישער ווערט פון די לידער און פּאָעמען איז זעהר מיטעלמעסיג. אַ רעצענזיע אויף דעם ביכעל ז׳ אונטען, נ׳ 80.

2. י. ל. פּרץ, העגב, שירי אהבה, ווארשא, תרנ״ד, 1894, 32 עמ׳ 16° (עם תמונת המחבר).

די דאָזיגע קליינע זאַמלונג פון ליבשאַפט־לידער האָט געמאַכט (מיט 20 יאָר צוריק) אַ גרויסען רושם און אַרויסגערופען אַן אמת׳ען ענטוזיאַזם ביי אַ סך ליבהאָבער פון דער העברעאישער ליטעראַטור. פּרצ׳עס פרייער עראָטישער טאָן איז געווען אַ נייע דערשיינונג, אַן אָנהויב פון אַ נייער פרייערער עפּאָכע. פרישמאַנ׳ס און קלויזנער׳ס רעצענזיעס אויף דעם ביכעל ז׳ אונטען נג׳ 83 און 87.

3. י. ל. פרץ, כתבים, תמונות, ציורים, ספורים ושירים ישנים גם חדשים, עם תמונת המחבר והקדמה מאת י. קלוזנר. ווארשא, (תושיה,) ארבעה כרכים, 1899—1901.

דאָס איז אַ יובילעאום־אויסגאַבע. ז׳ אונטען נ׳ 17.

4. י. ל. פרץ, די אַכטע אבטיילונג אין גיהנום און אנדערע ער־צעהלונגען, אוים דעם העברעאישען איבערזעצט פון א. פרומקין, לאָנדאָן (ל. פרידמאַן), 1907. צווייטע אויפלאַגע 1908.

דאָס איז אַן איבערזעצונג פון פרצ׳עס „המדור השמיני שבגיהנום" און אַנדערע, וואָס פרץ אַליין האָט ניט איבערגעזעצט אין אידיש. צו דער איבערזעצונג איז צוגעגעבען אַ קורצע הקדמה פון איבערזעצער.

ב.—אין אידיש.

*5. י. ל. פרץ, ווי אויסצוהיטען זיך פון כאָלערא? 1891.

אויף דער וועניג באַקאַנטער פרצ׳עס ארבייט האָט מיך אויפמערקזאַם געמאַכט ה׳ הערמאַן גאָלד (מיטארבייטער פון „ליטעראַטור און לעבען"). דאָס זאָל זיין אַ פּאָפּולערע היגיענישע בראָשורע פאַר די מאַסען, פרץ זאָל דאָס האָבען געשריבען בעת דער גרויסער עפּידעמיע פון כאָלערא אין רוסלאַנד.

*6 י. ל. פרץ, פּאָעזיע, ווארשא, 1892.

7. י. ל. פרץ, קליינע ערצעהלונגען. צוויי בילדער. ווילנא, 1894.

8. י. ל. פרץ, בעקאַנטע בילדער. פערפרוירען געוואָרען! ווארשא, 1894.

9. י. ל. פרץ, 1) די פערשטויסענע, 2) מענדיל בריינעס, 3) די פרומע קאַץ. מינסק (פערלאַג „קולטור"), תרס"ו.

10. י. ל. פרץ, צווישען צוויי בערג, מינסק (פערלאַג „קולטור").

11. י. ל. פרץ, 1) באָנציע שוויינ, 2) פיער דורות — פיער צוואות. מינסק (פערלאַג „קולטור"), 1906.

12. י. ל. פרץ, שאַמפּאַניער, דראַמא אין איין אַקט, ניו־יאָרק (ס. דרוקערמאַן) 1907.

דער איינאַקטער איז ניט אריין אין דער נייסטער אויסגאַב פון פרצ׳עס „אַלע ווערק" (ב. 3).

13. י. ל. פרץ, דראַמאַטישע ווערק, ווארשא („פּראָגרעס") 1907, 83 זייטען.

14. י. ל. פרץ׳עס מעשה׳לעך, א זאמלונג פון זיינע קליינע ער־צעהלונגען, ברוקלין (היברו פאַבלישינג קאָ.) (אָהן אַ דאַטע), 190 זייטען.

15. י. ל. פרץ, נייע מעשה׳לעך (קין און הבל. דער מלאך. פון אייביגען פריעדען אין ערגיץ־לאַנד). ווארשא (דרוק י. עדעלשטיין), תרע״א.

16. י. ל. פרץ, דער דין תורה מיט׳ן ווינד, ניו־יאָרק (ארויסג.

פון אידיש-נאציאנאלען ארבייטער-פערבאנד פון אמעריקא), (אהן א דאטע).

אין דער אויסגאב, וואס איז בעשטימט געווארען פאר קינדער, ווע-רען די שווערערע ווערטער פארטייטש אין פוסנאטען.

ג.—זאמלונגען פון אלע ווערק אין אידיש.

17. י. ל. פרץ, שריפטען. יובילעאום אויסגאבע,ווארשא (מ. י. האלטער און קאמפ.) 1901. 36, 130, 384, 166, 88, 52, 89 זייטען. מיט'ן בילד פונ'ם דיכטער.

די אויסגאב איז בעזארגט געווארען פון פרץ'עס פריינד צום פינף-און-צוואנציג-יאהריגען יובילעאום פון זיין ליטעראַרישער טעטיגקייט. כדי די דאזיגע ערשטע אידישע אויסגאבע מעגליך צו מאכען, האט זיך דער דיכטער אפגעזאגט פון אויטארען-האנאראר. ז' אויבען נ' 3.

18. י. ל. פרץ, שריפטען, אויסגאבע פון דער רעדאקציע „דער פריינד". ס.-פעטערסבורג 1903.

18. י. ל. פרץ, שריפטען, יובילעאום אויסגאבע, ווארשא („פראגרעס"), 1906.

20. י. ל. פרץ, שריפטען, יובילעאום אויסגאבע, ניו-יארק, (היברו פאבלישינג קאמפ.) (1907).

די אויסגאבען נג' 17—20 שטעלען מיט זיך פאר איין און דיעזעל-ביגע זאך, בלויז איבערגעדרוקט פון דער ערשטער יובילעאום אויסגאבע. צו אלע אויסגאבען איז צוגעגעבען דעם דיכטערס בילד. פאר וויסענ-שאפטליכע און ליטעראר-היסטארישע צוועקען זיינען די דאזיגע אויסגא-בען זעהר שלעכט. אין זיי איז אריין בלויז א טייל פון דעם, וואס פרץ האט געשריבען אין אידיש, און די ארויסגעבער האבען זיך אין ערגעץ ניט געגעבען קיין מיה צו באמערקען די נויטיגסטע ביבליאגראפישע דא-טען (וואו און ווען דאס אדער יענעס ווערק איז צוערשט דערשינען).

21. י. ל. פרץ, אלע ווערק. ווארשא („פראגרעס") און ניו-יארק („אינטערנאציאנאלע ביבליאטעק"), 10 בענד, 1908—1913.

באנד 1. פאלקסטימליכע געשיכטען (ז' אונטען נ' 92—94).

באנד 2. די צייט.

באנד 3. דראמען.

באנד 4. אדם וחוה.

באנד 5. חסידיש.

באנד 6. סקיצען און בילדער.

באנד 7. פאר קליין און גרויס

באנד 8. אויפזאצען און פעליעטאנען.

באנד 9. אלט און ניי.

באנד 10. פון שטוב און גאס.

די דאָזיגע אויסגאַב איז שוין אַ סך בעסער, ווי די פריהערדיגע, איז אָבער אויך ניט פולשטענדיג און האָט דעמזעלבינגען חסרון, וואָס ביי די איינצעלנע ווערק איז ניט אָנגעגעבען, וואו און ווען זיי האָבען דער־שיינט צום ערשטען מאָל. דאָס וואָלט אָבער געווען זעהר וויכטיג פאַר אַ ליטעראַטור־פאָרשער און ביאָגראַף, ווייל פרץ פלעגט אָפט בעאַרבייטען און שטאַרק אומענדערן זיינע ווערק. אין דער אויסגאַב פון „אַלע ווערק" ווערט איטליך ווערק געבראַכט אין דער נייסטער און לעצטער בעאַרביי־טונג, און קיין שום וואַריאַנטען פון פריהערדיגע אויסגאַבען ווערען ניט אָנגעגעבען. דאָס איז אָבער אַן אַלגעמיינער חסרון פון אַלע אויסגאַבען פון אַלע אונזערע קלאַסיקער: זיי ווערען בעזאָרגט פון פערלעגער, וואָס האָבען ניט קיין ברעקעל השגה וועגען וויסענשאַפטליכע פאָדערונגען, קיין רמז אויף אַ היסטאָרישען חוש און האָבען אין זינען בלויז און אויסשליסליך קליין־קרעמערישע אינטערעסען. ביי דער פרימיטיווער התנהגות פון אונזערע עם־הארצישע פערלעגער איז קיין חדוש ניט, וואָס זייערע אויס־גאַבען זיינען פול מיט די נאַרישעסטע דרוקפעהלער, אַזוי אַז ס'איז אפילו ניטאָ קיין טאָלק אין דער נומעראַציע פון די בענדער: באַנד 6 און באַנד 7 זיינען ביידע באַצייכענט אויף די שער־בלעטער מיט איין נומער, דאָס־זעלביגע באַנד 8 און 9.

## ב. י. ל. פרץ, אַלס פערלעגער.

אַ סך פון פרצ'עס בעסטע ווערק זיינען געדרוקט געוואָרען אין זיינע איינענע אויסגאַבען, אין די זאַמעלביכער און זשורנאַלען, וואָס ער האָט אַליין ארויסגעגעבען און רעדאַקטירט. אָט זיינען די דאָזיגע אויס־גאַבען.

22. די יודישע ביבליאָטהעק, אַ זשורנאַל פיר ליטעראַטור, גע־זעלשאַפט און עקאָנאָמיע, ארויסגעגעבען דורך י. ל. פרץ און י. דינעזאָהן, יעהרליך; ארוים דריי ביכער, ווארשא 1891, 1892, און 1893.

23. ליטעראַטור און לעבען, זאַמעלבוך פיר ליטעראַטור און גע־זעלשאַפט, ארויסגעגעבען דורך י. ל. פרץ, ווארשא 1894.

24, יום־טוב־בלעטליך, זשורנאַל, ארויסגעגעבען (צו אַלע יום־טובים) דורך י. ל. פרץ, ווארשא 1894—1896. ארוים 17 נומערן. ז' אונטען נ' 81 און 82.

25. די יודישע ביבליאָטעק, מאָנאַטליכער זשורנאַל פאַר וויסענ־שאַפט, ליטעראַטור, קונסט און קריטיק, רעדאַגירט פון י. ל. פרץ, ווארשא (פערלאַגס־געזעלשאַפט „הילף"), 1904. ארוים 4 נומערן.

*26. יודישע וואָכענשריפט, וועכענטליכער זשורנאַל, רעדאַקטירט פון י. ל. פרץ, ווארשא („פּראָגרעס"), ארוים 4 נומערן. ז' אונטען נ' 91.

27. יודיש, ליטעראריש־קינסטלערישעס זאמעלבוך, רעדאקטירט פון י. ל. פרץ,ווארשא („פראגרעס"), 1910. ארוים צוויי בענדער.

## ג. פרצ'עס שריפטען, געדרוקט אין פרעמדע זאמעלביכער און זשורנאלען.

אזוינע שריפטען געפינען זיך אין די הונדערטער, איך האב אבער ניט געהאט קיין צייט זיי אלע צו זאמלען. דא ברענג איך נאר די, וואס זיינען מיר צופעליג באקאנט.

28. י. ל. פרץ, חלוקת החכמות (שיר): השחר, עתון נערך ע"י פרץ בן משה סמאלענסקין, שנה שמינית, וויען 1876, 192—193.

דאס איז דאס ערשטע געדרוקטע געדיכט און בכלל די ערשטע געדרוקטע שאפונג פון י. ל. פרץ. פון דעם דאטום אן (1876) האבען זיך גערעכענט זיינע שריפטשטעלער־יובילעען.

29. י. ל. פרץ, מנגינות הזמן (שירים: האסיף לתקופת השנה, נערך ע"י נחום סאקאלאוו, ווארשא תרמ"ו, 1886, 718—731.

30. י. ל. פרץ, העיר הקטנה (שיר): שם 732—736.

31. י. ל. פרץ, חרבן בית צדיק (דרמה) השלח, כרך 11, 471—474, 566—570, וכרך 12, 529—543, ברלין 1903.

32. י. ל. פרץ, העופות והגולים (ממעשיות של ר' נחמן'קה): השלח, כרך 12, 289—297, ברלין 1903.

33. י. ל. פרץ, בשפל. חזיון במערכה אחת: השלח, כרך 14, 535—545, ברלין 1904.

34. י. ל. פרץ, מפי העם: העולם, ווילנה 1911, נומר 1, 3, 12.

35. י. ל. פרץ, כרת: שם נ' 42.

## ב.—אין אידיש.

36. י. ל. פרץ, מאניש, א ראמאן־באללאדא אין פערזען: די יודישע פאלקס־ביבליאטהעק, ארויסגעגעבען דורך שלום עליכם, ב. 1, קיעוו 1888, 148—158.

דאס איז די ערשטע זאך, וואס פרץ האט געדרוקט אין אידיש.

37. י. ל. פרץ, וועגעס און שולמית (פאראללעלען): דארט, ב, 2, 1889, 142—147.

דאס איז פרץ'ס ערשטער בעלעטריסטישער פעליעטאן.

38. י. ל. פרץ, באנציע שווייג, איבערגעדרוקט מיט לאטיינישע אותיות אין לעא וויענערס היסטארי אוו דהע יידדיש ליטרעיטשור אין דהע נאינטינטה סענטשערי, 1899, 332—353.

39. י. ל. פרץ, די גאלדענע קייט (א דראמע פון חסידישען לעבען):

די וועלט, זאמעלבוך, נ׳ 2, ווילנא 1907, 5—71. (ז׳ אונטען נג׳ 89 און 90).

40. י. ל. פרץ, די גאלדענע קייט: די צוקונפט, אקטאבער 1907.

41. י. ל. פרץ, צוויי ווייבער, א ויכוח צווישען צוויי ווייבער איבער די ערציהונג פון קינדער: פאמיליען-זשורנאל, ניו-יארק, 1, 1911, נ׳ 1.

42. י. ל. פרץ, מאטיל פרינץ (א פאלקסטימליכע הומארעסקע): צוקונפט, ניו-יארק, דעצעמבער 1912.

43. י. ל. פרץ, דאס פארטוך (פאלקסטימליכע הומארעסקע): צוקונפט, ניו-יארק, מערץ 1913.

44. י. ל. פרץ, א חלום פון א ליטווישען מלמד (פאלקסטימליכע הומארעסקע): דארט, יולי 1913.

45. י. ל. פרץ, דער בעל שם פיהרט אויס א שדוך. א נייע מעשה פון בעל שם. געווידמעט אנסקי, דעם זאמלער: די יודישע וועלט, 2, ווילנא (ב. א. קלעצקין), 1914, העפט 4, 3—22.

46. י. ל. פרץ, זינדיג בלוט: דארט, 1914, העפט 5, 183—193.

47. י. ל. פרץ, נעילה אין גיהנם (הומארעסקע): די יודישע וועלט, 3, ווילנא ב. א. קלעצקין), 1915, יאנואר, ז׳ 14—18.

„נעילה אין גיהנם“ איז, אויב איך האב קיין טעות ניט, די ל ע צ ט ע זאך, וואס איז פון׳ם דיכטער ערשיענען ביי זיין לעבען.

צוליעב מאנגעל אין צייט האב איך געמוזט לאזען ביי דער זייט אלע יענע, אפטמאל ערשטקלאסיגע ווערק פרצ׳עס, וואס זיינען געדרוקט געווארען אין די טאג-צייטונגען, ווי „חצפה“, „פריינד“, „היינט“ און אנדערע.

## 2.—ש ר י פ ט ע ן  א י ב ע ר  י צ ח ק-ל י י ב ו ש  פ ר ץ.

(די, וואס זיינען געדרוקט געווארען אין אידיש און העברעאיש צו זיין לעבענס-צייט).

### א. אלגעמיינע אפהאנדלונגען איבער פרץ.

(ביאגראפיש און ליטעראריש-קריטיש ג ל י י כ צ י י ט י ג).

48. בעל מחשבות, ל. פרץ: דער יוד (וואכענשריפט, רעדאגירט פון י. לוריא, 3, קראקא 1901, נג׳ 18—20. (זעה אונטען נ׳ 51).

די דאזיגע ערשטע אלגעמיינע אפהאנדלונג וועגען פרץ איז פון בעל מחשבות געשריבען געווארען צו פרצ׳עס 25-יאהריגען שריפטשטעלער-יובילייע. ס׳איז א קורצע ביאגראפיע און א קורצע, נאר דייטליכע ליטערארישע כאראקטעריסטיק. ז׳ אונטען נ׳ 123.

49. י. ח. זאגאראדסקי, י. ל. פרץ: לוח אחיאסף, 9, ווארשא תרס"ב־1901, 356—361. עם תמונתו של בעל היובל.

50. י. קלוזנר, לדמותו הרוחנית של י. ל. פרץ (למלאת יובל שנים מיום הולדו, ל"ג בעומר תרי"א—תרס"א), עם תמונתו: ספר השנה, מאסף מדעי וספרותי ערוך ע"י נ. סקלוב, שנה שלישית, ווארשא תרס"ב, 1902, 234—239.

51. בעל מחשבות (דר. א. עליאשעוו), געקליבענע שריפטען, ב, 1, ווילנא (ש. שרעבערק) 1910, 73—87 (ארטיקעל: „י. ל. פרץ").

דאס איז דיעזעלביגע ארבייט, וואס איז געדרוקט געווארען אין 1901 יאר, — זעה אויבען נ' 48.

52. מ. פינעס, די געשיכטע פון דער אידישער ליטעראטור, ב, 2, ווארשא (צענטראל"), 1911, 40—64 (פרץ אלס דיכטער) און 116—160 (פרץ אלס פראזא־קינסטלער).

53. זלמן רייזען, לעקסיקאן פון דער אידישער ליטעראטור און פרעסע (רעדאקטירט פון ש. ניגער), ווארשא (פערלאג „צענטראל") 1914, תרע"ד, 497—508 (ארטיקעל: „פרץ, יצחק־לייבוש").

## ב. אלגעמיינע ליטערארישע כאראקטעריסטיקעס און קריטישע אפהאנדלונגען.

54. מ. ווינטשעווסקי, יצחק־לייבוש פרץ: פארווערטס, ניו־יארק מאי 18, 1901.

55. י. קלוזנר, בקורת ב„כתבים" של י. ל. פרץ: השלח, 7, ברלין, 1901, 540—547. אן ענטוזיאסטישע כאראקטעריסטיק.

56. י. א. לובצקי, י. ל. פרץ: הצפה (נערך ע"י ליודוויפול) 1, ווארשא 1903, נג' 173—175.

א פרוב פון אן אביעקטיווער קריטיק. שטעלט זיך אפ באזונדערס אויף די חסרונות פון פרצ'עס שאפען.

57. יעקב מילך, יצחק־לייבוש פרץ (אן אבשאצונג): די צוקונפט, ב. 12, ניו־יארק, 1907, נ' 5, מאי, ז. 39—46 (ז. 281—288). (זעה נ' 58.)

58. יעקב מילך, יצחק־לייבוש פרץ: די פראלעטארישע וועלט, מאנאטל. זשורנאל, ווילנא 1907, נ' 5, מאי ז. 71—86. (זעה נ' 57).

מילך'ס ארטיקעל איז ניט פארענדיגט; דער ערשטער טייל שיל־דערט נאר די סאציאל־פסיכאלאגישע און פאליטישע סביבה אין אידישען פאלק, אין וועלכער פרץ איז ענטשטאנען.

59. זרבבל, קריטישע שמועסען. א. די נשמה און דער מלבוש: די יוגענד־שטימע, 1, ווילנא (פערלאג „האמער") 1908, 44—54.

אויף ז. 48—57 פארגלייכט זרבל פרצ׳ען מיט מענדעלי מוכר ספרים און שלום אש.

60. ש. ניגער, וועגן י. ל. פרץ: ליטעראַרישע מאָנאַטסשריפטען, בוך 1 (רעדאַגירט פון ש. ניגער, ש. גאָרעליק און א. וויטער), ווילנא, פעבר. 1908, 81—106.

דאָס איז די ערשטע אַלזייטיגע, טיעף־אַנאַליטישע כאַראַקטעריסטיק פון פרצ׳עס דיכטערישער פערזענליכקייט, פון זיין ליטעראַרישען שאַפען און פובליציסטישער איינגענאַרטיגקייט. ניגער׳ס אַרטיקעל איז דאָס בעסטע פון דעם, וואָס איז געשריבען געוואָרען וועגען פרצ׳ען, אַן אמת קונסט־ווערק פון ליטעראַרישער קריטיק. זעה אונטען נ׳ 65.

61. סאול ראַסקין, י. ל. פרץ: דאָס נייע לעבען, מאָנאַטל. זשורנ. רעד. פון דר. ח. זשיטלאָווסקי, 2, ניו־יאָרק, 1910, 443—453 (נ׳ 8, אווגוסט, 33—43).

די אַרבייט איז ניט פאַרענדיגט.

63.—ה. ייבין, יסודות היצירה של פרץ: העולם, 6, ווילנה, 1912, נג׳ 9, 10.

64. שכנא עפשטיין, י. ל. פרץ (מכח זיין 60־יאָהר יובילעאום): מיניקעס׳ פסח־בלאַט תרע״ב, ניו־יאָרק, 16—17.

65. ש. ניגער, וועגען אידישע שרייבער. קריטישע אַרטיקלען, וואַרשא (פערלאַג ז. ש. שרעבערק, ווילנא), ב. 1, תרע״ג 1912, 135—174 (אַרטיקעל: „י. ל. פרץ“).

דאָס איז אַ גרינדליכע בעאַרבייטונג און טיילווייז אַן ענדערונג און קירצונג פון דעם אַרטיקעל, וואָס מיר האָבען געבראַכט אויבען אונטער נ׳ 60.

66. ש. ניגער, די דריי יסודות פון פרצ׳עס שאַפען: די אידישע וואָכענשריפט (רעד. פון דוד פינסקי), ניו־יאָרק 1912, 258—262, 292—295 און 320—323.

דאָס זיינען, איינגענטליך, די קאַפּיטלען 4 ביז 6 פון דעם אַרטיקעל, וואָס מיר האָבען אָט ערשט געבראַכט אונטער נ׳ 65.

ג. איינצעלנע זייטען פון פרצ׳עס ליטעראַרישער פערזענליכקייט.

67. מ. לאַזאַרסאָן, יהודה שטיינבערג (קריטישע נאָטיצען): די צוקונפט 1908, נ׳ 6, 41—47 (367—373).

פאַרגלייכט י. שטיינבערג׳ן מיט פרצ׳ען און מ. י. בערדיטשעווסקי׳ן אין זייער באַציהונג צום חסידיזם.

68. צביון, נייע שטרעמונגען אין דער ליטעראַטור און „פרייע ליעבע“: דאָרט 1908, נ׳ 7, 41—46 (435—440).

באַהויפּט, אַז פּרץ („דער שטריימעל") האָט דער ערשטער געהאַט דעם מוט צו באַריהרען די פראַגע פון „פרייער ליעבע" אין דער „צנוע'די־נער" אידישער ליטעראַטור.

?69. נח פּרילוצקי, „האָס ביסעל יודישע שריפטען": גאָלדענע פונקען, זאַמעלביכער רעדאַגירט פון נ. פּרילוצקי, 1, וואַרשאַ (1908?), 73—90.

?70. וולאַדעק, טרוימען און ווירקליכקייט (צופעליגע געדאַנקען): טרוימען און ווירקליכקייט, ליטעראַרישער זאַמעלבוך, רעדאַקטירט פון י. אַדלער און י. סלאָנים, ניו־יאָרק, יאַנואַר 1909.

?71. י. ענטין, אַ אידישער ראָמאַנטיזם: דאָרט.

?72. י. סלאָנים, עדגאַר פּאָע: דאָרט.

73. יעקב פיכמאַן, די יודישע מוזע, זאַמלונג פון די בעסטע יו־דישע ליעדער, וואַרשאַ (וועלט־ביבליאָטעק") תרע"א 1911. הקדמה: די יודישע ליריק, ז. 18—19.

74. יהואש, נאַטור־שילדערונגען אין דער אידישער ליטעראַטור: די צוקונפט 1911 און 1912.

דער פערטער קאַפּיטעל (צוקונפט 1912, נ' 2, ז. 133—137) רעדט וועגען די נאַטור־שילדערונגען ביי פּרצ'ען.

?75. ב. ריווקין, אידעאַל איבער אידעאַלען: די ליטעראַרישע וועלט, אַרויסגעג. פון אברהם רייזען, ניו־יאָרק, 1912.

?76. ב. ריווקין, פּערספּעקטיווען פון אידישען ראָמאַנטיזם: דאָס נייע לעבען, רעדאַג. פון דר. ח. זשיטלאָווסקי, ניו־יאָרק 1913, 200—208.

7. בעל מחשבות, די לעצטע ליטעראַרישע עפּאָכע: די צוקונפט 1913, נ' 4, 386—389; נ' 5, 499—503; נ' 6, 607—610; נ' 7, 727—731.

אין זיין מערקווירדיגער כאַראַקטעריסטיק פון דער נייסטער אידישער ליטעראַטור, אַנאַליזירענדיג איהר אונטערשייד פון דעם אַלטען דור, זאָגט בעל מחשבות אַרויס אויך איינינע געדאַנקען וועגען פּרצ'ן, דעם „יונגסטען צווישען די יונגע"..

78. בעל מחשבות (דר. א. עליאַשעוו), געקליבענע שריפטען, ב, 3, ווילנאַ (ווילנער פערלאַג פון ב. א. קלעצקין) 1914, ז. 5—25 (אַר־טיקעל „דריי שטעדטלעך").

פּאַראַלעלט די ראָל פון קליין־שטעדטעל אין דער דיכטונג ביי מענדעלי, שלום־עליכם, אברהם רייזען, פּרץ, אַש און א. מ. וויסענבערג. אויף ז. 9—14 שטעלט זיך בעל מחשבות אָפּ ספּעציעל אויף פּרצ'עס „רייזען איבער פּוילישע שטעדטלעך".

?79. דוד איינהאָרן, גערהאנקען איבער דער אידישער ליטעראַ־טור: דאס נייע לעבען, רעדאג. פון דר. ח. זשיטלאָווסקי, ניו־יאָרק, 1914, 187—198.

אין די נומערן 67—79 געפינען זיך על פי רוב צעוואָרפענע און פליכטיגע באמערקונגען איבער די איינצעלנע זייטען פון פּרצ'עס שאַפען, איבער זיין ראָמאַנטיזם, נעאָ־חסידיזם, זיין ראָל אין דער ענטוויקלונג פון דער אידישער ליטעראַטור און דגל. דערביי ווערט אָפט געמאכט אַ פארגלייך פון פּרצ'ען מיט אנדערע דיכטער.

## ד. קריטישע אָפּהאַנדלונגען איבער פּרצ'עס איינצעלנע ווערק.

צו דער אָפּטיילונג איז כדאי צו באמערקען, אז מכח פּרצ'עס ווערק פלעגט מען שרייבען געוועהנליך גאנצע און אויספיהרליכע קריטיקען, ניט באנוגענדיג זיך מיט קיין קורצע רעצענזיעס. פאר די פּראָפעסיאָנעלע רעצענזענטען, אָט די קאָמישע מבינים אויף אלצדינג אין דער וועלט, איז פּרץ געוועזען, צום גליק, צו גרויס און צו הויך געוואקסען. נאָר אין דער ערשטער צייט פון זיין שאַפען, ווען ער האָט נאָך ניט דערגרייכט זיין באריהמטקייט, באגעגענען זיך אַ פּאָר רעצענזיעס איבער פּרצ'עס אויס־גאבען. איינער פון זיינע רעצענזענטען, ד ו ד פ ר י ש מ א ן , איז אויף אייביג פארבליעבען פּרצ'עס פערזענליכער פיינד און האָט איהם שטענדיג פארפאָלגט מיט שמוציגע און שרעקליכע זלזולים. פרישמאנ'ס רעצענזיעס־פּאַסקווילען ז' אונטען נג' 81—86.

80.—(פּרץ סמאָלענסקין), בקורת: השחר, שנה תשעית, וויען תרל"ז, 1877, 463.

דאָס איז אַ קורצע רעצענזיע אויף פּרץ און ליכטענפעלד'ס לידער־זאמלונג „ספורים בשיר ושירים שונים“, ז' אויבען נ' 1.

*81. א. גאָלדבערג, לאָקשען, 1894.

*82. א. גאָלדבערג, א פלוי פון תשעה באב, 1894.

א. גאָלדבערג איז דער פּסעוודאָנים, אונטער וועלכען דער בעקאַנ־טער שרייבער דוד פרישמאן האָט געמאכט זיין ערשטע שמוציגע אטאקע געגען פּרצ'עס „יום־טוב־בלעטלעך“ (ז' אויבען נ' 24). איצט זיינען ביי־דע בראשורען געוואָרען אַ ביבליאָגראַפישע זעלטענקייט, און מיר האָט זיך ניט קוקענדיג אויף אלע זוכענישען, ניט איינגעגעבען זיי צו זעהען.

83. דוד פרישמאָן, מכתבים על דבר הספרות, ווארשא תרנ"ה 1859 (מכתב שלישי, עמ' 40—78).

דאָס איז אַ חוצפה'דיגער פּאַסקוויל אויף פּרצ'עס העברעאישע ליע־דער־זאמלונג „העוגב“ (ז' אויבען נ' 2). פרישמאן באשולדיגט פּרצ'ען אין אַ סיסטעמאַטישען „פּלאַגיאַט“ (ביי שאמיסאָ און ביי היינען) און

נאָך אין אזוינע חטאים. דער טאָן פון פרישמאנ׳ס באשולדיגונגען איז שרעקליך פארביסען און ביז׳ן העכסטען גראד אונאנשטענדיג.

84. לעקטאָר, צווישען ציימונגען און זשורנאלען: יודישע פאָלקס־ציימונג (רעדאג. פון מ. ספעקטאָר און ח. ד. הורוויץ), 2, קראָקוי 1903, נ׳ 30.

דאָס מאָל אונטער׳ן פסעוודאָנים „לעקטאָר" מאכט פרישמאן א נייעם שמוציגען ארויספאָהר געגען פרצ׳ען, פאר זיינע געדיכטען אין „הצפה" נאָך דעם קישענעווער פאָגראָם. פרישמאן באשולדיגט דעם דיכטער אין „פלאגיאט" ביי ביאליק׳ען.

85. דוד פרישמאן, שריפטען. ב. 3 קריטיק, ווארשא תרע״א 1911, ז. 99—101 (ארטיקעל: „צווישען ציימונגען און זשורנאלען, 1").

דאָס איז נאָר איבערגעדרוקט דער זעלביגער פאסקוויל, וואָס מיר האָבען אָט ערשט געבראכט אונטער נ׳ 84.

86. דוד פרישמאָן, שריפטען, ב. 3, ווארשא 1911, ז. 115—120 (ארטיקעל „טעאטער, בריעף 1").

ווידער א גיפטיגע אטאקע אויף פרצ׳ען פאר דעם אינטערעס און ליעבע, וואָס פרץ האָט ארויסגעוויזען דעם אידישען טעאטער. פרישמאנ׳ס פערזענליכע העצעס געגען פרצ׳ען האָבען זיך נאָך איבערגעחזר׳ט אין דער ציימונג „היינט" אין 1911 און 1912 יאר. דער „קריטיקער" האָט מיט גאל פערפאָלגט ניט נאָר פרץ, אלס דיכטער, נאָר אויך פרץ דעם קולטור־טרעגער און פרץ דעם הייסען כלל־טוער.

87. יוסף קלוזנער, שירי אהבה: האשכול, מאסף ספרתי ומדעי יו״ל ע״י י. ש. פוכס וד״ר ע. גינציג, שנה ראשונה, קראקא תרנ״ח 1898, 54—71.

בעגייסטערט פון פרצ׳עס „העוגב" (ז׳ אויבען נ׳ 2), פארגלייכט קלויזנער פרצ׳עס ליעדער מיט די עראָטישע ווערק פון דער גאנצער העברעאישער ליטעראטור פאר פרצ׳ען (שיר השירים, יהודה הלוי, י. ל. גאָרדאָן א. אנד.).

88. בעל מחשבות, „דער נסיון", א דראמע פון י. ל. פרץ: דאָס יודישע פאָלק 1, ווילנא 1906, נ׳ 1.

89. וולאדעק, וועגען א נייער דראמע („די גאָלדענע קייט" פון י. ל. פרץ): די נייע צייט, זאמעלבוך 1, ווילנא 1908, 55—64.

90. ש. ניגער, ביבליאָגראפישע נאָטיצען (זאמעלבוך „די וועלט", —דראמע „די גאָלדענע קייט" פון י. ל. פרץ): ליטעראַרישע מאָנאַטסשריפטען (רעדאג. פון ש. ניגער, ש. גאָרעליק און א. ווייטער), בוך 1, ווילנא פעבר. 1908, 133—137.

91. ד. וואלין, אין דער ליטעראַרישער וועלט: **פרייע ארבייטער־שטימע**, ניו־יארק 1909, נ' 27.

א רעצענזיע אויף פּרצ'עס זשורנאל „די יודישע וואָכענשריפט" (ז' אויבען נ' 26).

92. ש. ניגער, דאָס בוך (וועגען 1טען באנד פון י. ל. פּרצ'עס שריפטען, „פאָלקסטימליכע געשיכטען"): **לעבען און וויסענשאפט** (ש. הורוויץ) 1, נ' 8, ווילנא, פעבר. 1910, 57—74 און נ' 9, מערץ 1910, 61—82.

93. ש. ניגער, **וועגען אידישע שרייבער**, קריטישע ארטיקלען, ווארשא (פערלאג שרעבערק אין ווילנא), ב. 1 1913, ז. 175—200 (ארטיקעל „דאָס בוך").

דאָס איז דאָסזעלביגע, וואָס נ' 92, נאָר מיט אומבאַדייטענדע סטיליסטישע ענדערונגען.

94. מ. קאַטץ, גאָט־זוכעניש און זיך־אליין־זוכעניש (אַנ'איבערבליק איבער י. ל. פּרצ'עס „פאָלקסטימליכע געשיכטען'): **ליטעראַטור**, זאמעלבוך 1, רעדאג. פון י. ענטין, י. סלאָנים און מ. י. חאימאָוויטש, ארויסגעג. פון פעראיין „ליטעראַטור", ניו־יארק, יולי 1910, 79—92.

3.

## א.—ביאגראפישע מאטעריאלען וועגען פרץ.

95. **N. N.** פרצ'עס יובילייָ: דער יוד, וואָכענשריפט, רעדאג. פון י. לוריא, 3, קראקא 1901, נ' 21.

96. ע. נ. פרענק, אמאָל און היינט (א מין בריעף אין רעדאַקציע): יודישע פאָלקס־צייטונג, וואָכענשריפט, רעדאג. פון מ. ספּעקטאָר און ח. ד. הורוויץ, 2 קראקא, 1903, נ' 9.

97. מ. חיות, צווישען אונז געֿרעדט (משלוח מנות ווארשעווער יודישע ליטעראַטען): דאָרט, נ' 11.

98. ל. שאלקאָוויטש, איין ערקלעהרונג פונ'ם ארויסגעבער: דאָרט נ' 12.

99. מ. ספּעקטאָר, א מעשה מיט דריי גבירים: דאָרט נ' 12.

100. הל'ץ, מעשה בג' קבצנים (מספורי בית הכנסת שלנו): הצפה (נערך ע"י א. לידוויפּול) 1 ווארשא 1903, נ' 47.

די נג' 96—100 מוזען באנוצט ווערען נאָר אינאיינעם. אין זיי האָט זיך ארויסגעדריקט א פערזענליכער סכסוך צווישען ווארשעווער ליטעראַטען, פערלעגער און זשורנאלען, וואו ס'זיינען געוועזן פערוויקעלט אויך י. ל. פּרץ, מ. ספּעקטאָר, דוד פרישמאן און אנד. ז' אויך אויבען נ' 86. נ' 99 („א מעשה מיט דריי גבירים") שטעלט מיט זיך פאר א בייזע און

פולע מיט גאל תשובה אויף פרצ׳ס טרעפליכען פעליעטאָן „מעשה בנ׳ קבצנים" (נ׳ 100), וואָס ער האָט געדרוקט אין „הצפה" אונטער זיין פסעוודאָנים „הל׳ץ".

101. ה. ד. נאָמבערג, א נייע יידישע טרופע: ראָמאַנציישונג, וואָכענבלאַט רעדאג. פון מ. קרינסקי, ווארשא 1907, נ׳ 6, 219—221.

א נאָטיץ מכח א נייער אמאַטאָרען־טרופע אין ווארשא מיט פרצ׳ען בראש.

102. ליטערארישע מאָנאַטשריפטען, רעדאג. פון ש. ניגער, ש. גאָרעליק און א. וויטער, בוך 1, פעבר. 1908, ז. 154.

א נאָטיץ וועגען דעם, ווי פרץ האָט שטארק איבערגעאַנדערשט זיין דראמע „ביינאכט אויפ׳ן אלטען מארק". ז׳ אויך אויבען נ׳ 62, אלס ביאגראפישעם מאַטעריאל.

## ב.—א ו י ט אָ ב י א ג ר א פ י ש ע  מ א ט ע ר י א ל ע ן.

בעמט אלע פעליעטאָנען פון פרץ און איינינע פון זיינע מעשה׳לעך קאָנען דיענען אלס אויטאָביאגראפישעם מאטעריאל. מיר וועלען דאָ אויסטיילען בלויז זיינע ל י ט ע ר א ר י ש ע  א נ י ־ מ א מ י נ ׳ ס, וואָס ער האָט געגעבען אין פאָלגענדע ארטיקלען:

103. י. ל. פרץ, געדאנקען איבער ליטעראטור: י. ל. פרץ, אלע ווערק (ז׳ אויבען נ׳ 21), ב. 8 „אויפזאצען און פעליעטאָנען", ז. 295—302.

104. י. ל. פרץ, דער דיכטער, דאָס בוך און דער לעזער: יודיש, זאמעלבוך, רעדאג. פון י. ל. פרץ, ב. 1, ווארשא („פראָגרעס") 1910, 7—16.

105. י. ל. פרץ, דער דיכטער, דאָס בוך און דער לעזער: דאָרט, ב. 2, 7—13.

ניט קוקענדיג אויף דעם געמיינזאמען קעפעל, זיינען דאָס צוויי גאנץ באזונדערע ארטיקלען.

דעם אָ נ ה ו י ב פון פרצ׳עס א ו י ט אָ ב י א ג ר א פ י ע שטעלט מיט זיך פאָר נ׳

106. י. ל. פרץ, מיינע זכרונות: די יודישע וועלט, 1, ווילנא, (פערלאג ב. א. קלעצקין) 1913, נ׳ 5, ז. 5—18; נ׳ 6, ז. 6—20; נ׳ 7, ז. 3—25; נ׳ 8, ז. 37—51; נ. 9, ז. 11—23; נ׳ 10, ז. 3—16; נ׳ 11, ז. 3—20; נ׳ 12, ז. 3—10.

צו די ביאגראפישע מאַטעריאלען געהערען אויך פאָרטרעטען. פרצ׳עס ב י ל ד ע ר (פ אָ ר ט ר ע ט ע ן) זיינען געדרוקט געוואָרען: צוערשט, אויב איך האָב קיין טעות ניט, אין זיין „העוגב" (ז׳ אויבען נ׳ 2) אין

1894 יאהר, און שפּעטער אין פאַרשיידענע אויסגאַבען, ז׳ אויבען נג׳ 3, 17, 49, 50, 18—21, 57, 53, אין יאהרבוך „פּראָגרעס“, רעדאג. פון אבר. רייזען, ווארשא 1904 און א סך אנדערע אויסגאַבען. צווישען א סך אנדערע שרייבער־בילדער האָט דער פאַרלאַג „צענטראל“ אין ווארשא —ניו־יארק ארויסגעגעבען אויך פּרצ׳עס פּאָרטרעטען אויף פּאָסט־קארט־לאַך און אין וואנט־בילדער, און אין גרופּען צוזאַמען מיט אנדערע ליטע־ראטען.

ג.—פּרץ וועגען—אנדערע.

נאָך דעם, ווי מיר האָבען געהערט דעם דיכטער רעדען וועגען זיך און וועגען זיינע קינסטלער־אידעאַלען, לאָמיר איהם לאָזען רעדען וועגען אנדערע דיכטער:

107. י. ל. פּרץ, יעקב דינעסאָן (האראקטעריסטיק): די יודי־שע ביבליאָטעק, מאָנאַטל. זשורנאל רעד. פון י. ל. פּרץ, קראקא תרס״ד 1904, ה׳ 1, 57—63.

די דאָזיגע פּערזענליכע און ליטעראַרישע האראקטעריסטיק, וואָס פּרץ האָט געגעבען זיין געטרייסטען פריינד דינעזאָן, איז דערנאָך אי־בערגעדרוקט געוואָרען אין:

108. מיניקעס׳ ימים נוראים און סכות־בלאַט תרס״ז, ניו־יארק 1906, 59—61.

דער דאָזיגער ארטיקעל איז אויך אריין אין דער אויסגאַב פון פּרצ׳עס „אלע ווערק“ (ז׳ אויבען נ׳ 21), ב. 8, „אויפזאצען און פעליעטאָנען“ ז. 271—278.

109. (י. ל. פּרץ), שלום אש (א קריטיק איבער די דראמען „משיח׳ס צייטען“ און „גאָט פון נקמה“): ראַמאַנצייטונג, וואכענבלאט רעדאגירט פון מ. קרינסקי; 1, ווארשא 1907, נ׳ 3, 90—92.

110. י. ל. פּרץ, „די פאַמיליע צבי“ פון דוד פּינסקי: די פּראָלעטאַרישע וועלט, מאָנאַטל. זשורנאל, ווילנא 1907, נ׳ 3, מערץ 1907, 71—83.

ד.—יצחק־ליבוש פּרץ און די אידישע שפּראַך.

פּרצ׳עס באַציהונגען צו אידיש און צום אידישען פּאָלקלאָר האָט זיך שטארק געענדערט פאַר די פערציג יאָהר פון זיין ליטעראַרישער טע־טינקייט. דאָס איז אָבער געוועזען ניט קיין גראַדע ענטוויקלונגס־ליניע פון משכיל׳ישער פיינדליכקייט צו „זשארגאָן“ ביז אידישיסטישען נאַציאָ־נאליזם, נאָר א זיגזאגען־ליניע: דער דיכטער האָט עטליכע מאָל גע־

ביטען זיין מיינונג. אט זיינען די שטעלען, וואו פּרץ רעדט וועגען דער אידישער שפּראך.

112. י. ל. פּרץ, מנגינות הזמן: האסיף לתקופת השנה, נערך ע״י נחום סאָקאָלאָוו, שנה שלישית, ווארשא תרמ״ו, 1886.

אויף ז. 729—730 געפינען זיך די סטראפען 21 און 22, וואו דער דיכטער פּארטיידיגט זעהר ווארים די אידישע שפּראך.

113. י. ל. פּרץ, מאָניש (באללאדא): די יודישע פאָלקס־ביבליאָטהעק, ארויסגעג. פון שלום־עליכם, 1 בוך, קיעוו 188.

אויף ז. 155 (אין דער 7טער סטראפע) גיט פּרץ זעהר א שארפע כאראקטעריסטיק דער אידישער שפּראך; ער קלאגט זיך אויף איהר ארעמקייט און וויסטקייט. די דאָזיגע סטראפע, ווי די גאנצע פּאָעמע, איז דערנאָך פון׳ם דיכטער בעדייטענד איבערגעאנדערשט געוואָרען, און אין דער נייער פארענדערטער פאָרם איז זי געדרוקט אין פּרצ׳עס „שריפטען“, יובילעאום־אויסגאבע (ז׳ אויבען נג׳ 17—20) אין דער צוויי־טער אבטיילונג, ז. 50—51 (סטראפע ד׳), און אין „אלע ווערק“ (ז. אויבען נ׳ 21), ב. 10 „פון שטוב און גאס“, ז. 243—244.

מיט פּרצ׳עס דיכטערישער קלאג אויף „זשארגאָן“ איז כדאי צו פארגלייכען די ארויסזאגונג פון אנדערע אידישע דיכטער וועגען זייער שפּראך:

ש. פרוג, ליעדער פונ׳ם אידישען זשארגאָן, — אין זיינע „ליע־דער און געדאנקען“, אדעס תרנ״ז 1896, ז. 13—26.

ש. פרוג, דאָס יודישע ליעד, — אלס פאררעדע צו זיינע „אלע שריפטען“ ב. 1, ניו־יארק 1910.

יהואש, אידישע ראָמאנצען, — אין זיינע „געזאמעלטע ליעדער“, ניו־יארק, ז. 300.

ר. שטארקמיטה, ליעדער פונ׳ם יודישען זשארגאָן, — אין „הויזפריינד“, זאמעלבוך ארויסג. פון מ. ספעקטאָר, ב. 1, ווארשא 1888, צווייטע אויסגאבע („פּראָגרעס“) 1909, ז. 7—21.

מאָרים ווינטשעווסקי, זשארגאָן, — אין זיינע „ליעדער און געדיכטע“, ניו־יארק 1910, ז. 25.

מאָרים ראָזענפעלד, אידיש (אין איילעניש האָב איך ניט גע־קאָנט געפינען דעם ליעד).

א. מ. שארקאנסקי, מיין שפּראכע, — אין זיינע „גלות־ליעדער“.

בעת פּרץ, פרוג און יהואש בעקלאָגען זיך אויף דער אידישער שפּראך, ווערט זי פארטיידיגט פון שטארקמיטה, ווינטשעווסקי, מ.

ראָזענפעלד און שארקאנסקי. שפּעטער איז אבער פּרץ געוואָרען אַ הייסער אנהענגער פון אידיש.

114. י. ל. פּרץ, בילדונג! : די יודישע ביבליאָטהעק, ארויסגעג. פון י. ל. פּרץ און י. דינעזאָהן, ב. 1, ווארשא 1890, ז. 5—20.

אין דעם לייט־ארטיקעל גלויבט פּרץ נאָך ניט אין דער צוקונפט פון אידיש און זאָגט אָפען ארויס זיין וואונש, אז אידיש זאָל פארביטען ווערען אין׳ם געברויך פון אידישען פאָלק מיט אנדערע שפּראכען.

דער ארטיקעל איז איבערגעדרוקט אין זיינע „שריפטען“ יובילעאום־אויסגאבע (ז׳ אויבען נג׳ 17—20), ז. 3—16.

115. י. ל. פּרץ, וואָס ווילען מיר? : ליטעראטור און לעבען, זאמעלבוך ארויסגעג. פון י. ל. פּרץ, ווארשא 1894, ז. 4—10.

פארטיידיגט אידיש פון קולטור־טרעגערישען שטאנדפּונקט. דער דאָזיגער לייטארטיקעל איז איבערגעדרוקט אין פּרץ׳עס „שריפטען“ יובילעאום־אויסגאבע ז. 20—24.

116. י. ל. פּרץ, רעדע אויף דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ: ד״ר נתן בירנבוים׳ס וואָכענבלאט, טשערנאָוויץ, 1908, נ׳ 2.

דאָס איז שוין אַ פייערדיגע נאַציאָנאַלע רעדע.

117. י. ל. פּרץ, ערקלערונג (וועגען זיין פּאָזיציע מכח אידיש אויף דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ): קונסט און לעבען, זשורנאל ארויסגעג. פון אברהם רייזען, ה. 4, ווארשא, 1909. ז. 62—63.

אין דער מערקווירדיגער „ערקלערונג“ שטעלט זיך דער גרויסער דיכטער אויף דעם סינטעטישען שטאנדפּונקט, וואָס שליסט אויס די עקסטרעמען סיי פון אידישיזם, סיי פון העברעאיזם: דער סינטעטישער קוק אויף אונזער שפּראַך־פּראגע איז דער רעזולטאט פון פּרץ׳עס לאַנגער שעפּפערישער ערפאהרונג.

*118. י. ל. פּרץ, יודיש: די יודישע וואָכענשריפט, ארויסגעג. פון י. ל. פּרץ, ווארשא 1909.

119. י. ל. פּרץ, די צוקונפט פון יודישען פאָלק, זיין קולטור און זיין שפּראַך: דאָס יאָהר, זאמעלבוך ארויסגעג. פון אברהם רייזען, ווארשא—ניו־יארק, תרע״א 1910, 46—48.

וועגען דער באציהונג פון פּרץ צו דער אידישער שפּראַך האָבען געשריבען:

ש. ציניבערג, — ז. אונטען נ׳ 126 און 131.

ז. רייזען, — ז. אויבען נ׳ 53.

120. א. קרנין, פּרץ וועגען זשארגאָן: דער אידישער קעמפּפער, 2, ניו־יארק, 1907 נ׳ 27, און

.121 ב. באָראָכאָוו, די אויפגאבען פון דער יידישער פילאָלאָגיע: דער פנקס, יאָהרגאנג רעדאקטירט פון ש. ניגער, ווילנא (פערלאג פון ב. א. קלעצקין), תרע"ג 1913.

אין מיין ארטיקעל וועגען דער אידישער שפּראך אין דער „יעווּרעיסקאַיע ענציקלאָפּעדיא“, פּעטערבורג, זעכצעהנטער באנד, האָב איך געשריבען אויך מכח דער ראָל, וואָס פּרץ האָט געשפּיעלט אין דער ענטוויקלונג פון דער אידישער שפּראך, נאָר די רעדאקציע האָט די שטעלע דוקא ארויסגעוואָרפען. מסתמא האָט זי געהאט דערביי איהרע קלוגע טעמים...

## 4.—וואָס איז געשריבען וועגען פּרץ אין אנדערע שפּראכען.

### ad 2 א:

122. Leo Wiener: The History of Yiddish Literature in the Nineteenth Century, New York 1899. Index.

123. Dr. J. Eliashoff, Leon Perez: Ost und West, von Leo Winz, I, Berlin 1901, 299-306 (sieh oben No. 48).

124. M. Pinès: Histoire de al littérature Judéo-Allemande, Paris 1911, pp. 302-328 et 438-493 (J. L. Perez).

125. A. S. Waldstein, Peretz, Isaac Löb: Jewish Encyclopedia, v. IX 1904, 598-599.

126. С. Цинбергъ, Перецъ, Исаак-Лейбушъ (Леонъ): Еврейская Энциклопедія, т. XII, 397—400.

### ad 2 ב:

127. Martin Buber, J. L. Perez (Ein Wort zu seinem 25-jährigen Schriftsteller-Jubiläum): Die Welt, V, Wien 1901, No. 18.

128. R. Brainin, J. L. Perez: ibid.

129. J. Slonim, I. L. Perez: The Menorah (monthly), v. 36, New York 1904, 51-52.

130. J. Klausner, J. L. Perez, a criticism, transl. from the Hebrew by Sampson Lederhendler: Maccabean v. VIII, 1905, 103-105.

131. С. Л. Цинбергъ, Жаргонная литература и ея читатели: Книжки Восхода, годъ 23, С. Петербургъ 1903, апрѣль, стр. 43—44.

132. Н. Сыркинъ, И. Л. Перецъ: Русско-американское Эхо, Нью-Йоркъ, 21 окт. 1909.

133. Israel Cohen, Literature in the Ghetto: Jewish Literary Annual, 1904. Separate edition, London 1904.

134. Helena Frank, The Land of Jargon: The Nineteenth Century and After, v. XVI, July-Dec. 1904. London, 652-667.

135. Helena Frank, on Yiddish Literature: The Jewish Literary Annual, London 1906, 82-89.

136. Nathan Birnbaum (Mathias Acher), Vorrede (zu seiner Übersetzung von) J. L. Perez, Ausgewählte Erzählungen und Skizzen, Berlin (Jüdischer Verlag) 1905. Nachgedruckt in:

137. Nathan Birnbaum, Ausgewählte Schriften zur Jüdischen Frage, Bd. II, Czernowitz, 1910, s. 291-295.

138. J. L. Perez, in English: The American Hebrew, Sept. 21, 1906 (see No. 149).

139. Meisels, Jargonlyrik: Ost und West, VII, Berlin 1907, 369-386.

140. Dr. I. Eliaschoff, Jargonliteratur: Ost und West, VIII, Berlin, 1908, 227-240.

141. Kecskeméti Armin, A Zsidó irodalom története, II Kötet, Budapest 1909, k. 288-299.

142. Kiss Arnold, Jargon irodalom és Költészet: Evkönyv, Kiadja az Israelita Magyar Irodalmi Társulat, Budapest, XXV Kötet, 1908, k. 41-80.

143. Theodor Zlocisti, Vorrede (zu seiner Übersetzung): Aus einer stillen Welt, Berlin 1910 (sieh N. 160).

144. Dr. I. Eliaszow, Literature żargonowa: "Safrus," Książka zbiorowa poświęcona sprawom żydostwa, pod red. Jana Kirszrota, Warszawa 1905, str. 41-52.

145. Сарра Рабиновичъ, Жизнь торговыхъ и трудящихся классовъ въ изображеніи Переца: Еврейскій Міръ, С. Петербургъ 1909, V, май, ч. II, 69—79 и кн. VI, іюнь, ч. II, 49—58.

**ad 3 א—ב:**

146. Nathan Birnbaum, Gäste in Czernowitz, Nach der

Sprachkonferenz: Jüdische Zeitung, Wien, Sept. 1908. Nachgedruck in:

147. Nathan Birnbaum, Ausgewählte Schriften zur Jüdischen Frage, Bd. II, Czernowitz 1910, 307-311.

148. Joseph Massel, Hebrew Poets, Manchester (a Gallery), 46.

### 5.—איבערזעצונגען פון פּרצ'ען אין אנדערע שפּראכען.

### אין ענגליש.

149. I. L. Perez, Stories and Pictures, translated from the Yiddish by Helena Frank, Philadelphia 1906. 455 pp. 8 v. See No. 138.

150. I. L. Perez, The Four Wills: Menorah v. 32, 1902, 88-93.

151. I. L. Perez, Michel the Klesmer: New Era, v. VI, 1904, 81-82.

152. I. L. Perez, The Eighth Circle of Gehenna: being an account of the new circle in hell destined for social reformers, From the Hebrew by Horace M. Kallen: Jewish Quarterly Review XX, 1908, 640-646, and Maccabean XIV, 1908, 211-214.

153. I. L. Perez, The Klesmer: The Jewish Advocate, March 3 and 10, 1911.

154. Yiddish Tales, translated by Helena Frank, Philadelphia 1912, pp. 55-79: Perez (a short biography); Perez: A Woman's Wrath—The Treasure—It is Well—Whence a Proverb.

155. Perez, History (a dialogue), translated from the Yiddish by Joseph Jasin and Emma Jasin: Maccabean XVII, 1909, 195-200.

156. Perez, Bonzye Schweig, translated by Helena Frank: The Jewish Advocate, Sept. 27, 1912.

### אין דייטש.

157. J. L. Perez, Der Rabbi von Nemirow und sein Eidam. Aus dem Hebräischen übersetzt von Moris Zobel: Die Welt, V, Wien 1901, N. 18.

158. J. L. Perez, Ausgewählte Erzählungen und Skizzen, aus dem Jüdischen übersetzt von Mathias Acher, Berlin (Jüdischer Verlag) 1905.

159. J. L. Perez, Volkstümliche Geschichten, übersetzt von Mathias Acher, Berlin (Jüdischer Verlag), 139 s. 8o.

160. Aus einer stillen Welt. Erzählungen aus der modernen Jüdischen Literatur. Ins Deutsche übertragen von Th. Zlocisti, 2 Bde, Berlin 1910.

## אין פוילישׁ

161. Henryk Lew, Zydowski humor (ludowy). I, Warszawa 1898: "Chojzek" (Kpiarz), przez I. L. Pereza.

צוליעב גרויס איילעניש האָב איך ניט געקאָנט דורכקוקען די פערשיעדענע פוילישע און פויליש־אידישע זשורנאלען, כדי צו זוכען די איבערזעצונגען פון פרץ, וואָס געפינען זיך דאָרט, בלי ספק, אין א גרויסער צאָל.

## אין רוסיש.

162. И. Л. Перецъ, Расказы и сказки. Перев. съ еврейскаго подъ ред. С. Г. Фруга, С. Петербургъ 1909. 242 стр.

163. Собранiе сочиненiй Леона Переца, Москва, К—во "Современная Проблемы", 1921.—(Разныхъ переводчиковъ.)

Томъ I. Изъ устъ народа.

Томъ II. Сказанiя вѣрующаго.

Томъ III. Время.

Томъ IV. Адамъ и Ева.

(Изданiе разсчитано на 20 томовъ.)

164. Л. Перецъ,Гнѣвъ еврейки, Смерть музиканта, С. Петербургъ, К—во "Прибой", 1904.

165. Л. Перецъ, Между двухъ горъ, пер. съ жаргона : Еврейская Жизнь, С. Петербургъ, 1905, III, 15—27.

166. Л. Перецъ, Посыльный, пер. съ жаргона : тамъ же, IV, 21—28.

167. Любовь, поэма Л. Переца, пер. съ еврейскаго Д. Ф—на ; тамъ же, X, 53—58.

?168. Л. Перецъ, Сумасшедшiй батлонъ : тамъ же, кн. XII.

169. Л. Перецъ, Чудеса не свершились (поэма въ про-

зѣ),, пер. съ жарг. А. И. С. : Еврейская Жизнь, 1906, I, 118—129.

170. Л. Перецъ, Рай (сценка), съ евр.: тамъ же, III, 50—53.

171. Л. Перецъ, На днѣ (пьеса въ 1 дѣйств.), пер. съ евр. Д. З. : тамъ же X, 92—106.

172. Л. Перецъ, Народные разсказы, пер. съ евр. А. М.: Еврейская Жизнь 1907, I, 32—41.

173. Л. Перецъ, Утро въ подвалъ, пер. Г. Любезкаго: тамъ же, II, 66—79.

174. Л. Перецъ, Восьмое отдѣленіе въ аду: тамъ же, III, 79—87.

175. Л. Перецъ, Пришетствіе Мессіи, расказъ: тамъ же, III, 91—98.

176. Л. Перецъ, Въ одной общинѣ (Айзикль Шехтъ), пер. Е. Іоельсонъ: Альманахи молодой еврейской литературы, I, 1908, 51—41.

177. Л. Перецъ, Каббалисты, пер. А. Брумберга: тамъ же, 43—51.

178. Л. Перецъ, Любовъ, поэма, пер. А. Брумберга: тамъ же, 53—62.

179. Л. Перецъ, На покаянной цѣни, драматическая поэма, пер. С. А—скій: Еврейскій Міръ, С. Петербургъ, 1909, I, 14—28 и 11—31.

180. Л. Перецъ, Монишъ, баллада, пер. съ жаргона Беллы Майзель: Развѣтъ, С. Петербургъ ,1910, 40—41.

## אלפאבעטישער אינדעקס

### פון די מחברים און וויכטיגסטע איבערזעצער. ציפערן בעצייכענען נומערן.

אחר, מאטהיאס — ז׳ בירנבוים נתן.
איינהארן, דוד, 79.
אנ־סקי, ש. 179.
באראכאוו, ב. 121.
בובער, מארטין 127.
בירנבוים, נתן 136, 137, 146, 147, 158, 159.
בעל מחשבות 48, 51, 77, 78, 88, 123, 140, 144.
ברומבערג א. 163, 177, 178.
בריינין, ראובן 128.
גאלדבערג א. — ז׳ פרישמאן דוד.
גארין ב. 62.
וואלדשטיין א. ש. 125.
וואלין ד. 91.
ווינטשעווסקי מ. 54,113.
ווינער, לעא 122.
וואלדעק 70,89.

זאַגאָראָדסקי י. ח. 49.
זלאָציסטי, טעאָדאָר 143,160.
זרבל 59.
חיות מ. 97.
יהואש 74, 113.
יואלסאָן ע. 163, 176.
ייבין ח. 63.
לאזאָרסאָן מ. 67.
לובעצקי י. א. 56.
ליכטענפעלד ג. י. 1.
לעוו, הענריך 161.
מאַיזעל, ביילע 180.
מאַיזעלס 139.
מאססעל, יוסף 148.
מילק, יעקב 57, 58.
נאָמבערג ה. ד. 101.
ניגער ש. 60, 65, 66, 90, 92, 93.
סירקין נ. 132.
סלאָנים י. 72, 129.
סמאָלענסקי, פּרץ 80.
ספּעקטאָר, מרדכי 99.
עליאשעוו, א. — ז׳ בעל מחשבות.
ענטין י. 71.
עפּשטיין שכנא 64.
פּיכמאַן, יעקב 73.
פּינעס מ. 52, 124.
פּרוג ש. 113, 162.
פּרומקין א. 4.
פּרילוצקי, נח 69.
פּרישמאַן, דוד 79, 81, 82, 83—86,
100.
פּרענק, „העלענאַ 134, 135, 149, 154,
156.
פּרענק ע. נ. 96.
פּרץ י. ל. 1—47, 100, 103—106,
107—111, 112—119, 149—180.
צביון 68.
צינבערג ש. 126, 131.
קאָהען, ישראל 133.
קאַטץ מ. 94.
קיש, אַרנאָלד 142.
קלויזנער י. 3, 50, 55, 87, 130.
קעטשקעמעיטי, אַרמין 141.
קרנין א. 120.
ראַבינאָוויטש, שרה 145.
ראָזענפעלד, מאָריס 113.
ראַסקין, סאול 61.
ריווקין ב. 75, 76.
רייזען, זלמן 53.
שאַלקאָוויטש ל. 98.
שארקאנסקי א. מ. 113.
שטארקמיטה ר. 113.



Statement of the ownership, management, circulation, etc., required by the Act of August 24, 1912, of LITERATUR UN LEBEN, published monthly at New York, N. Y., for April 1, 1915.

Editor—Dr. K. Vornberg, 397 Springfield Ave., Newark, N. J.

Managing Editor—Dr. K. Vornberg, 397 Springfield Ave., Newark, N. J.

Business Manager—J. Rosenberg, 397 Springfield Ave., Newark, N. J.

Publisher—Yiddish Writers Pub. Co., Inc., 256 E. Broadway, New York; I. A. Hourvich, President; M. Shelubsky, Secretary.

Owners (If a corporation, give its name and the names and addresses of stockholders holding 1 per cent. or more of total amount of stock. If not a corporation, give names and addresses of individual owners)—Yiddish Writers Publishing Company, Inc., 256 E. Broadway, New York. I. A. Hourvich, 80 Maiden Lane, New York; J. Rosenberg, 397 Springfield Ave., Newark, N. J.

Known bondholders, mortgagees, and other security holders, holding 1 per cent. or more of total amount of bonds, mortgages, or other securities (If there are none, so state)—None.

Average number of copies of each issue of this publication sold or distributed, through the mails or otherwise, to paid subscribers during the six months preceding the date shown above. (This information is required from daily newspapers only.)—

J. ROSENBERG,
Business Manager.

Sworn to and subscribed before me this 1st day of April, 1915.

MAX BLESSER,
(Seal) Commissioner of Deeds,
New York City.
(My commission expires July 15, 1915)



י. ל. פרץ

ה. ד. נאָמבערג

# א ליטעראַרישער דור.

(וועגען י. ל. פּרץ).